STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03860

# HEYMISHE BILDER

Mordecai Spector

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

7603
329

# היימישע בילדער.

אַלעָ ווערק

פון

מ. ספעקטאָר.

צווייטער באַנד.

פערלאַג פון געזעלשאַפט „צענטראַל". וואַרשא.

תרע"ג—1913

„Гаймише билдеръ“. Разсказъ М. Спектора.
Наб. въ тип. А. Шрифтгисера, Варшава, Сапежинская № 8.

ВАРШАВА 1912 г.
Типографія Левинъ-Эпштейнъ, Павлиная 38.

329 765

# אַבְרָהָם זִילְבֶּערְצְווייג.

## (ערצעהלונג.)

---

### I.

אַרום און אַרום וויאָרסטען-ווייז האָט מען אַרויסגעזעהן דעם קוימען, פון וועלכען עס האָט געוואַליעט אַ שוואַרצער רויך און געשפריצט מיט פונקען, אַז אַלערליי פויגעל פלעגען אין זייער לופט-וועג אויסמיידען און דערווייטערן זיך פון זיהם, ווי פון אַ ניש-גוטען, ווייל נישט איינע פון זייערע שוועסטער און ברידער, וועלכע זענען אין זייער וועג נישט פאָרזיכטיג געוועזען, זענען געשטרויכעלט געוואָרען, אָבסמאַלענדיג זיך די פעדערליך און פליגעליך און אָפטמאָל פערליערען זייער לעבען, פאַלענדיג אויף דער ערד.

נישט צופריעדען מיט דעם קוימען זענען אויך געווען די גרעזליך און אַלעס, וואָס ווידמען זיך אויף די פעלדער, וועלכע האָבען נאָהנט אַרומגערינגעלט דעם קוימען. אָהן שום רחמנות פלעגען טאָג מיט נאַכט גאַנצע חוואַליעס רויך מיט פונקען זיך זעצען אויף זייערע קעפלעך און זיי פעריאָמערן דאָס לעבען.

צופריעדען מיט דעם קוימען איז נאָר געוועזען אברהם זילבערצווייג, וואָס האָט אין דער פרייער צייט ליעב געהאַט זיך אַנידערשטעלען אויף דעם ברייטען גרויסען פלאַץ פון זיין פאַבריק און קוקען אויף די גלייכקייט און הויכקייט פון דעם קוימען, וועלכע מען האָט קוים מיט דעם אויג געקאָנט דערגרייכען.

און קוקענדיג אַזוי אויף זיין גלייכקייט, ווי ער ציהט זיך מיט

עפּיס אַ מין שטאָלץ גלייך אין הימעל, צו וועלכען ער דערגרייכט שיער-שיער, פלעגט זיך אברהם זילבערצווייג'ן אויסדוכטען, אַז דאָס איז ער אַזוי הויך און גרויס אויסגעוואַקסען, און ער פלעגט בעת מעשה שטאָלץ ווערען ביי זיך.

גלייך ווי דער הויכער קוימען, פלעגט זילבערצווייג קוקען פון אויבען אַראָב אויף די עטליכע טויזענד איינוואוינער פון דעם שטעדטיל נ., וואָס מען האָט אַרויסגעזעהן פון ווייטענס און וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט זיין פאַבריק, וועלכע איז געווען די איינציגע נעבען דעם שטעדטיל.

אַ שטאָלצער און אַ צופריעדענער פון זיינע מעשים, האָט ער זיך אויך געפיהלט ביי זיך צו הויז.

עס איז געווען אין דער צייט, ווען מען אַרבייט מעהר ביי'ם לאָמפּ, ווי ביי דער שיין פון טאָג.

אין אַזוינע לאַנגע נעכט פלעגט מען זיך ביי אברהם זילבערצווייג'ן לעגען פריהער שלאָפען, — אַ נאַכט אַ יאָהר, אַלע אַרבייט האָט מען אין שטוב אָבגעטהון, און די ווייזערס פון דעם זייגער האָבען נאָך אַלץ אָנגעוויזען, אַז עס איז פריה; און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז זיי ריהרען זיך נישט און שטעהען אַלץ אויף איין אָרט.

אין די זומערדיגע גרויסע טעג אין דער צייט, דאָט זיך ערשט געזעצט די זון, די בוימער אַרום דער שטוב האָבען זיך ליעבליך געוויעגט, און פון ערגיץ ווייט האָט זיך אין דער דינער זומערדיגער לופט געטראָגען אַ געזאַנג פון ליעדער — און איצט איז שטיל, מען הערט נישט קיין שאָרך און ביי זילבערצווייג'ן אין הויז לעגט מען זיך שלאָפען פון מעהר נישט האָבען, וואָס צו טהון.

אין דער שטילקייט הערט זיך נאָר מינוטען-ווייז אַ הודען און אַ קרעכצען פון דער פּאַראָווע מאַשין און פון אַלערליי רעדער און רעדלעך, וואָס דרעהען זיך אויף דער פאַבריק. נאָר צו דעם קרעכצען און הודען זענען אַלע ביי זילבערצווייג'ן אין הויז, וואָס האָט זיך געפונען ביי דער פאַבריק, צוגעוועהנט געוואָרען ווי צו אַ גריל אין די קליין-שטעדטילדיגע הילצערנע הייזלעך, וועלכע גרילט און גרילט די גאַנצע לאַנגע נעכט און שטערט נישט קיינעם צו טראַכטען און צו שלאָפען. פערקעהרט, עס זענען דאָ אַזוינע נאַטורען, וועלכע ווערען צוגעוועהנט צום גרילס גרילצען, אַז עס איז זיי אָנגענעהם צו הערען עס, ווי עפּיס אַ מין שענע מוזיק.

אין אברהם זילבערצווייג'ס אויערן האט דאס הודען און קרעכצען פון דער פאבריק אויך שטענדיג געשפּילט ווי א שענע, זיסע מוזיק.

און ביי דער דאזיגער שענער, זיסער מוזיק פלעגט אברהם זילבערצווייג, א צופרידענער, א גליקליכער, רוהיג און געשמאק אנט-שלאפען ווערען.

און ווען ער פלעגט זיך אמאל ביי-נאכט אויפחאפען פון שלאף און, זיך אויסציהענדיג אויף דעם ווייכען געלעגער, דערהערען דעם גאנג פון דער מאשין מיט דעם גאנצען גערודער אויף דער פאבריק, פלעגט איהם וויזרען מחיה'דיג אויף דעם הארצען, און ער פלעגט זיך פיהלען א צופרידענער, א גליקליכער, פונקט ווי דער היים-פערליעבטער, ווען ער חאפט זיך אויף פון שלאף און דערפיהלט נאהנט דעם אטעם פון זיין געליעבטער; ער בעטראכט איהרע שענע האהר, דאס בליהענדע פנים, און קוועלט אן פון איהר יעדען גליעד. איהר אטעם געהט אזוי ביי איהר גלייכמעסיג, איהר פיגור איז אזוי וואונדערליך שען, ווי אויסגעטאקט, ער קאן זיך זאט נישט אנקוקען אויף איהר — און אט זי איז זיינע, זיין אייגענס, ניט קיינעמס, נאר אינגאנצען זיינע און זי איז אזוי נאהנט נעבען איהם, און ער פיהלט איהר ווארימקייט, ער הערט איהר אטעמען, זי איז זיינע, זיינע...

און זילבערצווייג, וויקלענדיג זיך מיט אנגענעהמקייט אין דער ווארימער קאלדרע, האט זיך מיט ליעבע צוגעהערט צו דעם אטעמען פון דער פאבריק, צום דונערען און קרעכצען פון דער מאשין, צו דעם גאנג פון די רעדער און רעדלעך, וועלכע טשעפען זיך איינס אן דעם צווייטען און געהען אזוי גלאטיג, גלייכמעסיג, און האט זיך צוגעהערט צום זשומען, ווי פליעגען, פון די ארבייטער, וואס האט צוגעגעבען א בעזונדער טאקט דעם אטהמען פון דער פאבריק.

און זאט האט ער זיך נישט געקאנט אנהערען איהר אטעמען, וואס איז איהם אזוי ליעב און טייער, און א גליקליכער האט ער זיך געפיהלט וויסענדיג, אז זי, די פאבריק, איז זיינע, אינגאנצען זיינע...

צופריעדען איז ער דענסטמאל געוועזען מיט זיך און מיט דער גאנצער וועלט.

ווי גוט איז די וועלט באשאפען און איינגעארדענט פאר איהם, זילבערצווייג'ן! שוין באלד דרייסיג יאהר ארבייט זיין פאבריק, און וואס ווייטער, ארבייטען אלץ מעהר מענשען. א..ן אנהויב ווינציגער — אינ-גאנצען עטליכע צעהנדליגער, און איצט ארבייטען שוין עטליכע הונדערט

אַרבּייטער. אין די דרייסיג יאָהר — וויפיעל האָבּען זיך פון זיי איבּערגעבּיטען! טייל זענען אַליין אַוועק, טייל האָט ער אַליין אַרויסגעטריבּען. פיעל זענען אונפעהיג געבּליבּען, קראַנק געוואָרען, און אַ טייל זענען געשטאָרבּען; אויף זייערע ערטער קומען אָן אלע מאָל נייע, עס פעהלט קיינמאָל קיין אַרבּייטער, נאָר ער מיט זיין פאַבּריק זענען פערבּליבּען אויף דעמזעלבּען אָרט.

ניט איין מאָל, ווען עס קומט איהם אויס פאַרבּייגעהן צווישען די אויסגעשמירטע פער'חושכ'טע אַרבּייטער, בּעגעגענט ער זיך אַמאָל מיט בּלישטשענדיגע אויגען, וועלכע קוקען אויף איהם, אַ זאַטען, אַנ'אויסגערוהטען און אויסגעפּוצטען: זיי רעדען ניט, זאָגען איהם גאָר ניט, נאָר ער פערשטעהט זייערע בּליקען, ווי גלייך זייערע אויגען רעדען עפּיס מיט פערדראָס.

אַזוינע — אַרבּייטען אין זיין פאַבּריק ניט לאַנג; ער געפינט שוין אורזאַכען אויף אַ פיינעם שטייגער זיך פון זיי צו בּעפרייען, און זייער אָרט פערנעהמען אַנדערע: אויסגעהונגערטע, דערשלאָגענע, אַראָבּגעפאַלענע, וועלכע בּוקען זיך פאַר איהם בּיי יעדער בּעגעגעניש און זענען איהם דאַנקבּאַר פאַר זייער צוועלף-שעה'דיגע שווערע אַרבּייט אין טאָג.

און אַזוי דרייסיג יאָהר. וואָס מעהר עס פערגרעסערט זיך די צאָהל אַרבּייטער, פערגרעסערט זיך זיין פאַבּריק און זיין פערמעגען.

ווי גוט איז די וועלט בּעשאַפען און איינגעאָרדענט פאַר איהם, זילבּערצווייג'ן! מאַכט זיך עפּעס אַ מאָל אין אַ יובל אַ אונצופרידענקייט צווישען די אַרבּייטער איבּער אַ פאָר עזות-פּנים'ער, קומט איהם צו-הילף די גאַנצע פּאָליציי מיט סאָלדאַטען און מען מאַכט אָרדנונג, און אויף איהם, זילבּערצווייג'ן, זאָל קיין שפּרינקעלע חס ושלום ניט פאַלען, קיין האָהר זאָל פון איהם ניט גערירט ווערען.

און זילבּערצווייג קוקט אויף פּאָליציי און מיליטער, אַז זיי זענען בּעשאַפען געוואָרען נאָר צוליעב איהם, אָבּצוהיטען זיין פאַבּריק, זיין פערמעגען.

ווען עס ווערט רוהיג, גיסט זילבּערצווייג אויס זיין כעס אויף די אַרבּייטער: סטייטש לאָבּאָדראַנצעס! ווען ער זאָל זיי ניט געבּען קיין אַרבּייט אין זיין פאַבּריק, וואָלטען זיי געשוואָלען געוואָרען פאַר הונגער מיט זייערע ווייבּער און קינדער, — זיי האָבּען נאָך טענות צו איהם און מאַכען אונאָרדנונג! וואָס איז, עס פעהלט עפּיס מענשען

הונגעריגע, וועלכע וואָלטען נישט נאָר געגאַנגען אַרבייטען, נאָר אין פייער געלאָפען, אַבי צו פערדיענען אַ שטיקעל ברויט?

די אָנגעלערנטע, איבערגעשראָקענע אַרבייטער, צוטרעטענדיג וויע־דער צו דער אַרבייט, ווערען צופריעדען, וואָס עס האָט זיך געענדיגט בשלום, און די פאַבריק הויבט וויעדער אָן צו קלאַפּען אין טאַקט מיט איהרע רעדער און רעדלעך.

און אַזוי דרייסיג יאָהר.

און אברהם זילבערצווייג, ליעגענדיג אויף זיין געלעגער און וויקלענדיג זיך אונטער דער ווייכער וואַרימער קאָלדרע, הערט זיך צו ווי די פאַבריק קלאַפּט אַזוי אין טאַקט, ווי אַ שענע מוזיק, איז צו־פריעדען מיט דער וועלט, וועלכע איז אַזוי גוט איינגעאָרדענט, און זיס־געשמאַק ווערט ער אונטער זיין ליעבער פאַבריקס־מוזיק איינגעשלאָפען.

---

## II.

מיט אַלעם איז אברהם זילבערצווייג צופריעדען אין דער וועלט: אין דעם שטעדטיל נ., נעבען וועלכען זיין פאַבריק געפינט זיך, רעכענט ער זיך פאַר דעם בכבוד'סטען בעל־הבית.

ער האָט נישט ליעב געהאַט דאָס שטעדטיל, צוזאַמען מיט אַלע קבצנים, וועלכע פלעגען יאָהרען־לאַנג אָבשלאָגען זיין שוועל נאָך נדבות און טובות. ער האָט אויך נישט ליעב געהאַט די בעל־הבתים, וואָס האָבען געוואוינט אין שטעדטיל, מיט זייערע בתי־מדרשים און „שטיב־לעך“, צוזאַמען מיט די פאַר צעהנדליג שטעדטילשע אינטעליגענטען, מיט דעם רב, מיט די שוחטים און מיט דעם גאַנצען כלי־קודש. זילבערצווייג האָט אָבער דערפאַר געוואוסט, וועמען און ווען אונטער־צעוואַרפען אַ ביין, וועמען און ווען — אַ ביינדעל.

יעדען האָט ער נאָך זיין כבוד בעגעגענט מיט אַ פנים יפות, אָרימע־לייט און מענשען, וואָס זענען געקומען נאָך אַ שענע נדבה אָדער גלאַט אַ טובה, פלעגען קיינמאָל ניעט אַוועקגעהן פון איהם ליידיג; ער פלעגט נאָר פון זיי אָבדינגען און פטר'ן וואָס ביליגער.

זיין טאָכטער אסתר'ל, קענענדיג גוט איהר טאַטען און נישט האָבענדיג קיין מורא, אַלס דאָס ליעבסטע קינד, פלעגט איהם אַמאָל זאָגען:

— טאַטע, ווי אַזוי איז מען אַזוי? ווי אַזוי האָט מען עס אַזוי נישט ליעב קיין מענשען, ווי דו?

— ווי אַזוי קאָן איך זיי ליעב האָבען, טאָכטערניו, — פלעגט ער זיך מיט איהר ווערטלען — אַז די אַלע, וואָס קומען צו מיר, קומען נאָר נעהמען און נישט געבען? שוין דרייסיג יאָהר, אַז זיי קומען נאָר נעהמען ביי מיר, און קיין איינציג מאָל גאָרנישט געבראַכט. פערשטעה, אסתר׳ל, אַז קרעפּלעך ווערט אויך נמאס — נאָר קומען נעהמען און נעהמען — אַ פּאַדריאַד!...

— דו האָסט נאָך טענות צו מענשען, אַז זיי גיבען דיר גאָרנישט? נײן, טאַטע, דו האָסט זיך נישט צו בעקלאָגען אויף מענשען. הונדערטער מענשען אַרבייטען אויף דיר — דיין גאַנץ לעבען, דיין גאַנץ פערמעגען האָסטו זיי צו פערדאַנקען...

— נו, נו, מיין חכמה, געה בעסער אין דיין צימער צו דיינע ביכלעך און מיש זיך נישט אין דעם טאַטענס געשעפטען. הלואי זאָלען אַלע מיינע קינדער, אַז זיי וועלען אויסוואַקסען, האָבען אָהן מיין שאָדען אַזאַ גוטען נאָמען אויף דער וועלט, ווי איך. האָסט זיך נישט, וואָס צו שעמען מיט דיין טאַטען. חאַ, חאַ!...

און זילבערצווייג פלעגט מיט גוטע ווערטעלעך און מיט אַ געלעכטעריל אַוועקשיקען אסתר׳לען צו איהר אין צימער, און מעהר נישט געוואָלט ריידען מיט איהר פון אַזוינע ענינים.

ווען איין אַנדער קינד רעדט מיט איהם אַזוי, וואָלט ער אפשר פון שטוב אַרויסגעטריבען, און מעביר נחלה געווען — זיין ווייב וואָלט ער אפשר אָבגעג׳גט. און אַ פרעמדען פאַר אַזוינע רייד, וואָלט ער איין אייביגער שונא געבליבען, נאָר אסתר׳לען, — אסתר׳לען האָט ער גאָרנישט געקאָנט טהון.

גאָר אַנדערש האָט ער ליעב געהאַט אסתר׳לען און אַ בעזונדער שוואַכקייט האָט ער געהאַט צו איהר.

אויף זיינע אַנדערע קינדער האָט ער געקוקט, ווי אויף בהמות, ווי אויף קעלבלעך, וואָס וואָלטען נאָר וואָס מעהר געזויגען פון איהם, וואָס מעהר געלד ציהען פון טאַטען; נאָר אויף אסתר׳לען האָט ער געקוקט, ווי אויף אַ „פאַלנעם מענשען“, חאָטש זי איז ביי איהם געווען די יונגסטע.

אברהם זילבערצווייג האָט געשטאַלצירט, וואָס זי איז אינגאַנצען געראָטען אין איהם — ער, ווי אויסגעגאָסען, און שען און גוט, און

דערצו איז זי קלוג גאָרנישט ווי אַ מיידעל, נאָר אַ מאַנסביל, און אַ פּיסק האָט עם — פּעך און שוועבעל, און איז געטריי, האָט איהם ליעב, ווי דאָס גאַנצע לעבען. און פונדעסטוועגען איז זי געווען אַ פלעק אין זילבערצווייג׳ם לויטערן הימעל...

זיין גאַנץ גליק, זיין צופריעדענקייט מיט דער וועלט און מיט איהר אָרדנונג, האָט זי, אסתר׳ל, צושטערט און צייטענווייז פלעגט ער זיך פיהלען פאַר דעם אומגליקליכסטען, וואָס זיין ליעבסט קינד וואַקסט נישט אַזוי ווי ער וויל.

ווער וואָלט צו זיין גליק גלייך געוועזען, ווען אסתר׳ל זאָל זיין ווי ער וויל!

פון קליינינקייטען ביז גרויסקייטען פלעגט זי איהם נאָר אָנטהון יסורים.

מילא, אַז זי זאָל זיך לאָזען רעדען אַ שידוך דורך אַ שדכן אָדער אפילו אָהן אַ שדכן — האָט ער שוין אפילו פערלאָרען די האָפנונג; ער טאָר וועגען דעם מיט אַ וואָרט זיך נישט אָברופען; מילא איז נישט, נאָר וואָס פאַר יסורים טהוט זי איהם אָן, זענענדיג ביי איהם אין הויז!

פאָהרט אַ מאָל דורכ׳ן שטעדטיל דער איספּראַווניק פון אויעזד אָדער דער פאַבריטשני אינספּעקטאָר און מאַכען איהם אַ וויזיט, בעט ער אסתר׳לען, זי זאָל אַריינקומען צו די געסט, זי וואָלט דאָך בעשיינט זיין הויז, זי ווייסט דאָך יאָ, וואָס צו ריידען מיט אַזוינע געבילדעטע לייט, — ניין, חאָטש האַק זי און בראָק זי, וועט זי אפילו נישט אַרויסקומען פון איהר צימער. וויפיעל קאָסט איהם איהר בילדונג, איהרע ביכער, איהרע צייטונגען און זשורנאַלען, וואָס זי שרייבט אויס פונקט, ווי פאַר אַ ביבליאָטעק!

וועמען זאָל ער שיקען רעדען מיט אַזוינע לייט — דעם אויסגעגעבענעם „באָן“ — דעם „באָלוואַן“, וואָס קאָן די צונג נישט איבערקעהרען, אָדער די עלטערע טאָכטער — די בהמה, צי דאָס ווייב, וועלכע איז אַ פּראָסטע יודענע, אַז נישט אסתר׳ל׳ען? זי וואָלט זיך שוין מיט זיי אויסגע׳טענה׳ט! נאָר געה שריי חי וקים — אַ געראָטען קינד מיט אַלע מעלות, נאָר וואָס קומט מיר אַרויס דערפון? נאָר אויף צוזעצעניש אַ קינד... זעהט איהר, ווען עפּיס אַ צרה — אַ אָבגעריסענער סקובענט, אַ אָבגעקראָכענער גימנאַזיסט אָדער עפּיס אַזוי אַ שלאַק מיט אַ אָבגעבליאַקעוועטען קאַפּעליוש און מיט צודרעהטע

שטיוועל פערלויפט אין שטעדטיל — דעמאָלט וואַקסט זי אויס און איז מיט זיי אַ פּאַניע-בראַציע, שלעפט זיי צו מיר אין שטוב, און געה זאָג איהר עפּים! — אויף דער שוועל וואָלט איך אַזוינע נישט אריבערגעלאָזט, און זי!"...

אסתר'ל מיט איהר אויפפיהרונג האָט געבראַכט זילבערצווייג'ן איינמאָל אין אַזאַ כעס, אַז עס איז ביי איהם געבליבען, ער זאָל איהר זאָגען: וויל זי זיך אויפפיהרען ווי אַ מענש און טראַכטען וועגען תכלית, ביז גאָט וועט העלפען, זי וועט חתונה האָבען — איז גוט; ווען נישט, זאָל זי זיך פאָהרען וואו זי וויל; ער וועט איהר שיקען חודש-געלד, וויפיעל זי וועט פערלאַנגען, און אַ ענדע — אויס... וואָרום ער קאָן מעהר נישט איבערטראָגען, — זי פערביטערט איהם דאָס לעבען.

— איך שטער דיר נישט, און דו שטער מיר נישט, האָט אסתר'ל איהם געענטפערט, ווען ער האָט איהר דאָס געזאָגט: איך האָב איבער מיין לעבען גלייך צו שאַפען ווי דו, טאַטע; איך וויל לעבען ווי איך פערשטעה, און דו לעב דיר, ווי דו פערשטעהסט. אויב איך שטער עמיצען אין שטוב, קאָן איך אייך בעפרייען פון מיר — מיין ברויט קאָן איך אומעטום פערדינען.

— אַ לעהרערין, אַ באָנע וועסטו זיין, אָדער אפשר אַ נייטאָרין? האָט זילבערצווייג געזאָגט מיט אַ געלעכטעריל, בעהאַלטענדיג זיין טרויער און הארצוועהטאָג פון זיין טאָכטער.

— זאָל זיין אַ נייטאָרין, אַ לעהרערין; וואָס-זשע איז? — אַבי איך וועל מיין ברויט קאָנען פערדינען.

— און אַזאַ צימער וועסטו האָבען פון דיינע פערדינסטען? האָט זילבערצווייג געזאָגט מיט אַ שמייכעלע, אויפשטעהענדיג פון זיין אָרט, און בעטראַכט דאָס גרויסע שענע, רייך מעבלירטע שלאָף-צימער. און חאָטש עס איז געוועזען ביי-טאָג, האָט ער אַ קוועטש געטהון דאָס עלעקטרישע קנעפּיל, און אין אַ שען לעמפּיל האָט זיך בעוויזען עלעקטרישע בעלייכטונג.

— וואָס אַמאָל ווערט די וועלט קליגער, האָט ער נאָך אַ לאַנג שווייגען אָנגעהויבען רעדען: איך האָב צוגעשטעלט צו דער פאַראָווע מאַשין אַ דינאַמאָ-מאַשין, און מיט דעם איינענעם כח, וואָס די מאַשין טרייבט די פאַבריק, טרייבט זי אויך עלעקטרי. אַ פערגעניגען!

גע'פּטר'ט די לאָמפּען און לעמפּלעך מיט נאַפט. עס קאָסט עטװאָס טײַערער, אָבער שענער און רײַנער.

— איך מוז דיר זאָגן, מײַן טאָכטער, האָט ער אָנגעהויבן װײַטער רײדן װײך, אַז די װעלט װערט װאָס אַמאָל קליגער, נאָר דו װערסט נאַרישער. שוין-זשע, אַז פון דײַנע פּערדיענסטען װעסטו קענען האָבען אַזאַ שענע װאוינונג און פיהרען אַזאַ לעבען, װי דו ביסט בײַ דײַן טאַטען געװעהנט?

— אודאי נישט, נאָר דאָך דער גרעסטער טײל מענשען לעבען נישט אַזוי שען, און פונדעסטװעגען לעבען זײ און פיהלען זיך אפשר נאָך גליקליכער...

זילבערצװײַג האָט מורא געהאַט מעהר צו פיהרען דעם שמועס אויף דאָס טעמאַ; ער האָט פּראָסט אָנגעהויבען מורא צו האָבען, טאָמער בעשליסט זי טאַקע אַװעקפאָהרען; װאָס װעט ער דענסטמאָל טהון אָהן איהר? ער קאָן נאָך נישט פערגעסען דאָס יאָהר, װען אסתר'לען האָט זיך פערגלוסט פאָהרען אין די גובערנסקע שטאָדט צו לערנען אין אַ פּאַנסיאָן, װי ער האָט זיך דעמאָלט קײן אָרט נישט געקענט געפינען און ער פלעגט מעהר פערברענגען אין גובערניע, װי אין דער הײם — איהר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, נישט שפּאָרען פאַר איהר קײן לעהרער און ביכער, אַבי זי זאָל זײַן אין דער הײם.

זיצענדיג אַזוי בײַ איהר אין צימער, האָט ער זיך אויך דערמאָנט: פאָריגעס יאָהר איז ער געװען געפעהרליך קראַנק, דאָקטוירים האָבען זיך פון איהם שוין אָבגעזאָגט; ער האָט שוין געשיקט נאָך דעם נאָטאַריוס שרײַבען אַ צוואה; ער געדענקט, װי ער איז געלעגען אויף זײַן בעט, מיט קײן אבר זיך נישט געקאָנט ריהרען, נאָר ער איז געװען בײַ זײַן גאַנצען שכל; ער געדענקט, װי אַלע זײַנע שטובמענשען האָבען זײַן בעט אַרומגערינגעלט א.ז.װ. װי אין די אויגען פון זײַנע קינדער האָט ער איבערגעלײענט אײן זאָרג: װאָס מעהר טײל ירושה יעדען פערשרײַבען אין דער צוואה. נאָר אין איהר, אין אסתר'לען, האָט ער געזעהן רײנע אויגען, אין װעלכע ער האָט איבערגעלײענט אײן אײנציגע זאָרג: דער טאַטע זאָל געזונד װערען און לעבען. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, װי אין זײַן גאַנצער שװערער קרענק האָט זיך אײן אסתר'ל נישט אויסגעטאָן, געטאָגט און גענאַכט בײַ זײַן בעט, אויסגעטראָגען אַלע זײַנע קאַפּריזען און אַלץ געטהון מיט אַזוי פיעל געדולד, מיט געטרײַקײט און איבערגעגעבענקײט. יעדע מינע זײַנע, יע-

דען זײַנעם קאפּריז האָט זי פֿערשטאַנען און אויסגעפֿאָלגט. און זיל-בערצווײַג גלויבט, אַז נאָר אסתר'לען האָט ער צו פֿערדאַנקען, וואָס ער איז לעבּען געבּליבּען; נאָר זי, אסתר'ל, האָט איהם אַרויסגעריסען פֿון דעם טויט. נײַן, קײנער האָט נישט אַזאַ קינד, ווי אסתר'ל איז, — פֿלעגט ער נישט איין מאָל טראַכטען.

און איצט, זיצענדיג בײַ זײַן ליעבּסט קינד אין צימער, האָט איהם אָנגעהויבּען וועה צו טאָן דאָס האַרץ, וואָס ער טוט איהר אָן יסורים מיט זײַנע רייד; ער איז געוועזען גרייט זי איבּערבּעטען; נאָר אַלס טאַטע, האָט ער דאָס געפֿיהל בּעהאַלטען אין זיך און ווידער אָנגעהויבּען צו ריידען מיט איהר וועגען דער דינאַמאָ-מאַשין, פֿון וועלכער ער איז צופֿריעדען.

— וואָרום, מען זאָל וועלען בּערעכענען וויפֿיעל נאַפט-לאָמפּען מיט גלעזלעך פֿלעגען דורכ'ן יאָהר צובּראָכען ווערען — האָט זילבּער-צווײַג געזאָגט — וועט די עלעקטרישע בּעלײַכטונג נישט קאָסטען טײַערער ווי נאַפט. און דער חלוק פֿון דער בּעלײַכטונג — וואָס פֿאַר אַ גרויסער! און די אַרבּײַט? ווער שמועסט, אין די ווינטערדיגע לאַנגע נעכט געהט די אַרבּײַט גאָר אַנדערש און די אַרבּײַטער זענען אויך צופֿריעדענער.

— אודאי, טאַטע, האָסט גלײַך געטהון, וואָס דו האָסט אין פֿאַבּריק פֿערבּיטען די בּעלײַכטונג אויף עלעקטרישע, האָט אסתר'ל געזאָגט, עס מעג אפילו קאָסטען טײַערער, לוינט עס.

און מיט דער העכסטער ליעבּע צווישען עלטערן און קינדער, איז דער טאַטע מיט זײַן ליעבּסטער טאָכטער זיך צוגאַנגען אין זײַערע בּעזונדערע וועלטען.

אָבּער ווען עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ געוויסע צײַט, האָט זיל-בּערצווײַג אָנגעהויבּען פֿיהלען, אַז נאָר זי, אסתר'ל, שטערט זײַן גליק. וואָס וואָלט איהם אָבּגעגאַנגען אויף דער וועלט, ווען זײַן אסתר'ל זאָל זײַן ווי ער וויל? וואָס איז זײַן גאַנץ לעבּען, אַז נישט קײן נחת האָבּען פֿון זײַן אסתר'ל! וואָס פֿעהלט איהר? פֿאַרוואָס שטערט זי איהם זײַן גליק? פֿאַרוואָס פֿערבּיטערט זי איהם זײַנע אַלטע יאָהרען? וואָס טויג איהם אַזאַ געראָטען קינד, אַז זײַן וואָרט האָט בּײַ איהר קײן ווערט נישט? מיט וואָס האָט ער זיך בּײַ איהר אַזוי פֿער-זינדיגט, פֿאַרוואָס איז ער אַזוי געשטראָפֿט געוואָרען מיט אַזאַ קינד, פֿון וועלכען מעהר ווי בּזיונות מיט האַרץ-וועהטאָג האָט ער נישט!

דאס שטעדטיל ג. שווייגט אויך נישט ? אלע פערשטעהען, אז נישט אזוי דארף זיין אברהם זילבערצווייג'ס א קינד .

און יעדעס מאל, ווען ער פלעגט אנהויבען טראכטען וועגען אסתר'לס תכלית, פלעגט ער זיך פיהלען פאר דעם אומגליקליכסטען.

III.

פון קליינערהייט אן האבען די עלטערן פון אסתר'לען צרות געהאט .

ווען זי איז נאך גאר א קינד געווען און ארומגעלאפען אין גארטען, וועלכער האט ארומגענומען צוויי זייטען פון איהר טאטענס הויז, האט זי דורך די שטאכעטען פון גארטען, וועלכער האט זיך געגרעניצט מיט דער פאבריק, ליעב געהאט אהין אריינצוקוקען, וואו עס זענען ארומגעלאפען שווארצע אויסגעשמירטע מענשען הין און צוריק און האבען עפעס געשלעפט אויף די פלייצעס, געטראגען אויף די הענד, געקלאפט און גע'רעש'ט .

איינמאל האט זי געזעהן, ווי א מיידעלע אין איהרע יאהרען האט געבראכט אין א טעפעל עסען א שווארצען מענש, און ווען ער האט אבגעגעסען און דאס מיידעלע האט אנגעהויבען אוועקצוגעהן מיט דעם ליידיגען טעפעל, האט זי דאס מיידעלע גערופען אין גארטען און זיך מיט איהר אנגעהויבען שפיעלען און לויפען צווישען די בוימער .

— ווער איז דער, וואס האט געגעסען פון טעפעל ? האט אסתר'ל געפרעגט ביים מיידעלע .

— דאס איז מיין טאטע, האט זי געענטפערט .

— ער איז אויך א טאטע ? האט אסתר'ל געפרעגט פערוואונדערט : און דיין טאטע האט דיך ליעב ?

— יא, אויף יום-טוב ברענגט ער מיר גוטע זאכען .

— נו, און אין דער-וואכען ?

— אין דער-וואכען זעה איך איהם נישט אין דערהיים, ווען ער קומט אויף דער נאכט, שלאף איך, און ווען איך שטעה אויף, איז ער שוין נישטא . איך זעה איהם נאר, ווען די מאמע שיקט מיך אמאל אין פאבריק מיט דעם טעפעל .

אסתּר׳ל האָט זיך געוואונדערט אויף אזאַ טאַטען, וואָס געהט נישט אהיים עסען, און זיך ווייטער געשפּיעלט מיט דעם מיידעלע.

פּלוצלונג איז אָנגעלאָפען עפּעס אַנ׳אויסגעשמירטע, נישט קיין שענע מאַמע און איז אָנגעפאַלען אויף דעם מיידעלע און זי אָנגעהויבען שלאָגען, שעלטען און שרייען:

— שפּיעלען ליעגט דיר אין קאָפּ! איך שיק דיך דעם טאַטען טראָגען עסען, און דו ווערסט פערפאַלען! דאָס קינד ווערט שיער נישט צוריסען, און איך קאָן נישט אוועקגעהן און מוז ניאַנטשען און וויעגען, קאַרג אַרבייט האָב איך! וואַרט-אויס, דו חאָלעריע, איך וועל דיך שוין דעם צווייטען מאָל שיקען... אין דר׳ערד אַריין וועל איך דיך שיקען!...

די נישט-שענע מאַמע האָט ביי די האָר געשלעפּט דאָס מיידעלע, וואָס האָט אַזוי געוויינט, און אסתּר׳ל האָט אויך שטאַרק געוויינט און איז אַנטלאָפען אהיים.

אַ גאַנצען טאָג האָט אסתּר׳ל געוויינט.

אויף מאָרגען איז זי ווידער געשטאַנען געבען די שטאַלעטען און געוואַרט, ביז וואַנען דאָס מיידעלע וועט ברענגען דאָס טעפּיל עסען פאַר איהר טאַטען. אָבער זי האָט דערזעהן, ווי די נישט-שענע מאַמע טראָגט דאָס טעפּיל, און דאָס מיידעלע איז נישטאָ...

נאָר איינמאָל, ווען זי האָט דערזעהן נאָכאַמאָל דאָס מיידעלע שוין געהן צוריק מיט דעם ליידיגען טעפּעל, האָט אסתּר׳ל ווידער זי געבעטען אַריינגעהן אין גאָרטען זיך שפּיעלען.

— איך האָב מורא פאַר דער מאַמען. קום צו אונז וועלען מיר זיך שפּיעלען.

און אסתּר׳ל איז געגאַנגען.

דעם גאַנצען טאָג האָט מען אין גאַנצען שטעדטיל אַרומגעזוכט אסתּר׳לען, און ערשט אויף דער-נאַכט האָט מען זי געפונען אין אַ הינטער-געסעל, אין אַ ניעדריג שטיבעל, שלאָפענדיג נעבען אַ וויגעלע, וואו עס איז געלעגען אַ קינד איינגעוויקעלט אין שמאַטעס.

אויף מאָרגען האָבען טאַטע-מאַמע זי בעשטראָפט דערפאַר, און זי האָט געוויינט.

ווען אסתּר׳ל איז אַ ביסעל אונטערגעוואַקסען און האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבען, פלעגט זי געהן אין די הינטער-געסלעך,

וואו די אַרבייטער האָבען געוואוינט, און געלערנט די דאָרטיגע מיידלעך לייענען און שרייבען.

די עלטערן האָבען אויף זיך די הויט געריסען פון בזיון, נאָר עס האט נישט געהאָלפען.

ווען אסתר'לען איז איינגעפאַלען פאָהרען אין דער גובערניע לערנען אין פּאַנסיאָן, האָבען זיך די עלטערן אָן דעם אָנגעכאַפּט — זי וועט פערשפּאָרען ארומגעהן לערנען אין די הייזלעך פון די אַרבייטער. נאָר אַז זי איז געקומען צוריק, האָט זי זיך ווידער גענומען צו איהר פריהערדיגער אַרבייט: ארומגעהן אויף די הינטער-געסלעך לערנען שרייבען און לייענען מיט די אַרבייטערס קינדער.

די עלטערן האָבען נישט געוואוסט, וואו צו בעהאַלטען דאָס פּנים פון בזיון.

די גאַנצע שטאָדט, פון רב ביז דעם בעדער, האָבען מיטגעפיהלט ר' אברהם זילבערצווייג'ן אין זיין אומגליק, וואָס גאָט האָט איהם בעשטראָפט מיט אַזאַ טאָכטער.

דערהויפּט פלעגען די ווייבער אין שטאָדט קיינמאָל נישט אויפהערען צו ריידען וועגען אסתר'לען.

— קיין גליק קאָן זיך קיינער נישט נעהמען. אַזאַ לייטישען נגיד און אַזאַ אָנגענעהמענער מענש און אַזאַ טאָכטער, — פלעגען זיי איהם בעדויערן.

איינמאָל, נישט קאָנענדיג אריבערטראָגען דעם בזיון, האָט זילבערצווייג, ווי שווער עס איז איהם נישט געווען זיך שיידען מיט אסתר'לען, איהר פאָרגעלעגט צוריק פאָהרען אין פּאַנסיאָן לערנען; ווי זאָגט מען: בעסער דער בזיון פון דערווייטענס, איז דער וועהטאָג נישט אַזוי גרויס. נאָר אסתר'ל האָט מעהר קיין חשק נישט געהאַט צו פאָהרען.

אַרויסטרעטענדיג פון די העכערע קלאַסען, האָט זי פאַר זיך דאָרטען וועניג אינטערעס געפונען און מעהר נישט געוואָלט דאָרטען לערנען. דערפאַר פלעגט זי אין דערהיים פיעל צייט איבערלייענען אַלבער איהרע ביכער, אין וועלכע זי האָט מעהר אינטערעס געהאַט, ווי צו „גריבלען די אוטשעבניקעס", ווי זי פלעגט אָנרופען דאָס לערנען אין פּאַנסיאָן.

איהר פאָטער פלעגט צו איהר האָבען טענות. איינס פון די צוויי — אָדער זיי ווי אַלע דיינע שוועסטער און ברידער, ווי עס פּאַסט

פאר מײנס א קינד, אדער פאהר שטודירען. עפּיס מוסטו דאך זײן.

— איך בין שוין נישט קײן קינד און וואס איך בין און וואס איך דארף זײן. ווײס איך אלײן, האט זי געענטפערט איהר טאטען.

אסתר'לען איז שוין דענסטמאל געגאנגען דאס אלטצעהנטע יאהר.

אזוי איז אוועקגעגאנגען א יאהר און א יאהר. און צו די גרעסטע יסורים פון איהרע עלטערן האט זי פון קײן שום שידוכים נישט געוואלט וויסען. און „נאר ווי אויף צוזעציָניש", ווי די עלטערן פלעגען זאגען, „ווערט זי וואס ווײטער שענער און בליהט ווי א בלום".

מיט שטאלץ פון א פאטער האט זילבערצווײג אנגעקוואלען, קוקענדיג אויף אסתר'לען, נאר אין הארצען האט ער געטראגען א גרויסע וואונד; וואס וועט זײן דער סוף? נאך א פאר יאהר וועט זי בליהען, און דא רעדט מען איהר אזוינע גרויסארטיגע שידוכים, קײנס פון זײנע קינדער האט נישט געהאט קײן עין-הרע אזוי פיעל מזל צו שידוכים ווי אסתר'ל, און זי וויל נישט רעדען און וויסען, און אויף אלע זײנע געבעטען און רעדעלטסען פלעגט זי ענטפערן: איך קאן נישט ווערען א כלה, ווען דו ווילסט און פאר ועמען דו ווילסט.

— נו קלויב זיך אוים א חתן פון דײנע לײט, מיט די איבערגעקעהרטע שטיוועל, האט ער געזאגט מיט א שטעלענדיגען געלעכטער'ל.

אסתר'ל האט זיך צולאכט.

— מיט וואס פאר א יונגען-מאן איך זאל נישט רײדען, קאנסטו אויף איהם אנדערש נישט קוקען ווי אויף א חתן. דאכט זיך, אט די אלע יונגע-לײט מיט איבערגעקעהרטע אדער גלײכע שטיוועל, זײ זאלען זײן אפילו פון גאלד, וואלטען זײ אויך נמאס געווארען, ווען מען נויט מיט געוואלד א כלה צו ווערען.

— ווער נויט דיך? האט זיך זילבערצווײג דערפרעהט, זעהענדיג ווי אסתר'ל רעדט חאטש וועגען דעם ענין חתנים; דו קאנסט זיך אויסקלויבען וועמען דו ווילסט נאר. איך בעשטעה אויף אלעם. ווער נויט דיך מיט געוואלט?

— דאס הײסט נאך נישט גענויט. אז וועגען עפּיס אנדערש געפינסטו נישט מיט מיר צו רעדען. פונקט ווי איך טראכט מעהר נישט נאר וועגען חתנים. פונקט ווי איך פערשטעה מעהר נישט. גלויב מיר, אז אט די אלע חתנים פערנעהמען בײ מיר זעהר א ווינציגען פלאץ.

— אט דאס איז דאך מײן אומגליק.

— ווידער, טאטע... איך בעט דיך מעהר וועגען דעם מיט מיר נישט ריידען.

און אברהם זילבערצווייג האט געמוזט אנטשוויגען ווערען אט פאר דעם שוואכען מיידעלע,— פאר זיין אייגען קינד.

ער פלעגט אליין נישט פערשטעהן און זיך נישט געקאנט ערקלערען, וואס פאר א בעזונדערע קראפט עס ליעגט אין זיין אסתר׳לען, וואס ער קאן זי נישט בייקומען און קאן אויף איהר נישט ווירקען נישט מיט גוטען און נישט מיט בייזען, און אלץ פיהרט זי אויס.

זאל זיינס אנ׳אנדער קינד איהם פרובען נישט פאלגען אדער מיט עפיס זיין דערגעגען? ער קאן זיך דאס גארנישט פארשטעלען. עס איז נאך אזא פאל נישט פארגעקומען. נישט נאר זיין אייגען קינד, נאר אפילו אנ׳ארבייטער אין זיין פאבריק אדער גאר א ווילד-פרעמדער וועט נישט וואגען איהם נישט צו פאלגען. נאר אסתר׳ל, אסתר׳ל טהוט, וואס זי וויל און זיין דעה, זיין ווארט האט ביי איהר קיין ווערט נישט, אלץ בלייבט שטענדיג אויף איהרען... און ער, דער שטארקער, מוטיגער אברהם זילבערצווייג, וואס האט פערשטאנען אין זיין לעבען מיט לעדיגע הענד קומען צו אזא גרויסער פאבריק מיט הונדערטער ארבייטער, און אלע אין שטאדט, פון קליין ביז גרויס, הערען זיך צו צו זיין יעדען ווארט — ער קאן נישט ווירקען געגען זיין אייגען קינד, געגען אסתר׳לען. און וויפיעל מאל ער האט זיך אנגענומען מיט זיין גאנצען מוט און שטארקייט צו מאכען א סוף דערפון: ער איז א טאטע און עס מוז זיין אזוי ווי ער הייסט, אזוי ווי ער וויל,— ענדיגט זיך שטענדיג אבער מיט דעם, אז בעגעגענדיג זיך מיט איהר אויג אויף אויג פערליערט ער זיין גאנצען מוט, זיין גאנצע שטארקייט. און אין די מאמענטען, אז ער פערלאנגט פון איהר זיינע רעכט אלס טאטע, איז גענוג, אז אסתר׳ל זאל אויפהויבען אויף איהם איהרע אויגען, דערשרעקט ער זיך פאר עפיס, און דענסטמאל ווייזט זיך איהם אויס, אז זי זעהט אין איהם אלע זיינע פערבעהאלטענע געדאנקען, אלע זיינע סודות, דורך וועלכע ער איז געקומען, אז הונדערטער מענשען זאלען ארבייטען שווער אויף איהם. עס ווייזט זיך איהם אויס, אז זי זעהט און ווייסט, מיט וואס פאר א מיטלען ער האט זיך געמאכט דעם שענסטען נאמען אין שטאדט; מיט איהרע קלארע אויגען זעהט זי זיין קליינע נשמה, זיינע ליגענס, זיין אייביגע מאסקע געגען מענשען, און מיט שרעק און מורא ווייזט זיך זילבערצווייג׳ן אויס, אז אט

אַט עפּענט זי איהם דאָס מויל און לײענט איהם זײַן לעבען אָפּען ווי פון אַ טהיר, און ער האָט קײַן ווערטער נישט און שעמט זיך פאַר זײַן אײגען קינד, וועמען עס דאַרף זײַן אַ בזיון, וואָס ער איז אַ טאַטע.

און יעדעס מאָל, ווען אברהם זילבערצווײַג נעהמט זיך אָן מיט זײַן גאַנצען מוט צו ווירקען אויף אסתּר׳לען, זי זאָל איהם פאָלגען, ענדיגט זיך עס מיט דעם, אַז בעת ער פיהלט ווי איהרע קלאָרע, רײנע אויגען שטעלען זיך אָן אויף איהם, פערליערט ער זײַן גאַנצען מוט, הערט אויף צו רײַדען, — עס בלײַבט אַלץ אויף איהרען.

## IV.

אברהם זילבערצווײַג איז הײַנט אויפגעלעגט.

צו איהם איז געקומען צופאָהרען זײַנער אַ ווײַטער קרוב, אַנ׳אײַגענעם פעטער׳ס אַ זוהן, לעאָן פאַרבשטײַן, אַ יונגער מאַן פון אַ יאָהר זיעבען-אַכט און צוואַנציג, „געענדיגט אין אויסלאַנד“, אַ אויסגעפּוצטער, אַ שענער און דערצו אַ לעבעדיגער יונג, ווי דאָס רוב גרויסשטעדטיגע יונגע-לײַט. ער פיהרט זײַן טאַטענ׳ס געשעפטען און שדוכים רעדט מען איהם מיט דרײַסיג-פערציג טויזענד רובל נדן.

דער גרויסשטעדטיגער גאַסט האָט אין זילבערצווײַג׳ס שטיל הויז אַרײַנגעבראַכט לעבען און פרישקײַט.

זיצענדיג בײַם טיש צו מיטאָג אָדער בײַ טײ, האָבען אַלע געשלונגען זײַנע ווערטער, ווי דער שטײַגער איז פון די, וואָס וואוינען אין דער שטילער פּראָווינץ, אָבגעשלאָסען פון דער גרויסער וועלט, ווען עס פאַלט אַמאָל אַרײַן אַ גרויסשטעדטיגער גאַסט.

אסתּר׳ל האָט זיך אויך פעראינטערעסירט מיט איהר קרוב, וועלבען זי געדענקט ווי אין חלום, ווען זי איז נאָך געווען אַ קלײַן מײדעלע. ער איז שוין דענסטמאָל געווען אַ בחור פון אַ יאָהר צוועלף און זי — אַ יאָהר זעקס און ער האָט זיך מיט איהר נישט געוואָלט שפּיעלען. זי געדענקט, אַז ערגיץ אויף אַ חתונה איז מען זיך צונויפגעפּאָהרען, און זי האָט מען אויך מיטגענומען. לעאָן האָט זיך אינגאַנצען איבערגעביטען און ווען מען זאָל איהר נישט געוועזן זאָגען, ווער ער איז און נישט דערמאָהנען די חתונה, אויף וועלכע מען האָט זי מיטגענומען, וואָלט זי איהם נישט דערקענט.

זילבערצווייג האט אנגעקוואלען, וואס דאס יונגע פאר ריידען און פערבריינגען צוזאמען. זיין שמחה האט ער ווי מעגליך בעהאלטען, נאר זיין גליקליכע פאנטאזיע האט נישט אויפגעהערט צו פליהען.

— קיין בעסערן שדוך וואלט מען פאר אסתר'לען גארנישט בעדארפט: א יונגער-מאן, שען און געבילדעט, דערצו פערמעגליך און דערהויפט אנ'אייגענער. מיר קענען איהם און פערשפארען אויסצופרעגען און נאכצופארשען, מורא האבענדיג, טאמער פאלט מען אריין.

לעאן פארבשטיין האט נישט אויפגעהערט צו דערצעהלען ביים טיש וועגען זיין פאטער'ס געשעפטען, אויך א פאבריקאנט, און וועגען די לעצטע נייעס, מיט וועלכע אלע האבען זיך אינטערעסירט: אין די גרויסע שטעדט האבען די ארבייטער אין די פאבריקען אנגעהויבען שטרייקען — היינט שטרייקט איין פאבריק, מארגען — די צווייטע. איינע קוקען אויף די אנדערע, אפילו ביי זיין טאטען אין קאנטאר האבען די מענשען, וואס דינען יאהרען לאנג, שוין צוויי מאל געשטרייקט און ביידע מאל אויסגעפיהרט. מען האט יעדען געהעכערט דאס געהאלט און פערקלענערט די צייט פון דער ארבייט.

— איך אליין, האט לעאן ווייטער דערצעהלט — האב זיך געוואלט אבזאגען פון טאטענ'ס געשעפטען און בויען אליין א פאבריק, נאר געה היינטיגע צייטען מאכען געשעפטען, אז דו ביזט אוים בעל-הבית. זיי זענען היינט די בעלי-הבתים איבער דיין פערמעגען.

דאס אלץ, וואס לעאן האט דערצעהלט, האבען אלע געוואוסט פון די צייטונגען, נאר עס האט אויסגעוויזען ווי א בעשרייבונג, וואס קומט פאר ערגיץ אין דער ווייטער וועלט, אבער הערענדיג דאס אלץ דערצעהלט פון א מענשען, וואס האט עס אליין צוגעזעהן און איבערגעלעבט, האט עס אויף יעדען געמאכט א גרויסען איינדרוק. דערהויפט, פערשטעהט זיך, אויף זילבערצווייגען.

— אזוינע גליקען, — האט זילבערצווייג זיך אבגערופען מיט א טאן פון א מענשען, וואס איז ביי זיך זיכער און פעסט — אזוינע גליקען קאנען זיך נאר טרעפען ביי אייך אין די גרויסע שטעדט, וואו מען פיהרט זיך אלץ מיט איידעלקייט. מיט מענשען דארף מען וויסען, ווי זיך צו פיהרען. גיב זיי נאך דאס שטריקעל, וועלען זיי דיר איהם פערציהען אויפ'ן האלז. ווער שמועסט נאך מיט אזוינע „גאליטבעס"

ווי אַרבייטער, — דאַרף מען זיך פיהרען שטרענג. קיין שום שוואַכקייט טאָרען זיי אין דיר נישט בעמערקען, און קיין זאַך טאָר מען זיי נישט נאָכגעבען. איהר מיינט, איך בין אַזוי שלעכט — ניין, נאָר געה העכער אַ קאָפּיקע, וועלען זיי דערנאָך פערלאַנגען אַ רובל, און עס איז אַ מעשה אָהן אַ סוף. דעריבער טאַקע האַלט איך מיינע אַרבייטער אַט אַזוי, האַ!..

און דערביי האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד אין דער לופטען און זיינע פינגער האָבען נישט ווילענדיג זיך צונויפגעלענגט אין אַ קולאַק.

אויסטרינקענדיג ביים טיש אַ גלעזיל וואַסער געמישט מיט וויין און אָבווישענדיג די וואָנסען מיט דעם טישטוכ'ל, האָט ער זיך געפיהלט צופריעדען, וואָס ער ווייסט און פערשטעהט, ווי צו פיהרען אַ געשעפט און ביי איהם וועט אי"ה קיין שטרייק נישט פאָרקומען.

— וואָס קאָן מען אָבער טהון, ה' זילבערצווייג, אַז די אַרבייטער שטרייקען פאָרט, וואָס הייסט, אַז עטליכע הונדערט אַרבייטער, ווי איין מענש, וואַרפען אַוועק מיט אַמאָל אין מיטען העלען טאָג די אַרבייט און נישט פון אָרט — חאָטש האַק און בראָק זיי; און דערנאָך זענט איהר נישט זיכער, אַז איהר וועט שוין יאָ אַמאָל זיך אויסגלייכען מיט זיי, זאָלט איהר נאָך נישט דאַרפען בעצאָהלען פאַר דער צייט, וואָס זיי האָבען נישט געאַרבייט בשעת'ן שטרייק.

די לעצטע ווערטער האָבען זילבערצווייג'ן ווי מיט הייסע קויהלען אָבגעבריהט. ער האָט זיך אַזש אויפגעכאַפּט פון שטוהל, און מעסער און גאָפּעל זענען איהם אַרויסגעפאַלען פון די הענד.

— צאָהלען פאַר נישט-געאַרבייטער צייט?! אוי, ניין. ביי מיר פיהרט מען אַזוינע זאַכען נישט אויס! — ביי מיר אַן'אַרבייטער מאַכט נאָר עטוואָס אַ קרום פּנים — סייטשאַס וואָן! און באַסטאַ! ער מעג שוין דערנאָך קומען מיט דעם ווייב און קינדער פאַלען צו די פיס, מען זאָל איהם צוריק צונעהמען, וועט נישט העלפען. וואָרום, אַז איך זאָג ניין, — איז ניין. מיינט נישט, אַז איך בין אַזאַ שלעכטער און האָב קיין רחמנות נישט אויף זיין ווייב מיט קינדער. נאָר ניין, — איך וועל ליעבער איהר שענקען אַ רובל און נאָך אַ רובל אויף ברויט. נאָר אין פאַבריק אַריינלאָזען — לא מיט אַ ספאָדעק, וואָרום אַזאַ אַרבייטער קאָן מיר קאַליע מאַכען אַנדערע. מען דאַרף, מיין ליעבער פריינד, וויסען, ווי צו בעגעהן זיך מיט מענשען און זיי האַלטען פעסט

אין די הענד... אָ, איך האָב שוין מיינע צייהן דערויף אויפגעגעסען!— ביי מיר אין פאַבריק שטרייקען? — חאַ-חאַ. אַזוינע מעשות קאָנען זיך נאָר טרעפען ערגיץ אין אויסלאַנד אָדער ביי אייך, וואו איהר ווילט נאָכמאַכען אויסלאַנד. איך בין מיר אַ פּראָסטער חי וקים און פיהר מיך אַזוי ווי איך פערשטעה און, געלויבט גאָט, איך האָב צו איהם קיין טענות נישט, — מיט מיין פאַבריק האָב איך זיך נישט וואָס צו שעמען געגען אַנדערע.

— יאָ, ה׳ זילבערצווייג, אַלץ איז ריכטיג, אָבער וואָס טהוט מען, פרעג איך אייך, אַז ווען איהר וואַרפט אַרויס אַן׳אַרבייטער, וואָס געפעלט אייך נישט, לעגען אַוועק אַלע די אַרבייט, און נישט פון אָרט! וואָס קאָנט איהר דענסטמאָל טהון.

— וואָס איך קאָן טהון? חאַ-חאַ, און פּאָליציי אויף וואָס איז? און די קאָזאַקלעך מיט די קאַנטשיקעס אויף וואָס זענען? — איין פּיפּס נאָר — וואַקסען זיי אַלע אויס און זיי, אָט די אַלע הייַנטיגע פיינע-בּריות, וועלען שוין פערזאָגען אַ צעהנטען אַ צווייטעס מאָל אַוועקצעוואַרפען די אַרבייט.

— שטעלט זיך אָבער פאָר, אַז די לעצטע צייט האָט פּאָליציי אָנגעהויבען קוקען אויף די שטרייקען, ווי צווישען די פינגער.

— אפשר ביי אייך איז אַזאַ פּאָליציי. ביי אונז איז אַנדערש. און דערצו איז די פּאָליציי אינגאַנצען מיינע. נישטאָ וואָס צוריידען— איך דאַרף נאָר אַ פּיפּס טהון...

— טאַטע! גענוג! — האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופען אסתר׳ל — ווי איז מען עס אַזוי? שוין-זשע קאָן מען זיך מיט מענשען, מיט אַרבייטער, ווען עס קומט פאָר אַמאָל אַ סכסוך, נישט אויסגלייכען אָהן פּאָליציי מיט קאָזאַקען?.. צו וואָס? — גענוג, טאַטע!

דערנאָך, ווען דער עולם איז זיך צוגאַנגען און זילבערצווייג איז געבליבען אַליין, האָט ער עטליכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער „צו וואָס, טאַטע, פּאָליציי?", „מיט מענשען קאָן מען זיך אויסגלייכען". גאָר זילבערצווייג ווייסט, אַז אין קעשענע וועט איהם נישט צוקומען פון דעם בעסטען אויסגלייך. גרינג צו זאָגען: אָהן פּאָליציי! גאָר אַ קלייניגקייט מיט די לייט זיך אויסגלייכען, ווען זיי וועלען וויסען, אַז הינטער די פּלייצעס שטעהען נישט קיין קאָזאַקען מיט קאַנטשיקעס. געה פיהר אַזוי אַ פאַבריק!..

— נאָר צו וואָס טראַכט איך גאָר פון אַזוינע זאַכען? דאָ איז

ניִשט מאָסקווע, פּעטערבורג, וואַרשוי אָדער לאָדז. בּיי אונז איִן שטעדטיִל ווייסט מען ניִשט פון אַזוינע זאַכען. ווער רעדט גאָר דאָ דערפון? מאַלע וואָס איִן די גרויסע שטעדט קומט פאָר, אָבּער ניִשט דאָ. וואָס ווייסט אַ היִגער מענש, אַ היִגער אַרבּייטער? ווען לעאָן זאָל גראָד דאָ ניִשט געוועזען דורכפאָהרען, וואָלטען מיִר אפילו דאָ איִן שטוב אויך ניִשט גערעדט און זיִך אומזיִסט געערגערט און געשראָקען.

און ווי לעאָן פאַרבּשטיין איִז בּיי איִהם געוועזען אַנ'אָנגעלעגטער גאַסט, האָט פונדעסטוועגען אברהם זיִלבּערצווייג'ן אָנגעהויבּען עפּיִס בּאַנג צו טהון: צו וואָס פאַר אַ גוט יאָהר האָט עס איִהם אָנגעטראָגען אַהער? מען האָט בּיי אונז ניִשט געוואוסט — דאַרף מען ניִשט. ווי זאָגט מען: ווענט האָבּען אויערען.

— יעדער פרעמדער מענש שאָדט, ווען ער קומט צו אונז, אַזוי ווי איִן דער צייט פון חאָלערא, חאָטש לעאָן איִז ניִשט פון די מענשען און זיין טאַטע ליידט אַליין גענוג פון די שטרייקען, אָבּער עס איִז געזיִנטער, ווען איִן אַזאַ צייט זאָלען קיין פרעמדע צו אונז ניִשט קומען.

לעאָן איִז זיִך פערזעסען צו-גאַסט מעהר ווי זיִלבּערצווייג האָט ערוואַרטעט: פון איין זייט האָט עס זיִלבּערצווייג'ן שטאַרק הנאה געטהון. ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס, וואָס ער בּלייבּט דאָ אַזוי לאַנג, איִז ניִשט צוליִעב איִהם, נאָר צוליעב אסתר'לען. ער האָט בּעמערקט, ווי זי געפעלט איִהם און ער קלעבּט נאָר נעבּען איִהר, און פערבּרייִנגט די גרעסטע צייט מיִט איִהר.

זיִלבּערצווייג איִז פון דעם אַלעמען געוועזען שטאַרק צופריִעדען. נאָר פון דער אַנדער זייט האָט איִהם פאָרט פערדראָסען: וואָס האָט עס לעאָנ'ען אַזוי לאַנג אָנגעטראָגען אַהער? מען הערט פון איִהם מעהר ניִשט דערצעהלען נאָר ווי פון שטרייקען.

איִן דער צייט, וואָס לעאָן פאַרבּשטיין האָט דאָ פערבּראַכט, האָט ער אויך דערצעהלט וועגען די יודיִשע פּאָגראָמען, וועלכע בּרעכען אוים אַלע מאָל איִן אַנ'אַנדער אָרט, און שוין דריי מאָל האָט ער גענעבּען נדבות פאַר די פערוּמגליִקטע שטעדט. די פּאָגראָמען האָבּען אויף זיִלבּערצווייג'ן ניִשט געמאַכט אַזאַ איינדריִק, ווי די שטרייקען. אויף די פּאָגראָמען האָט ער שוין אויך גענעבּען צוויי מאָל. מעהר צעהן רובּל, וויִנציִגער צעהן רובּל — נאָר גע'פּטר'ט.

יעדעס מאָל, ווען זיִלבּערצווייג האָט געהערט וועגען אַ פּאָגראָם

אין שטאָדט, פלעגט ער באַלד לויפען צו דעם קאָנטאָ־בוך, זעהן צי האָט ער דאָרטען נישט קיין סך קונדען, אויב יאָ — פלעגט ער אונרוהיג וואַרטען ביז פון זיינע קונדען אין דער פערצוגליקטער שטאָדט וועלען אָנקומען די ערשטע צאָהלונגען אויף די וועקסלען, ערשט דענסטמאָל פלעגט ער זיך בערוהיגען.

צו פּראָטעסטירטע וועקסלען איז מען אויך געוועהנט: אַ רענדיל אַראָב, אַ רענדיל אַרויף — נישט קיין אומגליק. דאָס איז אַ געוועהנליכע זאַך, אָבער שטרייקען איז דאָך טאַקי אַ ריין אומגליק.

דער אָנגעלענטער גאַסט האָט פערבראַכט ביי זילבערצווייג'ן אין הויז נאָך אַ פּאָר טעג און איז אַוועקגעפאָהרען, צו־זאָגענדיג, אַז אין גיכען וועט איהם אויסקומען נאָכאַמאָל זיין אין דער געגענד.

זילבערצווייג האָט אָבגעטעמט מיט לעאָן פאַרבשטיינ'ס אַוועקפאָהרען. דער קאָפּ האָט איהם אַוש געדרעהט פון דעם, וואָס לעאָן האָט דאָ אָנדערצעהלט. ער קאָן זאָגען, אַז אין דער צייט, וואָס לעאָן איז געוועזען ביי איהם צו־גאַסט, איז ער קיין איינציגע נאַכט רוהיג נישט געשלאָפען. שרעקליכע געדאַנקען זענען איהם אַלץ געקראָכען אין קאָפּ און נישט געלאָזט שלאָפען.

נאָר זינט לעאָן איז אַוועקגעפאָהרען איז ווידער, ווי תמיד, שטיל געוואָרען ביי איהם אין הויז. אין פאַבריק איז אויך שטיל. די אַרבייט געהט אין אָרדנונג. ער האָט אָנגעהויבען צו־קוקען זיך צו זיינע אַרבייטער, אפשר וועט ער עפּיס אין זיי דערקענען, אָבער ער האָט גאָרנישט בעמערקט. ער איז געוועזען אין שטאָדט. אָבער דאָרטען האָט ער אויך גאָרנישט געהערט. אַלץ איז ווי פריהער: פּאָליציאַנטען שטעהען אויף זייערע ערטער, דער פּאָלק, וואָס שטעהט אין שטעדטיל פון לאַנגע יאָהרען, איז נישט אַרויסגעפאָהרען. און זילבערצווייג האָט ווידער רוהיג אָנגעהויבען שלאָפען און איז צופריעדען געוועזען פון דער וועלט מיט איהרע פּאָראָנדקעס.

וואָס עס איז געוואָרען פון לעאָנ'ס ריידען און אַרומשפּאַצירען מיט אסתר'לען, האָט זילבערצווייג נישט געוואוסט. „אַזוי גיך וועלען אייך די לייט זאָגען". נאָר אַז עס איז בעש...ט, וועט זיין בעווערט, וועט עס קומען גלייך אין שטוב אַריין, — האָט ער זיך געטרייסט.

דאָס איינציגע, וואָס ביי זילבערצווייג'ן איז געבליבען פון לעאָנ'ס

פערברייננגען, איז דאָס, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבען מעהר צוהער-רען צו די שטרייקען, וועלכע פלעגען פאָרקומען אין פערשידענע ערטער און זיך מעהר צו-קוקען צו אַ פּנים חדשות, ווען ער פלעגט בעגעגענען אין שטאָדט, און כּל זמן ער האָט זיך נישט דערוואוסט, ווער ער איז און וואָס ער איז, און צוליעב וואָס פאַר אַ געשעפט דאָס פּנים חדשות איז אַהער געקומען, — האָט ער זיך נישט בערוהיגט.

## V.

דער אָסיען אין קאַלענדאַר האָט זיך שוין געענדיגט, און אין דרויסען איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַן עלט-אָסיענדיג וועטער און נישט געוואָלט אָבטרעטען דעם בייזען ווינטער, וועלכער האָט זיך אונטער-גע'גנב'עט מיט פּאַרטאָגעדיגע פרעסטלעך, אום צו פערכאַפּען מעהר פּלאַץ, מעהר רעכט אויף דעם לעבען.

„דער ווינטער האָט פערשפּעטיגט“, — האָבען זיך געקלאָגט די פאַבריק-אַרבייטער, וועלכע האָבען געלעבט מיט זייערע פאַמיליעס אין איינגע קליינע שטיבלעך, האָבען פערשאָלטען דעם אָסיען מיט זיינע פערקיהלעניש'ן און פערשידענע קרענק, וועלכע געהען מיט איהם האַנד ביי האַנד, און אַלע האָבען געבעטען אויף דעם ווינטער, ווי אויף עפּיס אַ ישועה: קאַלט, אָבער טרוקען און געזונט.

ביי זילבערצווייג'ן אין הויז איז שוין אין אַלע פענסטער געווען פינסטער, נאָר אין אסתּר'ס צימער האָט נאָך געלויכטען: זי איז נאָך געזעסען איבער איהרע ביכער און איבער די פרישע צייטונגען. זי האָט דערהערט דאָס פייפען פון דעם „הודאָק“ אויף דער פאַבריק צו דער ביי-נאַכטיגער „סמענאַ“ און זיך אָנגעהויבען קלויבען שלאָפען.

זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. עס האָט געשאָטען אַ נאַסער שניי, וועלכער האָט זיך באַלד איבער די שויבען וואַסעריג צוגאָסען. זי האָט געוואָלט אַרויסקוקען אין דרויסען, אָבער זי האָט גאָרנישט געזעהן. אַ דיקער נאַכט-טומאַן האָט אַלעס אַרומגעכאַפּט און בעדעקט מיט אַ געדיכטער פינסטערניש, אפילו די שיין פון דעם איינציגען עלעקטערישען גרויסען לאַמטערן, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ פון מיטען פאַבריק, האָט זיך דורך דעם טומאַן נישט געזעהן.

לאַנג איז זי אַזוי געשטאַנען נעבען פענסטער, אַנריהרענדיג מיט

די הענד די קאלטע שויבען, האט אבגעווישט דעם שטוב-טוי, וועלכער האט זיי בעדעקט, און געקוקט אין דער פינסטערניש, וואו זי האט גארנישט געזעהן. זי האט נאר-וואס געלעזען אין די צייטונגען וועגען די פיעל שטרייקען, וואס הערען נישט אויף, און וועגען די יודישע פאגראמען, וואס ברעכען אלע מאל אויס אויף אנ'אנדער ארט.

און שרעקליכע בילדער האבען זיך איהר אנגעהויבען פארצו-שטעלען. זי קען זעהר גוט דאס פינסטערע לעבען פון די ארבייטער, זייער שרעקליכע נויט, ווי זייער גאנצע ארבייט טראגט נאר אויף אנ-צושטאפען ווי נישט איז די קישקע, זי זאל נאר נישט מאהנען; און זאל פרובען דער ארבייטער איין טאג נישט ארבייטען, האט ער שוין נישט, מיט וואס דעם הונגער פון ווייב און קינדער צו שטילען. און אט אזוינע מענשען געהען דאס זיך ראנגלען מיט די זאטע, פון לאנג זאפאסעוועטע מיט אלדאס גוטס, בעלי-הבתים.

„שרעקליך דארף זיין די נישט-גלייכע מלחמה!— האט זי גע-טראכט — וויפיעל מוט ברויך מען צו פערמאגען, מען זאל זיך לא-זען געהן אין אזא נישט-גלייכער מלחמה!"

„און נאר מיט מלחמה קאנען זיי גובר זיין, ווארום מיט גוטען וועט זיי קיינער נישט נאכגעבען, קיינער!"

„שוין אזא אינטעליגענטער, געבילדעטער און קלוגער פאבריקאנט ווי מיין קרוב לעאן, וועט אויך נישט נאכגעבען מיט גוטען. ווייסט ער דען נישט גלייך מיט מיר? האט ער דען נישט געלייענט און נישט געלערנט גלייך ווי איך? ווייסט ער דען נישט, אז דער ארבייטער האט דאס רעכט אויך צו לעבען ווי א מענש? ער ווייסט זעהר גוט, אז אזוי קאן עס ווייטער נישט געהן. צו וואס-זשע איז עס דאס אומ-זיסטיגע ראנגלען? מילא, מיין טאטע פערשטעהט אפשר נישט. ער מיינט, אז אזוי דארף אייביג זיין, אבער ער, לעאן? — צו וואס האט ער בעדארפט לערנען? צו וואס רעדט ער מיט מיר וועגען לי-טעראטור און וויסענשאפט, אז ווען ער געהט נאר אוועק פון מיר, איז ער דערזעלבער, וואס מיין טאטע.

„און ווי איז לעאן צופריעדען מיט זיך און ווי האלט ער פון זיך, אז ער איז א פיינער, ליטערישער, אינטעליגענטער יונגער-מאן!"

„ווען לעאן איז דא געוועזען, האט ער נישט אויפגעהערט צו ריידען וועגען זיין ליעבע צו מיר. ווי קאן אזא מענש ריידען פון ליע-בע, ווי קאנען אזוינע מענשען גאר ליעבען?"

„און מיט וואָס פאַר אַ קאַלטבלוטיגקייט האָט ער מיט מײַן טאַטען גערעדט וועגען די פּאָגראָמען! און מיט וואָס פאַר אַ שרעק זײַ האָבען ביידע גערעדט וועגען די שטרײַקען!”...

„שרעקליך! אַלץ איז בײַ זײַ מסחר; זײַערע קעפּ זענען נאָר אָנגעפּילט מיט ציפערן. אַלץ ווערט בײַ זײַ אויסגערעכענט, ווי וויַיט עס ריהרט אָן זײַערע קעשענעס; קיין שטיקעל האַרץ נישט. נאָר חשבונות און חשבונות. איך גלויב אפילו נישט אין זײַער ליעבע צו זײַערע אייגענע פרויען, צו די אייגענע קינדער—אַלץ איז בײַ זײַ אַ חשבון. וואָס פאַר געפיהלען קאָנען זײַ שוין האָבען צו פרעמדע, צו די פערראומגליקטע פון די פּאָגראָמען, צו די אַרבייטער, וואָס לײַדען הונגער בעת'ן שטרײַק?—שרעקליך, שרעקליך!

אסתר'ל האָט איהר הייסען שטערען אָנגעשפּאַרט אָן די קאַלטע שויבען און געקוקט אין דער נאַכט אַרײַן, אין דער לאַנגער פינסטערער נאַכט, אין וועלכער מען זעהט נישט קיין ברעג, און זי האָט דערזעהן אין דער פינסטערניש שרעקליכע בילדער: אויסגעקרימטע געזיכטער מיט דערשראָקענע, אויסגעשטאַרטשעטע אויגען, פרויען און קינדער מיט אויסגעשטרעקטע בײַנערדיגע הענד. אַט בײַטען זיך די בילדער נאָך שרעקליכער: די אויסגעקרימטע פּנים'ער שטשערען אַרוים גרויסע צייהן און בײַסען איינס דאָס אַנדערע, רײַסען איינס פון דעם אַנדערען שטיקער פליייש און קײַען. אונטער זײַערע צייהן קנאַקען מענשען-בײַנער, און פּלוצים דערזעהט זי פערבלוטיגטע מענשען און טויזענדער גרויסע און קליינע סקעלעטען, נאָר לאַנגע צושויבערטע האָהר שוועבען אויף זײַערע קעפּ. און די אַלע דאָזיגע סקעלעטען שטופּען זיך צו איהר אין פענסטער.

מיט שרעק האָט זי זיך אַ חאַפּ געטהון צוריק פון פענסטער און זיך אַרומגעקוקט בײַ איהר אין צימער.

אסתר'לען האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס עלעקטרישע לעמפּיל האָט איצט בעלויכטען איהר צימער ליכטיגער ווי אַלע מאָל. פון שײַנעם אייוועז מיט די קאָלירטע קאַכלעס האָט זיך געפיהלט אַ ליעבע וואַרימקײַט. איהר בעט, וואָס איז פערדעקט מיט אַ זײַדענער בלאָהער קאָלדרע, שימרירט פון רײַנקײַט און שענקײַט. און אַלץ, פון איהר טואַלעט-טישעל ביז די בײַנקעלעך, איז אַזוי שען און צוגעפּאַסט.

אַרומקוקענדיג איהר אויסגעפּוצט צימער, האָט זי זיך געזאָגט:

„און איך וואָס בין? איך בין דען בעסער פון זײַ—פון מײַן

טאַטען און אפילו פון לעאָנען? — ווי אַזוי קאָן איך פון דאָס אַלעס הנאה האָבען, אַז אַרום און אַרום מיר איז אַזוי פיעל צרות און פּיין, אַז די לופט איז פול מיט קרעכצען און זיפצען און אָנגעזאָפּט מיט מענשען-טרערען, וואָס קאַפּען, קאַפּען אָהן אַנ'אויפהער? ווי אַזוי געהט מיר איין דאָס פערמעגליכע לעבען ביי מיין טאַטען אין הויז? ווי קעהרט זיך מיר אין האַלז נישט איבער דער ביסען פון מיין טאַטענ'ס זאַטע מיטאָגען, דאַן ווען עס גיסט זיך אַזוי פיעל אונשולדיג בלוט פון מיינע אייגענע שוועסטער און ברידער מיט זייערע אונשולדיגע קינדער? ניין, איך בין נישט בעסער פון זיי!״

אסתר'ל האָט פערשטאַנען, אַז זי קאָן גאָר נישט העלפען צו די פיעל אונגליקען, וואָס רינגלען זי אַרום; זי האָט געוואוסט, אַז זי איז אפילו נישט אימשטאַנד איבערבייטען איהר אייגענעם טאַטען, וועלכער איז איהר איבערגעגעבען — אפילו נישט איהר קרוב לעאָנ'ען, וועלכער האָט אזוי פיעל געהערט פון זיין ליעבע צו איהר; ווי אַזוי-זשע קאָן זי ווירקען אויף אַנדערע? מיט וואָס קאָן זי העלפען אָט די אַלע אונגליקליכע? שוואַך און אונהילפיג האָט זי זיך געפיהלט, האָבענדיג אַ שטאַרקען ווילען אַלע אונגליקליכע צו העלפען און עפּיס טהון אַזוינס, אַז אַלעמען זאָל זיך לעבען בעסער, גרינגער, מענשליכער און אַז דער שטאַרקער זאָל נישט דריקען דעם שוואַכען. אַ שטאַרקער ווילען האָט אַרומגעכאַפּט אַלע איהרע אברים, אַז זי זאָל אויך אַזוי ליידען און לעבען אין פּיין און אין גרויס נויט גלייך מיט די אַלע אונגליקליכע, וואָס רינגלען זי אַרום. עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז נאָר דעמאָלט וואָלט זי זיך בערוהיגט, נאָר דעמאָלט וואָלט זי זיך געפיהלט גליקליך.

דאָס איצטיגע לעבען אין רייכטום און אין וואוילטאָג האָט זי געדריקט און פעראומערט. אין איהר איצטיגען לעבען, אין וועלכען עס פעהלט איהר גאָרנישט און זי נויטיגט זיך נישט אין קיין זאַך, האָט זי זיך געפּייניגט — ווי איינער, וואָס טהוט עפּיס אַ שרעקליך פערברעכען, בעקומט חרטה און קאָן שוין צוריק נישט חאַפּען.

איהר לעבען אין וואוילטאָג אין דער איצטיגער צייט האָט ביי איהר אויסגעזעהן, ווי גלייך איינע זאָל קומען אויף אַ גרויסע לויה, וואו מען הערט נאָר יללות — אין אַ ווייס אויסגעפּוצט קלייד מיט אַ סך בריליאַנטען אויף דעם האַלז און אין די אויערען.

און אסתר'ל האָט זיך געפיהלט זעהר אונגליקליך אין איהר

איצטיגער לאַגע, און מיט אַלע איהרע אברים האָט זי געפיהלט, אַז נאָר צווישען זיי, טראָגענדיג גלייך מיט זיי דעם שווערען יאָך, קאָן זי איהר אונגליקליך האַרץ בערוהיגען. דאָרטען, וואו עס הערשט נויט און פיין, איז איהר אָרט און אפשר וועט איהר געראָטען וועמען עס איז צו פערגרינגער'ן דאָס ביטערע לעבען—וועט זי זיך פיהלען גליקליך.

מיעד פון שוואַכקייט האָט זי איינגעדרימעלט אויף איהר געלעגער, זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפּט אין אַ קאָשמאַר און ווען האַלב זעקס פאַרטאָג האָט דער „הודאָק" אויף דער פאַבריק אָנגעהויבען רופען צו דער אַרבייט, האָט זי זיך אינגאַנצען אויפגעכאַפּט.

דער „הודאָק" האָט אָהן אַנ'אויפהער געפייפט מיט אַ דיקליך־רייסענדיג קול און אין דעם שטילען פאַרטאָג האָט זיך זיין קול ווילד צוטראָגען איבער דעם שטעדטיל און אַרום דעם שטעדטיל ווייט, און זיינע קלאַנגען זענען פערפאַלען געוואָרען ערגיץ אין דער אונענדליכקייט.

* *

*

אין די פענסטערלעך פון די קליינע שטיבלעך, וואָס זענען ווי צופעליג אָהן אַ סדר אויסגעשיט ווי אַרבעס אויף די בערגלעך אונטערן שטאָדט, האָבען זיך געוויזען שוואַכע בלאַסע פייערלעך.

מענשען רייסען זיך דאָרט אָהן חשק פון זייערע געלעגערס, צו וועלכע עס ציהט זיי ווי אַ מאַגניט: ווער עס איז אַרומגערינגעלט מיט הענד פון אַ פרוי, און ווער — מיט הענטלעך פון פערשלאָפענע קינדערלעך.

נאָר דער „הודאָק" פייפט, רופט, שרייט און בייזערט זיך.

די מענשען רייסען זיך אַרויס פון די ליעבע קייטען און קייטלעך, וואָס האַפּען זיי אַרום, און ווי שוואַרצע שאָטענס שטעלען זיי זיך אויף דער פאָדלאָגע און דערגרייכען מיט דעם קאָפּ די נידעריגע סטעליעס, און איילען זיך...

אסתר'לען, צוהערענדיג זיך צום „הודאָק", וועלכער האָט אין דעם שטילען פאַר־טאָג נישט אויפגעהערט צו פייפען און ברומען, האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס איז אַ קרעכצען אין דער לופט פון הונדערטער מענשען, וועלכע דאַרפען באַלד קומען שווער און ביטער אַרבייטען איבער דאָס טרוקען שטיקעל ברויט.

און ווען דער „הוראק" האט אויסגעקרעלצט מיט זיינע לעצטע כחות, האט זי דערהערט נעבען איהרע פענסטער שווערע גילכע טריט, און אויפזעצענדיג זיך אויפ'ן בעט, האט זי א קוק געטהון אין פענסטער אין דער נאך פינסטערער נאכט.

עס האט געגאסען א דראבנע, אסיענדיג, דין רעגענדיל, וואס האט זיך געצויגען ווי לאנגע-לאנגע דינע נאדלען.

פארען-ווייז און צעהנדליגער-ווייז האבען זיך שווארצע מענשען מיט שווערע טריט געאיילט אין פאבריק. דער לאמטערן אין מיטען פלאץ און אין די הונדערטער קליינע פענסטערלעך פון די פאבריק-געביידען האט געלויכטען.

די צאהל פון די ארבייטער, וואס זענען פארביי געגאנגען נעבען אסתר'לס פענסטער, האט זיך אלע מאל פערגרעסערט און פער-גרעסערט. די טריט האבען זיך אלע מאל געהערט הילכעדיגער און רעש'ענדיגער.

און קוקענדיג אזוי פון פענסטער אויף די הויכע ברייט-ביינער-דיגע שווארצע מענשען, איז אסתר'לען א גרויל איבערגעגאנגען אי-בער'ן לייב פון אבשיי און דרך-ארץ פאר דער דאזיגער מורא'דיגע קראפט.

דאס איז א גרויסע שרעקליכע קראפט. און סוף כל סוף וועט זי זיך מוזען אמאל ארויסרייסען. אומזיסט איז מיין טאטע אזוי זיכער"...

טויזענדער געדאנקען זענען איהר איבערגעפלויגען און ביי קיין איינציגען האט זי זיך נישט געקאנט אבשטעלען. דער קאפ איז איהר געווארען שרעקליך שווער, און זי איז ווי א דער'הרג'עטע אנטשלא-פען געווארען.

דאס טאג-לעבען אין פאבריק האט זיך אנגעהויבען. די לע-דערנע פאסען האבען ווי שלאנגען ארומגעהאפט אלע רעדער און רעדלעך, און די פאבריק האט אנגעהויבען צו געהן אין גאנצען גאנג.

---

# VI.

די איינוואוינער פון שטעדטיל נ. האָבען פלוצים אָנגעהויבען איבערלעבען אונרוהיגע טעג, פון וועלכע זיי האָבען קיינמאָל נישט געוואוסט.

רוהיג איז זיך פון תמיד אָן געגאַנגען דאָס לעבען אין נ.: די קליינטען האָט מען יעדען פריה-מאָרגען געעפענט און אויף ביינאַכט פערמאַכט. יעדען מיטוואָך האָט זיך געשטעלט דער יריד. מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָבען זיך איבער די קליינטען און הייזער געצויגען שורות-ווייז אָרימע לייט פון יודען, ווייבער און קינדער. וואָס אַ יאָהר, האָט מען אין די ווענט פון די הייזלעך אויסגעהאַקט נייע קליינטען און די צאָהל פון די אָרימע לייט האָט זיך אויך פון יאָהר צו יאָהר פערגרעסערט. האָט זיך אַמאָל געמאַכט אין שטעדטיל, אַז איינער איז אָבגעברענט געוואָרען אָדער איינעם האָט דער סודעבני פריסטאַוו אַרויסגעוואָרפען פון שטוב צי פון קליינט און ער איז געבליבען מיט די בעבעכעס אויף דער גאַס אָדער אַז מען האָט געדאַרפט הילף ערב יום-טוב פאַר נישט פערמעגליכע בעלי-בתים א. ד. ג., איז מען געגאַנגען נאָך דער ערשטער נדבה אין פאַבריק צו זילבערצווייג'ן, וואו מען האָט בעקומען אַ פאַר רובל. דער איבעריגער עולם האָט שוין דערלענגט מיט גילדענס און מיט קאָפּיקעס, און מען האָט יעדעם געהאָלפען אויף דערוויל. האָט זיך אַ בעל-הבית פערדרעהט און בעדאַרפט לייהען אַ פאַר הונדערט רובל אויף דער שטוב, איז מען געגאַנגען צו זילבערצווייג'ן, וועלכער האָט געליהען, אַזוי, אַז אַ דריטעל פון די הייזער אין שטעדטיל איז געוועזען אויף זילבער-צווייג'ס נאָמען.

האָט מען בעדאַרפט עפּעס צו נאַטשאַלסטוואָ וועגען אַ שטעדטי-שער זאַך, איז מען אַוועק אין פאַבריק. און זילבערצווייג איז געגאַנ-גען און גע'פּועל'ט ביי נאַטשאַלסטוואָ.

אַלע איינוואוינער פון שטעדטיל זענען געוועזען געקניפּט און געבונדען מיט דער פאַבריק, אפילו אַזוינע, וואָס האָבען מיט דער פאַבריק און מיט זיין בעל-הבית קיין שום געשעפטען נישט געהאַט.

ביי אַלע אין נ. איז נאָר געוועזען איין טעמאַ צו ריידען — וועגען דער פאַבריק, וועגען זילבערצווייג'ן, וועגען זיין הויז און זיין

ווייב און קינדער, אפילו וועגען זיין קעלבין מיט דעם שטוב-מיידעל און וועגען די צוויי קיה, וויפיעל קווארט מילך זיי גיבען א טאג און וויפיעל געננ מיט אינדיקעס און אנדערע עופות עס געהען אדורך ביי זילבער-צווייגען אין הויף.

וועגען וואס נ—ער איינוואוינער זאלען נישט אנהויבען רעדען, האבען זיי געמוזט ארויפקומען אויף זילבערצווייג'ן מיט זיין פאבריק.

פאר נ—ער איינוואוינער איז זילבערצווייג'ס פאבריק געוועזען די זון מיט דער לבנה; נאך דעם פייפען פון דער פאבריק איז ביי זיי טאג און נאכט געווארען. די ווערטער: „מען האט שוין היינט געפייפט אין פאבריק" האט מען געהערט יעדען טאג פון טויזענדער מיילער, פון גרויס ביז קליין.

„מען האט שוין געפייפט אין פאבריק" — האט געהייסען: „ס'איז שוין צייט באלד געהן מיטאגען", „ס'איז שוין באלד נאכ'ן טאג", „ס'איז שוין צייט געהן שלאפען", „ס'איז שוין צייט אויפצושטעהן".

חאטש די פאבריק איז געוועזען אונטערן שטאדט, איז זי געווע-זען דער צענטער-לעבען, דער נאפעל-שנור פון די נ—ער איינוואוינער.

און פלוצים איז געקומען אזא טאג, ווען די פאבריק האט אויפ-געהערט פייפען!...

ווען אין מיטען העלען טאג זאל פלוצים די אמת'ע זון זיך פער-לעשען און עס זאל פינסטער ווערען ווי אין א גרויסער לקוי-חמה, וואלט עס נישט יעדען אין שטעדטיל אזוי פערוואונדערט ווי דאס, וואס די פאבריק האט אויפגעהערט פייפען.

מענשען, וואס האבען מיט דער פאבריק קיינמאל קיין שום שיי-כות נישט געהאט, האבען זיך גענומען אזוי צום הארצען, אז טייל האבען דעם אפעטיט פערלוירען. „ווי אזוי געהט מען עס מיטאגען, אז די פאבריק האט נישט געפייפט!"

און ווען עס איז געקומען צוועלף ביי-טאג אדער זעקס פאר-נאכט, פלעגט איינער דעם צווייטען זאגען:

— הער נאר, מיר דאכט זיך, אז די פאבריק פייפט שוין...

— דאכט זיך אויך, איך הער...

א טייל האבען זיך געשווארען, אז זיי זאלען אזוי הערען שופר-של משיח, ווי זיי האבען געהערט, ווי די פאבריק האט היינט געפייפט און דערנאך האט זיך אויסגעלאזט א בוידים: ס'איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען, עס האט זיך יעדען נאר גערדאכט, און עס האט

זיי געפייפט אין די אויערען פון לאַנג-יעהריגער געוועהנהייט.

אַ גרויסער אומעט איז געפאַלען אויף אַלע איינוואוינער און מען האָט אָנגעהויבען איבערלעבען אונרוהיגע טעג. אַ קלייניגקייט, דרייסיג יאָהר האָט מען געהערט פינקטליך צו דער מינוט יעדען טאָג דאָס פייפען פון דער פאַבריק, אַ גאַנצער דור איז אויסגעוואַקסען מיט דעם פייף, וועלכער פלעגט זיך צוגיסען לאַנג-לאַנג, ווייט איבער דער גאַנצער שטאָדט — און פלוצים שאַ, שטיל, ווי אָבגעשטאָרבען...

עס גלויבט זיך קיינעם נישט, אַז דאָס זאָל געשעהן, און דער עולם הערט נישט אויף צו געהן אונטערן שטאָדט זעהן מיט אייגענע אויגען, ווי די פאַבריק שטעהט...

דער עולם רעדט צווישען זיך:

— שוטה, וואָס נעהמסטו זיך אַזוי צום האַרצען, האָסט עפּיס אַ חלק אין דער פאַבריק? אפילו קיין איינציגער ציגעל איז דאָך נישט דיינער.

— און דו, האָסט עפּיס אַ סך דאָרטען אַריינגעלעגט, וואָס רעש׳ט דו זיך אַזוי?

— וואָס זאָרגסטו אַזוי, וואָס זילבערצווייג וועט נישט האָבען קיין פרנסה? האָסט איהם שוין פערזאָרגט אָהן דער פאַבריק!

און פונדעסטוועגען איז דער עולם אונרוהיג געוועזען, זיך געזאָרגט און געהאָפט ווי אויף אַ ישועה, אַז מען זאָל שוין דערלעבען אין גיכסטען דערהערן דעם ערשטען פייף.

נאָר עס געהט אַוועק אַ טאָג, און די פאַבריק שטעהט... און שטיל איז דאָרטען, ווי גלייך אַ מת, גרוים ווי אַ ריעז, האָט זיך צולעגט איבער דעם גרויסען פלאַץ פון דער פאַבריק.

אויף דעם גרויסען קוימען, וועלכען מען האָט אַרויסגעזעהן וויאָרסטען-ווייט אַרום און פון וועלכען עס פלעגט וואַליען אַ דיקער שוואַרצער רויך, אַז קיין פויגעל פלעגט נישט קאָנען נאָהנט פאַרבייפליהען, שטעהען איצט ביי זיין מויל אַ סך ווינטער-שוועלבעלעך און שפּרינגען, טאַנצענדיג פון איין אָרט אויף דעם צווייטען, און שרייען, און ריידען מיט אַ פרעהליך פּישטשערייַ און עס דאַכט זיך, אַז זיי פּיפּטשען אַ פרעהליך ליעד פון נצחון, וואָס זיי שטעהען ביים מויל פון דעם שרעקליכען ריעז, וועלכער פלעגט שפּריצען מיט רויך און מיט פייער. און זיי בויען איצט דאָרטען זייערע נעסטען, און ער מוז שווייגען — פון זיין מויל הערט זיך נישט קיין פּיפּס, און זיי טאַנצען, שפּרינ-

גען, פליהען אַוועק און קומען צוריק, און מען בויעט אין זיין מויל גאַנצע בנינים.

די גרויסע פאַראָווע מאַשין, פון וועלכער עס ציהען די קראַפט אַלע רעדער און רעדליך, און די דינאַמאָ-מאַשין פאַר די עלעקטרישע בעלייכטונג, זענען קאַלט און ווי פערקאָוועט. אַלע איהרע גליעדער, וואָס פלעגען אַזוי קלאַפּען און רעש'ן, זענען אויף איין אָרט ווי פער-גליווערט געוואָרען. אומעטום הערשט אַ טויט-שטילקייט, נאָר אויף דעם גרויסען ברייטען פלאַץ פון דער פאַבריק מיט דעם פינסטערן הויכען לאַמטערן אין דער מיט, שטערט די טויטע שטילקייט אַ קאַלטער ווינט, וועלכער לויפט און שפּרינגט מיט אַ שדים-טאַנץ און בלאָזט, פייפט אויף אַלערליי ווילדע קולות, ווי גלייך אין גהינום איז איצט אַ גרויסער טאַנץ-אָוועגד פאַר אַלע שדים און רוחות פון דער גאַנצער וועלט.

*

* *

זילבערצווייג גלויבט זיך נאָך נישט, אַז זיין פאַבריק שטעהט, נאָר ביי-נאַכט קאָן ער נישט שלאָפען פון גרויס שטילקייט: דרייסיג יאָהר איז ער געוועהנט צו שלאָפען בעת עס רעש'ט אין פאַבריק, עס קרעכצט די גרויסע מאַשין, עס קלאַפּען די רעדער און רעדלעך — און איצט פון גרויס שטילקייט חאַפּט ער זיך אַלע מאָל אויף פון שלאָף. ער הערט זיך צו צום גאַנג פון דער מאַשין און פון די רעדער און רעד-לעך, נאָר עס איז שטיל ווי אויף אַ בית-עולם. איהם גלויבט זיך אַלץ נישט, אַז ביי איהם שטרייקט מען אויך... און ווי אַזוי אונגעריכט איז דאָס געשעהן, אַזוי גיך!..

זילבערצווייג האָט אָבגעזאָגט איינעם אַנ'אַרבייטער, עפּיס אַנ-„עזות-פנים”. וויפיעל הונדערטער אַרבייטער, וועלכע זענען איהם נישט געפעלען, האָט ער שוין אָבגעזאָגט אויף זיין לעבען; ווער האָט עס נאָר געוואַגט זאָגען אַ דעה ביי איהם אין פאַבריק? נאָר איצטיגעס מאָל האָבען זיך אַריינגעמישט עפּיס עטליכע אַרבייטער און עפּיס ווי בעלי-הבתים אָנגעהויבען זילבערצווייג'ן פרעגען, פאַרוואָס זאָגט ער אָב דעם אַרבייטער; אויב ער האָט עפּיס פון דער פאַבריק אַוועקגע'גנב'עט, בעשטעהען זיי אויך, מען זאָל איהם אָבזאָגען; ווען אָבער נישט, —

ווען זיי צוזאַמען מיט דעם אָבגעזאָגטען אַרבייטער אויך אַוועקגעהן פון פאַבריק.

זילבערצווייג האָט זיך אָנגעצונדען: „איך וועל ניט דערלאָזען, אַז עמיצער זאָל זאָגען אַ דעה אין מיין פאַבריק. ווער עס וויל זאָל זיך געהן!“ די עטליכע אַרבייטער האָבען אַוועקגעוואָרפען די אַרבייט, און קוקענדיג אויף זיי, האָבען די איבעריגע אַרבייטער אויך אַוועקגעלעגט די אַרבייט און אין מיטען העלען טאָג האָט זיך די פאַבריק געשטעלט...

און אויף מאָרגען האָבען די אַרבייטער פון זיך געשיקט אויסגעקליבענע דעלעגאַטען, וועלכע האָבען פאָרגעלעגט העכערען די פרייזען און פערקירצען דעם אַרבייט'ס-טאָג.

זילבערצווייג איז אין קיין שום אונטערהאַנדלונגען ניט אַריינגעגאַנגען מיט די דעלעגאַטען.

זילבערצווייג איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען, דערהויפט פון דעם, וואָס די עטליכע אַרבייטער האָבען זיך אָנגערופען „דעלעגאַטען“ ער האָט דאָס וואָרט „דעלעגאַטען“ ניט געקאָנט הערען.

— ביי מיר וועל איך ניט דערלאָזען אָט די אויסלענדישע קאָמעדיעס, ווי „שטרייקען“ און „דעלעגאַטען“. יעדערער מעג זיך פאַר זיין אַרבייט פערלאַנגען וויפיעל ער וויל און איך קאָן זיך דינגען און אָבדינגען, ביז מען גלייכט זיך אויס, ווי עס פיהרט זיך צווישען מענשען. אָבער „שטרייקען“ און „דעלעגאַטען“ און ווי מען רופט זיי דאָרטען — אָט די אַלע קונצען וועל איך ביי מיר ניט דערלאָזען. ווער עס וויל אַרבייטען, דער זאָל קומען צו מיר זיך בעדינגען. ווען עס וועט לוינען, דער וועט אַרבייטען, און ווען ניט — וועט זיך געהן אין אַנ'אַנדער פאַבריק. מיט קיין דעלעגאַטען רייד איך ניט, ביי מיר איז ניט אויסלאַנד. איך וועל ביי מיר אין פאַבריק ניט דערלאָזען קיין הפקר'קייט און יעדער זאָל מיר זאָגען אַ דעה איבער מיין אייגענם. די וועלט איז נאָך ניט הפקר. איך וועל אייך ווייזען, אַז ביי מיר וועט מען אַרבייטען! עס פעהלט ניט קיין אַרבייטער, די סחורה קריגט מען ברוך-השם! — האָט ער געענטפערט די דעלעגאַטען.

און ווי נאָר די דעלעגאַטען זענען אַוועק, איז זילבערצווייג אַוועק אין פאָליציי, ד. ה. צום פריסטאַוו און איהם אַלץ דערצעהלט, מיט די „דעלעגאַטען“ און מיט דעם „שטרייק“, און האָט געבעטען הילף.

— וואָס קאָן איך אייך העלפען, אַז קיין סקאַנדאַלען איז ביי

אייך אין פאבריק נישט פארגעקומען? איך האב קיין רעכט נישט זיך אריינצומישען,— האט רער פריסטאוו איהם געענטפערט.

— וואס?!?—האט זילבערצווייג אויסגעגלאצט אויף דעם פריסטאוו א פאר אויגען — וואס? ווען איז דאס געוועזען, זאגט מיר, איך בעט אייך, אז פאליציי זאל זיך נישט קאנען אריינמישען, ווען מען קומט אן צו איהר נאך הילף? איהר ווייסט דאך, אז פאר מיר זענען אפען אלע טהירען, ביז צום גובערנאטאר!..

— איך ווייס, נאר צום בעדויערן האב איך קיין רעכט נישט אריינמישען זיך אין דעם ענין, ווי באלד עס זענען נישט פארגעקומען קיין סקאנדאלען און די ארבייטער זענען זיך רוהיג פונאנדערגעגאנגען פון פאבריק.

— „רוהיג" רופט איהר עס אן!.. און די „שטרייקען"? און די „דעלעגאטען"? און פערקירצען זיי דעם ארבייטס-טאג, זיי זאלען ארום-געהן פוסטא-פאס, אום צייט צו האבען מאכען סקאנדאלען? דאס הייסט ביי אייך „רוהיג"?

דער פריסטאוו האט זילבערצווייג'ן בערוהיגט, מורא האבענדיג, אז פון אויפרעגונג זאל ער דא נישט בעקומען קיין אפאפלעקסיע.

— ניין, די וועלט איז נאך נישט הפקר; איך וועל נישט שוויי-גען, איך פאהר באלד אין אויעזד צום איספראווניק, און אז נישט — אפילו צום גובערנאטאר.

דער איספראווניק, זיצענדיג אויף זיין שטעל שוין א יאהר עטלי-כע און דרייסיג, האט מיט טרערען אין די אויגען אויסגעהערט זיל-בערצווייגען און זיפצענדיג געזאגט:

— אזוי, ליעבער פריינד זילבערצווייג, אזוי איז דאס, אזוינע פינסטערע יאהרען האבען מיר עס דערלעבט! א גאנצע פאבריק אר-בייטער בונטעווען, און מיר קאנען זיי גארנישט טהון... ע, ליעבער פריינד נישטא די יאהרען, ווען פאר אזא מעשה פלעגט מען נאך א גוטען מיטאג מיט א פאר גוטע פלאש וויין זיך אריינזעצען אין קארעטע און צוזאמען מיט א הונדערט קאזאקלעך פלעגט מען לויפען אויף אזא בונט און יעדען אריינגעבראקט וויפיעל מען האט בעדארפט, אז עס איז געווען א פערגעניגען צו זעהן,— און שא. שטיל! אויף יאהרען לאנג האט מען קיין האהן נישט געהערט קרעהען! און איצט—וואס קאנען מיר העלפען, אז קיין סקאנדאלען איז ביי דיר אין פאבריק נישט פארגעקומען און זיי זענען זיך שטיל פונאנדערגעגאנגען פון דער פאבריק.

— און די „שטרײַקען", און די „דעלעגאַטען" וואָס איז?

— וואָס זאָל מען טהון? אַזאַ הפקר-וועלט איז שוין הײַנט געוואָרען! געלויבט איז גאָט: באַלד ענדיגט זיך שוין מײַן דיענסט; איך וויל נאָר דערציהען ביז דער פּענסיע, און דערנאָך זאָג איך זיך אָב. אײַן גאָט ווייסט, אַז איך קאָן מעהר אַזאַ אָרדנונג נישט צוזעהן; איך בין אַנדערש געוועהנט אין מײַן אויעזד האַלטען אָרדנונג...

נאָכהער ווי ער האָט זיך פון פיעל אויפרעגעניש אַ ביסעל אָבגערוהט בײַ זײַן אַלטען גוטען פרײַנד — דעם איספּראַווניק, איז זילבערצווײַג אוועקגעפאָהרען אין גובערניע צום גובערנאַטאָר, אויף וועלכען ער האָט אַרויפגעלעגט אַלע זײַנע האָפנונגען.

נאָר דער גובערנאַטאָר, אויסהערענדיג זילבערצווייגען, האָט געענטפערט:

— מײַן ליבער, ה' זילבערצווײַג! איהר מוזט ווי אַזוי עס איז אַליין זיך העלפען און קומען צו אַ בעשלום מיט די אַרבײַטער; מען איז דאָך מענשען; אַ רענדיל אַרויף, אַ רענדיל אַראָב — און מען גלײַכט זיך אויס. איהר זענט אַ בעסערער סוחר ווי איך און איהר וועט שוין וויסען, ווי אַזוי עס איז קומען צו אַ בעשלום מיט די אַרבײַטער. זעהט, ה' זילבערצווײַג, איך בעט דאָס אײַך נישט אַלס נאַטשאַלניק פון דער גובערניע נאָר אַלס פּריוואַטער מענש — טהוט דאָס צוליעב מיר. פערשטעהט איהר, עס איז נישט אַנגענעהם פאַר מיר, אַז אין מײַן גובערניע זאָלען אין אײַער שטאָדט עטליכע הונדערט אַרבײַטער אַרומגעהן לעדיג, אָהן אַרבײַט. איהר ווייסט דאָך אַליין, ווי עס איז שווער הײַנטיגע צײַטען... זאָגט איהר מיר, הײַסט עס, צו, אַז איהר וועט קומען מיט זיי צו אַ גוטען בעשלום אָהן אונזער אַרײַנמישען זיך?

ווען זילבערצווײַג איז אַרויס פון גובערנאַטאָר, האָט ער אויסגעשפּיגען דרײַ מאָל.

— וואָס עס האָט זיך מיר געחלומ'ט הײַנטיגע נאַכט און יענע נאַכט, זאָל זיך אויסלאָזען צו מײַנע שונאים'ס קאָפּ! שענע בקשות האָט מען צו מיר! קומען צו אַ בעשלום מיט אַרבײַטער, מיט די „האָלאָדריגעס"! וועל איך נאָר עטוואָס נאָכגעבען, וועלען זיי מיר דערנאָך דעם קאָפּ אָבדרעהען. אַ שענע בקשה — נישטאָ וואָס צו זאָגען: פּונקט ווי אַ פּאַפּיראָס אויסצורויכערן!..

זילבערצווײַג האָט געפיהלט, ווי די ערד דרעהט זיך אונטער איהם: אין קאָפּ האָט איהם געשאָסען און אין די אויגען האָט איהם

געפינטעלט; ער האט קוים זיך פערשלעפט אין זיין האטעל.

זיין גאנצער שטאלץ, זיין שטארקייט איז נאך דעם וויזיט ביים גובערנאטאר פון איהם אוועק.

א איינגעבויגענער אין דרייען און א האלב-קראנקער איז ער אוועקגעפאהרען צוריק אהיים, און קומענדיג נעהנטער קיין נ. און דערזעהענדיג פאר עטליכע ווערסט דעם קוימען פון זיין פאבריק, פון וועלכען עס געהט נישט קיין רויך, האט זיך ווי עפיס אבגעריסען ביי איהם אין הארצען.

ווען ער איז צוגעפאהרען צו זיין הויז און דערזעהן זיין פאמיליע, וועלכע איז ארויס אקעגען, און צווישען זיי אויך אסתר'לען, האט ער זיך צוריק אויסגעגלייכט און אויפגעהויבען דעם קאפ מיט זיין פריהערדיגען שטאלץ און שטארקייט; ער האט נישט געוואלט אזוי גרינג זיך אונטערגעבען זיין געגנער, וועלכען ער האט שטענדיג געפונען אין אסתר'לען. פון איהר מויל האט ער א צייט פריהער צום ערשטען מאל געהערט אט די היינטיגע מאדנע ווערטער, מיט וועלכע ער האט זיך אנגעהערט אין גובערניע: „שטרייקען", „נארמאלער ארבייטס-טאג", „ארבייט און קאפיטאל", „ארבייטער-קלאס" און דערגלייכען.

ווען ער האט פריהער אט די ווערטער געהערט פון אסתר'לען, אז נישט אין קאפיטאל און נישט אין זיין בריה'שאפט ליעגט די גאנצע קראפט פון זיין פאבריק, האט ער געקוקט אויף איהר ווי אויף א קינד, וואס לייענט ארויס פון ביכלעך פערשידענע בבא-מעשיות; נאר איצט, ווען ער האט זיך מיט די אלע „אסתר'לס ווערטער" בעגעגענט אין לעבען, האט ער געקוקט אויף איהר ווי אויף א געגנער, וואס איז איהם גובר — און דאס וועט ער פאר איהר קיינמאל נישט מודה זיין, אזוי ווי ער וועט קיינמאל נישט נאכגעבען די „דעלעגאטען" פון זיינע ארבייטער; ער וועט ליעבער פערמאכען אויף שטענדיג די פאבריק און וועט קיינעם נישט נאכגעבען, דער גובערנאטאר האט איהם אפילו געבעטען, ער זאל זיך זעהן אויסגלייכען מיט די ארבייטער, נאר א צו-טייערן ביסען האט ער געבעטען פון איהם. אויב עס וועט זיך לאזען פערגלייכען אויף דעם סוחר'ישען שטייגער, וועט ער זיך נאך לאזען רעדען מיט זיי, נאר מיט אזא הפקרות ווי די „דעלעגאטען" זענען געקומען פארלעגען, — דאס פאר קיין פאל נישט. די פאבריק וועט ער פערמאכען און ער, זילבערצווייג, וועט אויספיהרען, נישט די דעלעגאטען... נישט אסתר'ל, נאר ער, אברהם זילבערצווייג!...

מיט די געדאנקען האָט זילבערצווייג איבערגעטרעטען די שוועל פון זיין שטוב. נאָר ווען עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר טעג, האָט זיין שטאַרקייט און שטאָלץ פון איהם אָנגעהויבען צו ביסלעך אַוועקגעהן, ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען: דרייסיג יאָהר איז ער געוועהנט, עס זאָל אויף דער פאַבריק הודען, רעש'ן און קלאַפּען, און איצט איז אויף דער גאַנצער פאַבריק אַזאַ טויט-שטילקייט.

יעדען טאָג שעה'ן-ווייז דרעהט ער זיך אַרום אַליין אין דער פאַבריק; ער טאַפּט אָן מיט די הענד די פאַראָווע מאַשין, וועלכע ער האָט אַזוי ליעב געהאַט פאַר איהר „גוטען גאַנג"—זי איז קאַלט. ער קוקט אויף דעם פינסטערן עלעקטרישען לאַמטערן און אויף דעם קוימען, וועלכער טאָרטשעט נאַריש אין דער הויך, ווי אַ שטומער גולם.

אַלע געביידען און אַלץ און אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער פאַבריק, זעהען פיי איהם איצט אויס, ווי קברים און קברים-שטיבלעך און ער דרעהט זיך איינער אַליין אויף דעם ברייטען פאַבריק-פלאַץ, ווי אַ קברות-יוד...

ער האָט אַפילו נישט, פאַר וועמען אויסגיסען זיין פערביטערט הארץ. מיט וועמען ער זאָל זיך אַנ'עצה געבען? ער האָט אין זיין לעבען מיט קיינעם זיך נישט געראַטען; ער האָט אַלץ געטהון מיט זיין אייגענעם שכל, און האָט קיינמאָל אין דעם קיין חרטה נישט געהאַט. זיין עשירות האָט ער צו פערדאַנקען נאָר זיין אייגענעם שכל, היינט וועמען האָט ער צו פרעגען עצות, אז ער אַליין איז פאַר זיך דער בעסטער בעל-עצה, מיט וועמען זאָל ער זיך אַנ'עצה האַלטען — מיט די נ.-ער יודען? נאָר זילבערצווייג האָט זיך געהאַלטען קלוגער פון זיי. זיי האָבען קיין שכל נישט געהאַט זיך צו העלפען אין לעבען, אַלע זענען קבצנים — וויזשע קאָנען זיי איהם העלפען מיט זייערע עצות?

מיט זיין פאַמיליע האָט ער געוואוסט, אַז אויסער אסתר'לען, האָט ער נישט מיט וועמען דערפון צו רעדען, און אפילו זי, זיין אייגען קינד, איז זיין געגנער...

---

## V.

זילבערצווייג מיט אסתר'לען האָבען זיך בעגעגענט עטליכע מאָל אין טאָג; ער האָט געפיהלט, ווי זי ליידט גלייך מיט איהם. איהר

געזיכט האט זיך אין די לעצטע טעג איבערגעביטען און בלאס געווארען, און זי ווייסט אלץ, וואס קומט פאר ביי איהם הארצען, און דאסזעלבע האט זי אויך בעמערקט אויף איהר טאטען.

אסתר׳ל איז אריין צו איהם אין קאבינעט און געזאגט:

— טאטע, ביזט נישט געזונד און דו טהוסט גארנישט.

— איך ווייס, נאר איצט איז אודאי א צייט צו „דאקטארן" זיך—דו ווייסט, וואס עס קומט פאר ביי אונז אין דער פאבריק.

— איך ווייס אלץ, טאטע.

— אז דו ווייסט יא, מיינסטו דאך אודאי, אז איך וועל זיי נאכגעבען? ניין, אסתר׳ל, — האט זילבערצווייג זיך אויפגעחאפט פון שטוהל אויפגערעגט — די פאבריק מעג שטעהן א גאנץ יאהר און איך וועל נישט נאכגעבען אט די דעלעגאטען, וועלכע האבען זיך ארויסגעשטעלט מיר פארצולעגען בעדינגונגען, זיין בעלי־הבתים אין מיין פאבריק; ניין. כל זמן איך לעב—וועל איך עס נישט דערלאזען. און אט די דעלעגאטען וועל איך קיינמאל אויף דער שוועל פון פאבריק נים אריבערלאזען, אפילו ווען אין דער פאבריק וועט מען שוין אנהויבען ארבייטען!

— צו וואס דארפסטו זיך אומזיסט אויפרעגען! איך בין איצט נישט געקומען מישען זיך אין דיינע געשעפטען און פיהרען אונטערהאנדלונגען צווישען דיר מיט דיינע ארבייטער. איך בין געקומען זארגען פאר מיין טאטענס געזונד, פאר מיין טאטענס לעבען... איך ווייס, אז דו ביזט קראנק... דיין קרענק איז—דאס שטעהן פון דער פאבריק... איך ווייס, אז דו ביזט אימשטאנד אבצושטעלען די פאבריק אויף א יאהר, אויף צוויי, אויף צעהן, אויף אייביג... פון וואנען צו לעבען וועסטו האבען און עס וועט דיר גרינג זיין גובר צו זיין די הונגעריגע, אומגליקליכע ארבייטער. איך ווייס, אז דו ביזט שטארקער פון זיי אויף צו ראנגלען זיך, אבער אהן זייער קראפט וועט זיך די פאבריק נישט ריהרען. די פאבריק וועט נישט געהן, און דאס איז פאר דיין געזונד די געפעהרליכסטע זאך... דו שפיעלסט זיך מיט דעם לעבען, טאטע!... דיין גאנץ לעבען ביזטו געוועזען אין דעם גערודער און דעם רעש פון דער פאבריק; דער רעש, דאס גערודער, דאס קלאפען פון די מאשינעס און דער רויך פון קוימען—דאס איז דיין לופט, אהן וועלכער דו וועסט נישט קאנען לעבען... דיר געהט אין דעם, ווער וועט אויספיהרען: דיין גאנץ לעבען ביזטו

געוועהנט אויסצופיהרען, גובר צו זיין און ווילסט ווייטער פיהרען די פאבריק, ווי דו ביזט געוועהנט מיט דיין שטיינער. אבער דו וועסט, טאטע, נישט אויספיהרען. זיי וועלען סוף כל סוף אויספיהרען, ווי דו זאלסט זיך נישט איינעקשנ'ען. דו וועסט דעם נאטירליכען גאנג פון דעם פראגרעס נישט אבהאלטען, ווי א פערדארבען צייהנדעל אין א רעדיל פון דער גרויסער פאראוועס מאשין. דאס צייהנדעל מוז זיך סוף כל סוף אנרייבען און געהן גלאטיג גלייך מיט אלע, ווען נישט—ווערט עס צובראכען און א נייע צייהנדעל אדער א נייע רעדיל וואקסט אויס אויף זיין ארט. אויב דו ווילסט לעבען, מוזטו, טאטע, קומען צו א בעשלום מיט די ארבייטער. מען קאן מעהר נישט ארבייטען מיט זיי, קוקען אויף זיי ווי אויף קנעכט, ווי ביז אהער. זיי האבען סוף כל סוף דערוויזען, אז די ארבייט איז די הויפט-קראפט, נישט נאר דער קאפיטאל אליין.

— הא, הא, דו האסט שוין אנגעהויבען ריידען פון דיינע ביכלעך ארויס, — האט זילבערצווייג איהר איבערגעשלאגען די רייד.

— ניין, טאטע, איך דארף דא נישט מיינע ביכער, דו זעהסט דאך אליין, דו קאנסט דיך אין דעם איבערצייגען. א בלינדער זעהט דאס אויך...

— זאל זיין ווי דו זאגסט, אבער ווען איך זאל בעפריעדיגען אלץ, וואס זיי פערלאנגען, וועט די פאבריק נישט דערטראגען. אלץ האט ליעב א חשבון. דערפון ווייסטו שוין נישט, מיין חכמת? אלץ האט ליעב א חשבון, טאכטערניא!...

— אודאי, א חשבון. מאך-זשע דעם חשבון, און אויב עס וועט נישט טראגען—פערמאך די פאבריק, פערקויף זי און א סוף.

— וואס-זשע וועלען טהון די ארבייטער, אויף וועלכע דו האסט אזוי פיעל רחמנות, נישט שפארענדיג דעם טאטענס געלד, אזוי ווי דער גובערנאטאר, וואס האט מיך אויך געבעטען קומען צו א בעשלום מיט די ארבייטער, זיי זאלען נישט ארומגעהן ליידיג!... עס קאסט אייך אלע עפּים טייער!... יא, וואס וועלען טהון די ארבייטער, אז איך וועל פארמאכען די פאבריק?...

— אויף דיין ארט וועט קומען אנ'אנדער פאבריקאנט, וועלכער— זיי מיר מוחל, טאטע—וועט בעסער פערשטעהן צו פיהרען די פאבריק, און די ארבייטער וועלען נישט ארומגעהן ליידיג...

זילבערצווייג האט זיך היסטעריש און איראניש צולאכט.

— חאַ-חאַ, אַנ'אַנדערער וואָלט בעסער געפּיהרט! איך טויג שוין נישט... איך בין שוין אַ גאָרנישט... איך פערשטעה שוין גאָר-נישט... אַנדערע זענען גרעסערע בריות, אַזוי זאָגסטו, אַנאַייגען קינד?

— איך זאָג גאָרנישט. צו וואָס רעדסטו אַזוי, טאַטע? איך ווייס, אַז דו וועסט גאָרנישט אויספיהרען, עס קאָן דיך נאָר קאָסטען דיין געזונד און וועגען דעם בין איך איצט צו דיר געקומען; אַלס דיין קינד, בין איך געקומען דיך וואָרענען, אַז דו שפּיעלסט זיך מיט דיין געזונד.

— איך ווייס, איך ווייס, אסתר'ל, אַלץ אָהן דיין וואָרענען, איך ווייס. נאָר וואָס זאָל איך טהון? איך קאָן נישט רעדען מיט די דעלעגאַטען, זיי זאָלען זיין בעל-הבתים ביי מיר, מיר זאָגען דעות, וויפיעל איך זאָל צאָהלען די אַרבייטער. עס איז מיין פאַבריק, מיין קאַפּיטאַל און איך בין בעל-הבית. די אַרבייטער לעבען פון מיר, און איך וועל נישט דערלאָזען, עמיצער זאָל מיר זאָגען דעות און שטעלען בעדינגונגען.

— זעה, טאַטע, ווי דו בלאָנדזשעסט, ווי דו האָסט אַ טעות! דו אַליין זאָגסט, אַז עס איז דיין פאַבריק, דיין קאַפּיטאַל און נאָר דו ביזט דער בעל-הבית, און עס לאָזט זיך אויס, אַז דיין קאַפּיטאַל איז אַ בעל-הבית איבער דיר. דו ווייסט און פיהלסט זעהר גוט, אַז דו שפּיעלסט דאָ מיט דיין געזונד און אפשר מיט דיין גאַנץ לעבען און ביזט נישט בכח צוליעב דיין רוה, געזונד און לעבען צו העכערן די פּרייזען פאַר דער אַרבייט. וואָס איז? טאָמער וועט דיין קאַפּיטאַל ברייננגען צוליעב דעם אַ פּאָר פּראָצענט ווינציגער פערדיענסט.

— אַ פּאָר פּראָצענט!.. חאַ-חאַ, וואָס פאַר אַ קינד דו ביזט, אסתר'ל! ווייסטו, אַז אַ פּאָר פּראָצענט, וועלכע דו רעדסט אַזוי גרינג אויס, טרעפט אָן אַ שענע פּאָר טויזענד רובל אַ יאָהר!

— און דו, טאַטע, ביזט נישט בכח אפילו צוליעב דיין רוה און געזונד צו שאַפען אפילו איבער אַ פּאָר טויזענד רובל. טאַטע! פּרוב זיי אַמאָל אַ בעל-הבית איבער דיין פערמעגען, וועסטו פיהלען דעם אמת'ן גוטען טעם פון לעבען.

— איך ווייס, איך ווייס, נאָר איך קאָן נישט, אסתר'ל, איך קאָן נישט, איך קאָן פּאָרט נישט,— האָט זילבערצווייג געענדיגט מיט אַ שוואַך קול, אַראָבלאָזענדיג דעם קאָפּ, און איז געבליבען זיצען אויף

זײַן שטוהל, אײַנגעבויגען אין דרײַען, בלאַס און דערשלאָגען.

— יאָ, איך ווײס, אסתר'ל, נישט איך בין דער בעל-הבית, איך בין אַנ'אײַביגער אָרימער קנעכט בײַ דעם קאַפּיטאַל. מײַן גאַנץ לעבען האָב איך זיך פון אַ סך זאַכען אָבגעזאָגט, ווי אַ געטרײַער קנעכט געדיענט מײַן בעל-הבית—דעם קאַפּיטאַל. פריהער מיט יאָהרען, ווען איך בין נאָך בײַ מײַנע אַלע קרעפטען געווען און געקאָנט לעבען, האָב איך נישט געוואָלט, נאָר אַלץ געאַרבײַט פאַר מײַן בעל-הבית, די בעסטע יאָהרען איהם אַוועקגעגעבען, און איצט וואָלט איך שוין געוואָלט לעבען, האָב איך שוין נישט מיט וואָס — איך בין שוין אַלט און קראַנק. אַנ'אײַביגער קנעכט בין איך געווען, אַ קנעכט... ביזט גערעכט, אסתר'ל, איך בין נישט בכח צו שאַפען איבער מײַן קאַפּיטאַל.

— נאָר דאָס געזונד און לעבען פון מײַן כ־ַטען איז בײַ מיר טײַערער פון דײַן גאַנצען קאַפּיטאַל! — האָט אסתר'ל אויסגעשריען.

— איך קאָן אָבער נישט. איך וועל אָנהויבען מיט זיי צו רײדען, ווײס איך אַז איך, וועל נישט אויסהאַלטען. דער סוף וועט זײַן, איך וועל די דעלעגאַטען אַרויסטרײַבען פון מײַן פאַבריק! די לאַגע וועט נאָך ווערען ערגער, איך קאָן אַנדערש נישט. אסתר'ל! אויב דו ווילסט ראַטעווען מײַן געזונד, אומקעהרען מײַן רוה—טהו דו, רײד דו מיט די דעלעגאַטען, העכער זיי די פרײַזען פאַר דער אַרבײַט, נאָר איך וויל נישט הערען...

און אברהם זילבערצווײַג האָט זיך אָהן מאַכט אַראָבגעלאָזט אויף זײַן שטוהל.

---

## VIII.

אין אַ שענעם פראָסטיגען פאַר-טאָג האָט מען אין שטעדטיל נ. ווידער דערהערט דאָס פײַפען פון דער פאַבריק. פיעל האָבען זיך אויפגעחאַפּט פון שלאָף און זיך צוגעהערט צום פײַפען מיט אַזאַ פערגעניגען, ווי מען הערט אַמאָל בײַ-נאַכט די כלי-זמר שפּיעלען דעם זיסען יודישען נגון, וואָס צוגיסט זיך איבער אַלע אברים, ווען מען פיהרט די מחותנים צו דער וועטשערע.

דעם גאַנצען טאָג האָבען אַלע אין שטעדטיל מיט שמחה און מיט אַ בעזונדער אויפלעבונג גערעדט וועגען דעם, אַז די פאַבריק געהט שוין.

די וואס האבען פאר-טאג געהערט דעם ערשטען פייף פון דער פאבריק, האבען געפונען פאר נויטיג צו דערצעהלען, ווי אזוי דאס איז פארגעקומען און ווי אזוי די מעשה איז געוועזן.

— איך בין אזוי געשלאפען געשמאק, — דערצעהלט איינער צווישען א רעדיל מענשען — פלוצים טארעט מיך מיין ווייב — וואס איז? פרעג איך אראבשפרינגענדיג פון בעט א דערשראקענער, ווייל ס'האט זיך מיר אויסגעוויזען, אז א גנב רייסט די לאדען. — משוגע'נער, זאגט זי: וואס האסטו זיך אזוי דערשראקען? דו הערסט, ווי די פאבריק פייפט? ווייס איך? וואס דיר ווייזט זיך אויס, זאג איך. — משוגע'נער, זאגט זי: הער זיך צו, ווי זי פייפט. איך הער מיך צו: הו-הא! — נאך וואס פאר א מין פייפען!..

— איך בין שוין געוועזן אויפגעשטאנען און אבגעגאסען נעגעל-וואסער, — דערצעהלט א צווייטער — פלוצים דערהער איך פייפען — איך האב זיך אזש דערשראקען. וואו קאן דאס אזוי פייפען? טראכט איך זיך און איך הער ווייטער; עס הערט נישט אויף צו פייפען. הא! הא! טראכט איך זיך: די פאבריק פייפט שוין! טארע איך מיין ווייב און וועק זי אויף. דערשרעקט זי זיך, — וואס, עס ברענט אין שטאדט? פרעגט זי מיט שרעק. — ניין, זאג איך, שרעק זיך נישט. מען פייפט שוין אין פאבריק. די פאבריק געהט שוין ווידער. דו הערסט, ווי מען פייפט? זי קוקט מיך אן אין אנהויב ווי א משוגע'נעם, דערנאך האט זי זיך א לאז געטהון ווי א ווייב קאן, נישט צו אייך רעדענדיג: וואס האט געזאלט זיין מיר מיט מיין מאן און מיינע קינדער, זאל זיך אויסלאזען צו דיין קאפ און צו דיינע הענד און פיס. קוקט נאר אן די שמחה אויף איהם! ער פרעהט זיך, וואס די פאבריק פייפט, האסט, זאגט זי, א סך אריינגעלעגט אין פאבריק. וואס איז מיט דיר אזוי די שמחה? זעה בעסער, צי האסטו אנגעגרייט דעם ווייב היינט אין מארק אריין. — ניין, זאג איך, עס איז גלאט הימליבער אין שטאדט און אויף דעם הארצען, ווען די פאבריק פייפט. אזוי וואויל איז דער באבען דיינער, זאגט זי. קוים מיט צרות האב איך זי איינגענומען ביז זי איז ווייטער איינגעשלאפען.

— און איך, — דערצעהלט א דריטער — האב גארנישט געהערט און האב זיך דערוואוסט, ערשט ווען איך בין געקומען אין בית-המדרש דאווענען.

און דער עולם האט שטארק מקנא געוועזן די דערצעהלער, וועלכע

האָבען דערהערט דעם ערשטען פייף פון פאַבריק, און האָט ווייטער גערעדט:

— איך בין זיך משער, וויפיעל עס טרעפט אָן, וואָס מען האָט דערלעגט די אַרבייטער.

— איך וואָלט זיך עס געוואונשען צו פערמאָגען מיט אַלע מיינע ליעבע.

— מען זאָגט, אַז ר' אברהם וואָלט נישט געהעכערט קיין קאָפּיקע, נאָר זיין טאָכטער'ל אסתר'ל האָט עס געפּועל'ט.

— אפשר וואָלט זי געפּועל'ט ביי'ם טאַטען, — ווערטילט זיך איינער — ער זאָל צוטיילען אונז עטליכע טויזענד רובל. איהר טאַטע קאָן, נישקשה. אוי, וואָלט אונז צונויץ געקומען!

— באַלד וועט זי עס טהון, די טייערע צדיקת! מען זאָגט, אַז ער ליידט פון איהר געגוג, נאָר וואָס זאָל מען טהון מיט אַן'איינציגען קינד?

— אַזוינע קינדער מעגען אויסגערונען ווערען ביי דער מאַמען אין בויך, — רופט זיך אָן אַ יורענע — זי האָט דען אַ פּנים פון אַ יודישער טאָכטער? — איהר ווייסט דען, וואָס פאַר אַ צרות ר' אברהם טראָגט איבער פון איהר? דאַכט זיך, ווער קאָן נאָך אַזוי גיך אַ כּלה ווערען און טהון דעם גרעסטען שדוך, ווי אסתר'ל, און — גאַרנישט. זי וויל פערזיצען ביז אין גראָהען צאָפּ. אַזאַ לייטישער גביר ווי ר' אברהם איז, דאַרף איהם גאָט שטראָפען מיט אַזאַ טאָכטער. נישטאָ קיין גליק אויף דער וועלט, מען מעג זיין דער גרעסטער גביר. און וואָס וועט זי טהון מיט איהר חלק ירושה, נישט דערלעבען זאָל זי, איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, ווען איהר טאַטע וועט שטאַרבען, אָהן אַ מאַן און אָהן קינדער? — פאַר די אַרבייטער האָט זי זיך עס אַ ביסעל אוועקגעלעגט, מען זאָל זיי דערלעגען — דעם „גן-איידעם" וועט זי דאָס דערפאַר האָבען.

— וואָס האָט זי געטהון פאַר אַזאַ עולה, — האָט זיך איינער אָנגערופען — עס וועט איהר טאַטען ווינציגער בלייבען? ער האָט געגוג, הלואי אַ דריטעל אויף אונז געזאָגט געוואָרען. נאָר אָט דאָס, וואָס זי מישט זיך אין אַזוינע זאַכען, איז אודאי נישט שען פאַר אַ מיידעל; ר' אברהם פערשטעהט בעסער געשעפט ווי זי.

— אונזער עסק? לאָז זי ברעכען דעם קאָפּ! זעהט איהר, אויף ר' אברהם'ן איז פאָרט אַ רחמנות — אַזאַ לייטישער יוד, וואָס זאָלען

מיר דאָ לייקענען, אַ טובה האָט ער ליעב צו טהון: אַמאָל ביי נאַ־טשאַלסטווע, אַמאָל אַ שענע נדבה, ווען מען דאַרף, ער איז פּאַרט אַ מענש צו גאָט און צו לייט. זעהר גלייך, וואָס די פאַבריק געהט ווידער, גלייכער אַזוי, ביי היינטיגע צייטען געהט האָבען אַ געשעפט מיט אַרביימער.

אַזוי האָט מען זיך אין שטאָדט געדרעשט אַ טאָג־צוויי, ביז מען איז געוועהנט געוואָרען מיט דעם פייפען פון דער פאַבריק, און דאָס לעבען אין נ. האָט זיך אָנגעהויבען געהן, ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען.

אברהם זילבערצווייג האָט אויך גיך פערגעסען, אַז זיין פאַבריק האָט זיך איבער'ן שטרייק אויף אַ געוויסע צייט אָבגעשטעלט און ווען זיין קרוב לעאָן פאַרבשטיין, וואָס איז נישט לאַנג ווידער געקומען צו־גאַסט, האָט איהם געפרעגט: אין אייער שטילען נ. האָט זיך סוף כל סוף אויך די קרענק פערשלעפט, — ביי אייך אין פאַבריק האָט מען אויך געשטרייקט? האָט זילבערצווייג עס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד, ווי עפּיס אַ קלייניגקייט: עט, מישטיינס געזאָגט, אַ שטרייק, ביי מיר איז קיין שטרייק נישט געווען, די אַרבייטער האָבען זיך איינ־געשפּאַרט, מען זאָל עפּיס העכערן. פערשטעהט זיך, אַז זיי וואָלטען ביי מיר נישט געפּועל'ט, ווען נישט אָט די מיין מיוחסת, — האָט ער אָנגעוויזען אויף אסתר'לען: מילא, נישט קיין אומגליק, די פאַבריק געהט, ב"ה...

לעאָן האָט ווידער מיט זיך געבראַכט נישט קיין גוטע נייעס; ער האָט שוין איצט וועניג גערעדט פון שטרייקען, נאָר דאָס מעהר וועגען פּאָגראָמען, פון וועלכע ער האָט נישט אויפגעהערט צו דערצעהלען, אַז די האָהר האָבען זיך געשטעלט קאַפּויר.

— איך און דער פאָטער פון מיינער האָבען שוין בעשלאָסען אַוועק־פאָהרען קיין אויסלאַנד אויף דער גאַנצער צייט, ביז עס וועט נישט שטיל ווערען. אַ יוד איז דאָך ביי אונז צייט נישט זיכער מיט דעם לעבען.

— עט, צום פייער איז נאָך וואַיט, האָט זיך זילבערצווייג גע־טרייסט: ביי אונז איז אַזאַ שטילע געגענד, קריסטען מיט יודען לעבען דאָ גוט צווישען זיך. דאָ וועט קיין פּאָגראָמען נישט זיין, זיין דערצו וועט אונזער נאַטשאַלסטווע נישט דערלאָזען. זאָל זיך עפּיס נאָר הערען דאָ וועגען אַ פּאָגראָם, טעלעגראַפיר איך באַלד אין אויעזד און אין

דער גובערניע. עס וועט נישט געדויערן קיין טאָג — שיקט מען אַריין עטליכע הונדערט קאָזאַקען.

— אויך מיר אַ שטרייק. ביי מיר איז נישט געוועזן קיין שטרייק. איהר זעהט דאָך, ווי די פאַבריק געהט ביי מיר אין אָרדנונג. מילא, האָב איך זיי געהעכערט אַ קלייניגקייט. גלויבט מיר, ווען נישט אסתר'ל, וואָלט איך אָהן דעם אויך אויסגעפיהרט.

— זאָל אייך גאָט העלפען, עס זאָל ווייטער אויך זיין ביי אייך רוהיג, נאָר ביי מיר מיט מיין טאַטען און מיט אונזער גאַנץ הויז־געזינד איז געבליבען, מעהר זיך נישט צו פערלאָזען אויף נסים און פאָהרען קיין אויסלאַנד. דאָס לעבען איז טייערער פון די געשעפטען.

ווען די קרובים זענען זיך נאָך דעם געשפּרעך צוגאַנגען, האָט זילבערצווייג ביי זיך אין הארצען געוואונשען לעאָנ'ען, אז ער קאָן פאָהרען נישט נאָר קיין אויסלאַנד, נאָר אפילו אהין, וואו דער שוואַר־צער פּעפער וואַקסט. — צו וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָהר טראָגט עס איהם אָן אהער מיט אַזוינע זיסע נייעס! אין אונזער געגענד איז ב"ה שטיל — זאָל זיין שטיל. וואָס דאַרף מען גאָר רעדען דערפון? ער קומט נאָר פעריאָמערן מיר דאָס לעבען, און ווייטער גאָרנישט.

און ווי אויף צוּעצעניש האָט לעאָן איצט גאָרנישט אָנגעהויבען צו טראַכטען פון אַוועקפאָהרען.

זילבערצווייג האָט גוט פערשטאַנען, צוליעב וואָס ער פערברייננגט דאָ אַזוי פיעל צייט ביי איהם אין הויז. לעאָן פלעגט כמעט די גאַנצע צייט פערברייננגען מיט אסתר'לען, נאָר ביז וואַנען איז דער שיעור? יעדע זאַך מוז האָבען אַ'ן ענדע. און זילבערצווייג האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גליקליכער מינוט, דאָס „יונגע פּאָר" זאָל קומען צו אַ בעל־שלום און בעטען ביי איהם מיט זיין ווייב זייער ברכה. ווי גליקליך וואָלט ער, זילבערצווייג, געוועזן! נאָך דער חתונה וואָלטען זיך דאָס יונגע „פּאָר־פאָלק" אַוועקגעפאָהרען קיין אויסלאַנד און אסתר'ל וואָלט זיך ענדליך בעפרייט פון איהרע ביכער, דערנאָך וואָלט זי געוואָרען אַ מוטער, אַ קינדעלע און נאָך אַ קינדעלע, און אַ סוף, — זי וואָלט געוואָרען אַ מענש גלייך מיט אַלע מענשען.

יעדער טאָג, וואָס לעאָן האָט דאָ פערבראַכט, איז ביי זילבער־צווייג'ן געוועזן אַ יאָהר, און ער האָט אַלץ געוואַרט אויף דער גליק־ליכער מינוט.

נאָר עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ טאָג און אַ טאָג און דאָס יונגע

„פאַר-פאָלק״ האָט נאָך אַלץ גערעדט און גערעדט און פון עפּיס געפילאָזאָפירט און די עלטערנ׳ס ברכה איז מען נאָך נישט געקומען בעטען.

✿ ✿

*

לעאָן איז געווען ביי זיך זיכער, אַז סוף כל סוף וועט קומען די גליקליכע מינוט, ווען אסתר׳ל וועט ווערען זיינע. ער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ קענער פון פרויען-הערצער און איז געוועהנט געוואָרען צו געפעלען פרויען. אין דער צייט, וואָס ער פערברייננגט דאָ, איז איהם אויסגעקומען פון אסתר׳לען צו הערען אַזוינע ווערטער, וואָס אַנ׳אַנדערער וואָלט שוין לאַנג בעדאַרפט פערשטעהן, — אַז ער קאָן זיך פון איהר גאָרנישט דערוואַרטען און מוז וואָס גיכער זיך פאַקעווען אין וועג אַריין. נאָר לעאָן איז געווען אַנ׳אייגענער, אַ קרוב, אסתר׳ל איז שטענדיג געווען זעהר גאַסט-פריינדליך צו איהרע קרובים, איז לעאָן ווייטער געבליבען אויף דעם רעכט פון קרובה׳שאַפט. לעאָנ׳ען האָט זיך נישט געגלויבט, אַז ער קאָן נישט גובר זיין דאָס האַרץ פון אַ פרוי, ובפרט אַזעלכע, מיט וועלכער ער וויל באמת אויף אייביג פערבינדען זיין לעבען, אַזוינע, וועלכע ער האָט אַזוי הייס ליעב.

און ענדליך איז געקומען אַזאַ מאָמענט, ווען לעאָן האָט פערגעסען האַלטען פון זיך, אַז ער איז אַ שענער, אַ רייכער און געבילדעטער יונגער-מאַן; ער האָט פערגעסען, אַז ער קען גוט פרויען-הערצער, וועלכע ער קאָן גובר זיין. עס איז געקומען אַזאַ מאָמענט, ווען ער האָט אפילו פערגעסען, אַז די שדכנים האָבען איהם אָבגעשאַצט זיין ווערט, אַלס אַ חתן, וועלכען מען גיט פון כלה׳ס צד דרייסיג אָדער פערציג טויזענד רובל. עס איז געקומען דער מאָמענט, וואָס ער האָט אָנגעהויבען רעדען מיט אסתר׳לען אָהן חשבונות, נאָר פון האַרצען, מיט הייסער ליעבע צו איהר: אַז זי איז ביי איהם אַלץ אין לעבען, אַז ער וועט זיך פיהלען פאַר דעם גליקליכסטען אין דער וועלט, ווען זי וועט מיט איהם טיילען דאָס לעבען, און ער ערוואַרטעט איהר וואָרט, — איהר לעצט וואָרט.

אין דעם איצטיגען מאָמענט האָט אסתר׳ל דערפיהלט, אַז לעאָן איז שוין מעהר פאַר איהר קיין קרוב נישט און זי האָט איהם געזאָגט:

—מיר האָבען גענוג פערבראַכט און פיעל גערעדט. אין דער צייט איז מיר געלונגען דיך גוט צו דערקענען. דעריבער וויל איך פון דיר, לעאָן, קיין זאַך נישט בעהאַלטען און דיר זאָגען אָפען, אַז אַזאַ יונגערמאַן מיט אַזאַ אויסזעהן, מיט אַזאַ ענטוויקלונג און בילדונג און אויך אַלס פערמעגליכער מענש, קאָן זיך יעדעס פרייליין, ווי אויך איך, קיין בעסערען חתן נישט ווינשען. נאָר וואָס עס קעהר זיך אָן בעזונדערס צו מיר, קאָן איך נישט טיילען דאָס לעבען מיט אַזאַ מענשען, וואָס איז שטענדיג צופריעדען מיט זיך און מיט דער וועלט, ווי דו. איך בין בכלל נישט צופריעדען נישט מיט זיך און נישט מיט דער וועלט. וואָס דיר געפעלט אין לעבען, קאָן מיר נישט געפעלען. צו דעם צוועק אין לעבען, צו וועלכען דו שטרעבסט—פון דעם אַנטלויף איך, און בכלל גלויב איך נישט אין דיין ליעבע. אמת, דו האָסט מיך ליעב אויף אַזוי פיעל, וויפיעל דו קאָנסט נאָר, אָבער מענשען, וואָס זענען צופריעדען מיט זיך, קאָנען מעהר נישט ליעב האָבען און אַזאַ ליעבע איז פאַר מיר ווינציג. דו קאָנסט ווייטער בלייבען ביי אונז אין הויז נאָר אַלס קרוב, אַלס אונזער בעסטער, געווינשטער גאַסט.

לעאָן האָט פונדעסטוועגען נישט אויפגעהערט גלויבען, אַז עס איז נישטאָ די פּרוי, וועלכער מען זאָל נישט קאָנען בייקומען. אפשר קען ער ווייניג אסתר'לען, אפשר וועט זי מיט דער צייט איבערבייטען די מיינונג וועגען איהם. און ער האָט נישט אויפגעהערט האָפען.

דערווייל זענען אָנגעקומען אויף דער שטאָדט ג. שווערע טעג. די קלאַנגען וועגען פּאָגראָמען זענען אויך אַהער אָנגעקומען, און אַלע האָבען וועגען דעם אָנגעהויבען רעדען. אברהם זילבערצווייג האָט לעאָנ'ען געבעטען, ער זאָל פון זיי אין אַזאַ צייט נישט אַוועקפאָהרען.

---

## IX.

וואָס אַ טאָג ווייטער, האָבען זיך אין שטאָדט די קלאַנגען פערגרעסערט. מען האָט אפילו אָנגערופען דעם טאָג, אין וועלכען עס דאַרף פאָרקומען דער פּאָגראָם אין ג.; מען האָט געפונען פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס ביי די „מעשטשאַנעס“, ד. ה. ביי די שטעדטישע

קריסטען. מען האט דערצעהלט, אז אינ'ם טאג פון פאגראם וועלען אנקומען פון דער פרעמד פאגראמשטשיקעס צו העלפען די היימישע; ווידער האט מען דערצעהלט, אז פון די ארומיגע דערפער גרייט מען זיך צו קומען מיט וועגען און מיט זעק צו פערנעהמען יודיש גוטס, און וואס א טאג איז די מהומה געווארען אלץ שרעקליכער.

דער רב מיט אלע פארנעמסטע בעלי-הבתים פון שטאדט זענען, חי יעדעס מאל אין אנ'עת-צרה, געקומען צו זילבערצווייג'ן זיך האלטען אנ'עצה, וואס מען זאל טהון. און עס איז געבליבען, אז זילבער-צווייג זאל פאהרען צו נאטשאלסטווע בעטען, מען זאל פארנעהמען מיטלען נישט צו דערלאזען צו קיין פאגראם.

די שטאדט האט זיך דערפון בערוהיגט. אלע האבען געוואוסט, אז ווי באלד אברהם זילבערצווייג פאהרט צו נאטשאלסטווע, וועט ער אלץ פועל'ן און בעווארענען, און מען קאן שוין זיין רוהיג.

זילבערצווייג האט נישט אבגעלעגט און איז באלד אוועק צום פריסטאוו פון שטעדטיל.

דער פריסטאוו האט איהם געזאגט, אז אומזיסט שרעקט מען זיך, עס וועט קיין פאגראם נישט זיין.

—אלע רעדען דאך וועגען דעם אזוי אפען,—האט זילבערצווייג געענטפערט— און עס ווערט אזוי פיעל פאגראם-פראקלאמאציעס פער-שפרייט אין אונזער געגענד.

— ווער רעדט? יודען? און דאס איז דאך בעוואוסט, אז יו-דען זענען שרעקענדיגע, פון א גארנישט מאכען זיי אן א געפילדער.

— אבער אויף דעם פאל, ווען עס וועט פארט אויסברעכען א פאגראם, בעט איך אייך אין דער צייט אננעהמען מיטלען.

— די מיטלען, וואס איך האב, וועל איך אננעהמען, דער-הויפט אבער זאגט אייערע יודען, זיי זאלען ווינציגער רעדען און זיין שטיל.

— אבער אייערע מיטלען זענען צו-ווייניג: מען מוז האבען מעהר פאליציי, קאזאקען, א. ד. ג. אויך איז נויטיג מעהר אכטונג געבען אויף די פאגראם-אגיטאטארען, וועלכע אגיטירען אזוי אפען.

— איך האב נישט קיין רעכט צו ארעסטירען מענשען, וועלכע איך האב נישט געחאפט ביי קיין פערברעכען. איך, פון מיין זייט, וועל טהון אלץ, וואס איז נאר מעגליך. זאגט בעסער אייערע יודען,

זיי זאלען ווינציגער רעדען דערפון, זיצען שטיל, אום נישט דורך זייער שולד ארויסרופען א פאגראם.

נישט פערלאזענדיג זיך אויף אזא קליינעם נאטשאלניק, ווי דער פריסטאוו, איז זילבערצווייג אוועקגעפאהרען אין אויעזד צום איספראוו-ניק און נאכדעם ווי זילבערצווייג האט איהם איבערגעגעבען זיין בקשה, האט דער איספראווניק געזאגט:

— ווער איז אייך שולדיג, אז אייערע יודעלעך בונטעווען און האבען אויפגערייצט דאס רוסישע פאלק. ווען איך זאל האבען א גרויסע מאכט, וואלט איך פריהער פאר אלעמען יעדען יודישען בונ-טאווטשטשיק געהייסען אריינווארפען צו א האלבער מאה שמיץ לזכרון.

זילבערצווייג האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט, נישט דער-קענענדיג דעם טאן, מיט וועלכען דער איספראווניק רעדט מיט איהם. אט דערזעלבער, וואס איז שוין זינט יאהרען-לאנג מיט איהם, ווי צוויי ברידער: ווען ער קומט צופאהרען קיין נ., שטעהט ער ביי איהם סטאנציע, עסט ביי זיין טיש, קושט זיך מיט איהם אין די פיסקעלעך, און איצט רעדט ער מיט איהם מיט אזא טאן, ווי גלייך ער זעהט איהם דאס ערשטע מאל.

— וואס רעדט איהר? — איז זילבערצווייג פון איהם נישט אבגע-שטאנען — ביי אונז אין נ. זענען קיין יודישע בונטאווטשטשיקעס נישטא.

— איך רעד נישט וועגען אייך, ליעבער זילבערצווייג, הלואי וואלטען מיר פערמאגט א סך אזוינע יודען, ווי איהר. וועגען אזוינע זאכען ווייסען מיר בעסער. ווי קאנט איהר וויסען וועגען יודישע בונ-טאווטשטשיקעס, אז איהר ווייסט אפילו נישט, אז אייער אייגען קינד, וואס געפינט זיך ביי אייך אין שטוב, איז אויך נישט אזוי כשר.

— מיין קינד? ווער?

— אייער שענע אסתר'ל, אט דאס אונשולדיגע שענע מיידעלע, שטעלט אייך פאר, איז ביי אונז פערצייכענט... נאר גלאט איך לעג כבוד אויף איהר טאטען, זי איז פארט ביי איהם אין שטוב. מיר זענען פארט אלטע גוטע ברידער...

— מיין אסתר'ל? איך וועם נישט, — מיין אסתר'ל?..

— זעהט-זשע, ווי איהר קאנט נישט וויסען, אז אייגענע עלטערן זענען בלינד אויף זייערע אייגענע קינדער. נאר מיר זענען דאך פארט אלטע גוטע ברידער, וועל איך אייך עפענען די אויגען: שטעלט אייך פאר, אז אייער טאכטער האט גענומען אנטייל אין דעם שטרייק פון

אײַער פאַבריק, און האָט געשעפטען, בײַ הײַנטיגער צײַט, מיט אַרבײַטער.

— ניין, איך גלויב ניִשט, זי זאָל זיין אַזוי נעגען מיר, ס'איז ניִשט אמת.

— איהר גלויבט ניִשט? און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל עס אײַך דערווייזען?

— איך בעט דאָס אײַך...

— ווער האָט נאָכגעגעבען די אַרבײַטער? ווער האָט זיי גע-העכערט די פרייזען, — איהר, הא?

— דערפון ווייס איך. זי האָט דאָס געטהון מיט מיין וויסען. איך האָב איהר דאָס ערלויבט.

— מיט אײַער וויסען, מיט אײַער ערלויבניש? עס קאָן זיין, ווען איהר זאָגט עס אליין. אָבער איך פרעג אײַך: איהר אליין וואָלט זיי נאָכגעגעבען, הא? זאָגט. איהר וואָלט זיי געהעכערט די פרייזען?— ניין, זאָגט?..

זילבערצווייג האָט געשוויגען און דערנאָך עפּיס געבאַרמאָטשעט אונטער דער נאָז מיט ניִשט קיין קלאָרע ווערטער, פונקט ווי מען האָט איהם געחאַפּט בײַ דער האנד.

— איאָ, איהר וואָלט זיי ניִשט נאָכגעגעבען? און זעהר ריכטיג! וואָרום באַלד אַז ווי מען זאָל די בונטאָווישטשיקעס נאָכגעבען, וועלען זיי אינגאַנצען בײַ אײַך צונעהמען, וואָס איהר פערמאָגט, דאָס לעצטע העמד, אפילו דאָס לעבען וועלען זיי בײַ אײַך צונעהמען. קומט צו-געהן אַזאַ מיידעל און מישט זיך אין אַזוינע געשעפטען מיט אַרבײַטער, פיהרט רעדעס מיט זייערע דעלעגאַטען און גיט זיי נאָך און פועל'ט בײַם טאַטען, ער זאָל זיי העכערן! שמיץ וואָלט מען בעדאַרפט העכערן אַט די פּאָליאַקעס, וואָס ווילען אַרומגעהן ליידיג און האָבען מעהר געלד אויף צו שכור'ן! איך פרעג אײַך: איז דאָס אַ געשעפט פאַר אַ בעל-הבתי'ש מיידעל? חתונה האָבען וואָלט זי בעדאַרפט, חא-חא! ניִשט האָבען קיין געשעפטען מיט שטרייקער און אַרבײַטער.

— אָבער מיט מיין ערלויבניש האָט זי געמעגט העכערן די פרייזען.

— זי האָט זיי אפילו בעצאָהלט פאַר דער צײַט, וואָס זיי האָבען געשטרייקט און ניִשט געאַרבײַט; מיט דעם פערשאַרקט זי די בונטאָווי-שטשיקעס און ליידיגגעהער.

— דאָס איז אויך נישט אָהן מײַן װיסען.

— אָבער איהר װאָלט עס קײנמאָל נישט געטהון, נאָר זי האָט עס געטהון. איך זאָג אײַך, זי איז בײַ אונז פערצײַכענט, נאָר מיר לעגען אויף אײַך כבוד.

— אויב איהר בעשולדיגט מײַן טאָכטער, בעדאַרפט איהר אויך בעשולדיגען אונזער גובערנאַטאָר; ער האָט מיך אויך געבעטען, איך זאָל קומען װאָס גיכער מיט די אַרבײַטער צו אַ בעשלום, און מײַן אסתר׳ל האָט מיך אויך געבעטען.

— איך װײס, נאָר ער האָט געװאוסט, װאָס ער האָט געבעטען. אַלס אַ גוטער נאַטשאַלניק װיל ער, אַז אין זײַן גובערניע זאָל זײַן שטיל, אָבער אַ מײדעל דאַרף זיך אין אַזױנע זאַכען נישט מישען. איך זאָג עס אײַך אַלס אַ טאַטען און װאָרען אײַך, איהר זאָלט זיך מעהר אויף איהר אַרומקוקען... און װאָס עס קעהר זיך אָן װעגען אײַער בקשה, זאָג איך אײַך נאָכאַמאָל, אַז איהר זאָלט זאָגען אײַערע יודעלעך, זײ זאָלען זײַן שטיל, זיך אויפפיהרען רוהיג און דערהויפט קײן שום אורזאַכען זאָלען זײ נישט געבען אום אַרויסצורופען אַ פּאָגראָם. איך, אַלס נאַטשאַלניק, װאָס איז מחויב אָבצוהיטען די אָרדנונג אין אויעזד, װעל אַלץ טהון, װאָס מעגליך איז. זענט רוהיג, נאָר פערגעסט נישט זאָגען אײַערע יודעלעך...

נאָך דעם שמועס מיט דעם איספּראַװניק, האָט זילבערצװײַג זיך ערשט אָנגעהויבען צו שרעקען פאַר אַ פּאָגראָם. זענענדיג אין דערהײם, האָט ער נישט געגלויבט אָט אין די אַלע רײד, נאָר אַז דער רב מיט די בעלי־בתים זענען געקומען, האָט ער זײ װי יעדעס מאָל צוליעב געטהון און געפאָהרען.

נאָכמעהר איז ער געװאָרען בעאונרוהיגט, װען ער איז געװען בײַם גובערנאַטאָר, צו װעלכען ער איז איצט אויך געפאָהרען און אַלע האָפנונגען אַרויפגעלעגט אויף איהם, װײַל ער האָט איהם נישט לאַנג געפאָלגט און לויט דעם גובערנאַטאָר׳ס בקשה איז ער געקומען צו אַ בעשלום מיט די אַרבײַטער, און די טובה קאָסט איהם יעהרליך עטליכע טױזענד רובל. ער האָט געהאָפט, אַז דער גובערנאַטאָר װעט דאָס נישט פערגעסען און איהם פאָלקאָם בערוהיגען װעגען פּאָגראָם, נאָר דער גובערנאַטאָר האָט מיט איהם גערעדט מיט דעמזעלבען לשון װי דער איספּראַװניק: געװאונקען אויף יודישע בונטאָװשטשיקעס, „יודען זאָלען זײַן שטיל". „און די הויפט־זאַך — נישט געבען פון זײער זײַט קײן

אורזאך צו א פאגראם״, — רעמאלט וועט די אדמיניסטראציע, אלס איהר חוב, אננעהמען אלע מיטלען, אבצושטעלען דעם פאגראם באלד אין אנהויב״.

זילבערצווייג איז גוט געווען בעקאנט מיט דעם לשון פון די נאטשאלניקעס און איז זעהר א פערזארגטער און א פערביטערטער גע-פאהרען צוריק אהיים.

נאך פאהרענדיג אהיים, איז ביי איהם געבליבען גארנישט בע-האלטען פאר דעם רב מיט די בעלי-בתים, זיי אלץ איבערגעגעבען, וואס די נאטשאלסטווא האט אנגעזאגט און וואס עס קעהר זיך אן צו איהם אליין מיט זיין הויזגעזינד, איז ביי איהם געבליבען, אז ביז עס וועט איבערגעהן די אונרוהיגע צייט, זאל ער מיט דער גאנצער פאמיליע אוועקפאהרען קיין אויסלאנד. ווי זאגט לעאן: — דאס לעבען איז טייערער פון געשעפטען.

— גוט, וואס לעאן איז דא, וועלען מיר אלע צוזאמען קאנען פאהרען, האט זילבערצווייג זיך בערוהיגט.

ווען ער איז געקומען אהיים און איבערגעגעבען אין שטאדט, וואס נאטשאלסטווע האט איהם געזאגט, האט דער רב געהייסען אויסרופען אין אלע בתי-מדרשים, אז יודען זאלען זיין שטיל און נישט געבען קיין סבות, דורך וועלכע עס זאל חס-ושלום ארויסגערופען ווערען א פאגראם: ווען א גוי נישט וועלען בעצאהלען פאר א הערינג, זאל מען שווייגען, וועט א גוי גלאט עפיס פון די קראמען אוועק׳לקח׳ענען — זאל מען שווייגען.

מיט אלץ ווערט מען געוועהנט, און די יודען אין נ. האבען זיך צוגעוועהנט מיט דעם מומלען וועגען א פאגראם, און האבען זיך א ביסעל בערוהיגט, טראכטענדיג, אז אפשר צוליעב די מיטלען, וואס דער רב האט פארגענומען, לויט די גוטע עצות פון דער נא-טשאלסטווע, וועט דאס אומגליק אויסמיידען זייער שטאדט ובפרט נאך, אז אלע קרעמער האבען זיך נישט געדונגען פאר סחורות מיט די גוים און זיי געלאזט לקח׳ענען, וויפיעל זיי האבען נאר געוואלט.

פלוצים האט מען זיך אבער דערוואוסט, אז אברהם זילבערצווייג פאקעוועט זיך און פאהרט ארויס מיט דער גאנצער פאמיליע פון שטאדט און דאס האט אויף אלע ארויפגעווארפען אזא שרעק, אז מען איז געלאפען צום רב פרעגען, וואס זאל מען טהון.

כל זמן זילבערצווייג האט זיך נאך געפונען אין שטאדט גלייך

מיט אַלע, האָבען זיי זיך נאָך געפיהלט געזיכערט, האָט ער זיך אָבער אָנגעהויבען פאַקעווען — איז אַ סימן, אַז די שטאָדט נ. וועט נישט אויסמיידען קיין פּאָגראָם.

דער רב מיט די בעלי־בתים זענען אוועקגעגאַנגען צו זילבער־צווייג'ן, אַ גרויסער עולם איז זיי נאָכגעגאַנגען און ווען דער רב מיט די בעלי־בתים זענען אריין צו זילבערצווייג'ן, איז דער גאַנצער עולם געבליבען שטעהן פאַר זילבערצווייג'ס הויז און געוואַרט: וואָס האָט זילבערצווייג זיך דערוואוסט אַזוינס וועגען פּאָגראָם, וואָס ער מיט דער גאַנצער פאַמיליע פאָהרען אַרויס פון שטאָדט.

ביי זילבערצווייג'ן אין הויז זענען אין די צימערן געלעגען גע־פּאַקטע קאַסטענס, פאַר דער שטוב האָבען זיך געוואַלגערט שטריק־לעך און פּאַק־שטרוי און אומעטום איז געווען אַ גרויסע אונאָרדנונג.

זעהענדיג דאָס אַלץ, האָט זיך ביי יעדען פון עולם אָבגעריסען אין הארצען.

לאַנג האָט דער עולם אין ציטערניש געוואַרט אויף דעם רב מיט די בעלי־הבתים און ענדליך צו מנחה־צייט זענען זיי אַרויס צום עולם און איבערגעגעבען, אַז זילבערצווייג האָט שום קיין נייע ידיעות נישט געהאַט.

— צו וואָס־זשע פאָהרט ער אַזוי פּלוצים אוועק פון שטאָדט? — האָבען איינינע פון עולם געפרעגט דערשראָקען.

— וואָס פאַר אַ נאַרישע שאלה איז דאָס, — האָט דער רב גע־ענטפערט — ר' אברהם איז ברוך־השם אַ גביר גדול און איז בכח — פאָהרט ער קיין חוץ לארץ עם כל בני ביתו, און אונז, וואָס מיר זענען נישט בכח, וועט דער רבונו של עולם מוזען העלפען דאָ און אונז אָבהיטען פון אומגליק חס־ושלום און מכל רע אמן.

דער עולם האָט איבערגעגעבען איינער דעם צווייטען דעם רב'ס ווערטער און נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר זילבערצווייג'ס הויז. די פיס האָבען זיך עפּיס נישט געהויבען צו געהן אין שטאָדט. די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט און דעם עולם האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעק מעהר ווי אין די אַלע פריהערדיגע אונרוהיגע נעכט.

---

# X.

אין אַלע צימערן בײַ זילבערצווייג'ן אין הויז איז געוועזען אַנ־אונאָרדנונג פון דעם פּאַקען זיך, נאָר אין אסתר'לס צימער איז קיין פערענדערונג ניט פאָרגעקומען, אַלץ איז דאָרטען געשטאַנען אויף זיין אָרט ווי פריהער.

אין דער צייט, ווען דער עולם האָט זיך געפונען פאַר זילבער־צווייג'ס הויז, איז אסתר'ל געשטאַנען בײַ איהר פענסטער און געקוקט אויף די דערשראָקענע, אויסגעטריקענטע פּנים'ער פון יודען, ווײַבער און קינדער.

לעאָן איז אויך געשטאַנען נעבען איהר, ער האָט זיך געפּיהלט גליקליך פון דער צייט אָן, ווען זילבערצווייג האָט איהם געזאָגט, אַז ער מיט דער פאַמיליע וועלען אויך צוזאַמען מיט איהם פאָהרען קיין אויסלאַנד.

אויף דער רייזע האָט ער אַרויפגעלעגט אַלע זיינע האָפנונגען; דאָרטען, צווישען די שווייצאַרישע בערג אָדער אונטער דעם איטאַל־יענישען בלויען הימעל, וועט אסתר'ל אויך אַנדערש ווערען צו איהם; די רייכע, שענע איטאַליענישע נאַטור וועט איהם מיטהעלפען איהר האַרץ איבעראַנדערשען צו איהם.

לעאָן האָט שוין געחלומ'ט, וואָס ניכער זיצען אין קופּע פון וואַגאָן צוזאַמען מיט איהר, וואו פאַר זיי וועט זיך אָנהויבען אַנ'עכט־שענע און אינטערעסאַנטע רייזע.

ער האָט אָנגעהויבען אסתר'לען צו דערצעהלען, וואָס פאַר אַ שענע, אינטערעסאַנטע רייזע זיי שטעהט איצט פאַר, ווי ער איז בעקאַנט אין אַלע געגענדען מיט אַלע ווינקעלעך; ער וועט איהר אַלץ ווייזען און ערקלערען, ווי אַ געניטער וועג־ווייזער.

פּלוצים האָט זיך אסתר'ל אומגעקעהרט פון פענסטער צו איהם מיט איהר גאַנצען קערפּער:

— אומזיסט, לעאָן, מאַלט איהר מיר אַזוי שען די געגענדען אין אויסלאַנד, אומזיסט...

— פאַרוואָס?

— ווײַל איך פאָהר נישט... איך בלייב אַ היגע...

— וואָס איז פּלוצים? — האָט ער געפרעגט דערשראָקען.

אסתר׳ל האָט איהם אָנגענומען בײַ דער האַנד און צוגעפיהרט צום פענסטער:

— אָט קוקט אויף די אומגליקליכע פּנים׳ער פון אָט די יודען מיט זײערע װײַבער און קינדער, — מיט זײ װעל איך בלײַבען.

— װאָס קאָנסטו זײ העלפען מיט דײַן בלײַבען דאָ?

— גאָרנישט... איך בין אַלײן שװאַך, איך זאָל זײ קאָנען העלפען... איך װיל בלײַבען מיט זײ און לײַדען מיט זײ צוזאַמען... איך קאָן נישט... איך קאָן נישט, לעאָן, אַװעקפאָהרען אין דעם רוהיגען אויסלאַנד דאַן, װען דאָ װעט זיך אפשר נאָך הײַנטיגע נאַכט זײער בלוט גיסען אין די גאַסען...

— אָבער װי אַזױ װעסטו דאָ בלײַבען, צי װאָס?

— אַלײן װעל איך בלײַבען. און פאַרװאָס אַלײן? איך בלײַב מיט זײ, מיט אָט די אַלע, װאָס שטעהען איצט דאָ פאַר אונזערע פענסטער.

— און דו רעכענסט טאַקי ערנסט נישט צו פאָהרען?

— איך קאָן יאָ אַװעקפאָהרען, נאָר דאַן, װען אָט די אַלע, װאָס דו זעהסט, װעלען אויך האָבען די מעגליכקײַט אַװעקצופאָהרען פון שטאָדט. מיט דעם לעצטען אָרימאַן פון אָט די אומגליקליכע װעל איך פאָהרען, די לעצטע װיל איך פון דאַנען אַנטלויפען; נאָר כּל זמן דאָס איז נישט מעגליך, פאָהר איך נישט און בלײַב מיט זײ.

— און דײַן פאָטער און מוטער װאָס װעלען דערויף זאָגען?

— זאָלען זײ זאָגען, װאָס זײ װילען. איך בלײַב דאָ, איך פאָהר נישט... איך װיל אָבער האָפען, אַז איהר, לעאָן, װאָס האָט מיט מיר אַזױ פיעל טעג און נעכט גערעדט װעגען הײסער ליבע, װעט אויך בלײַבען מיט מיר, ביז די שרעקליכע טעג װעלען איבערגעהן.

אסתר׳ל האָט איהם ליעבליך אַרויפגעלעגט די האַנד אויף זײַן אַקסעל און מיט דער צװײטער האַנד איהם געװיזען אויף דעם עולם:

— קאָנסט, לעאָן, ליעב האָבען אָט די אַלע אומגליקליכע? פערמאָגסטו אַזױ פיעל ליעבע דערצו? דאַן גלויב איך, אַז דו װעסט מיך אויך קאָנען ליעב האָבען און מיר װעלען קאָנען טײלען אונזער לעבען.

זי האָט לאַנג געקוקט איהם אין די אויגען, אָהן װערטער.

לעאָן איז געשטאַנען אָהן װערטער, װי אַ פערגליװערטער, דערנאָך האָט ער דערפיהלט איהר נאָהנטקײט און איהרע לויטערע רוהיגע

אויגען, וועלכע האבען זיך איינגעגעסען אין איהם. ער האט א קוק געטהון אויף איהר און דערזעהן איהר שענקייט און בעוואונדערט זיך, ווי גלייך ער זעהט זי אזוי שען דאס ערשטע מאל. א גרויס גליק צוזאמען מיט א שרעק האט ארומגעחאפט זיין גאנצען קערפער, און שטיל מיט ציטערדיגע ליפען האט ער געשטאמעלט:

— איך פאהר נישט, אסתר'ל, איך פאהר נישט...

און נישט בעמערקענדיג, ווי אזוי, אהן ווערטער, שטום, זענען זיי געפאלען איינס דעם אנדערן אויפ'ן האלז.

לאנג האבען זיך אויף זיין האלז געגאסען פון אסתר'לס אויגען טרערען, א סך טרערען, א סך טרערען...

* *

*

די נאכט האט זיך וואס ווייטער מעהר אנגערוקט, צוזאמען מיט דער שרעק פאר דעם, וואס עס קאן פארקומען אין דער דאזיגער נאכט.

די יודען, ווייבער און קינדער, וואס זענען געשטאנען נעבען זילבערצוויג'ס פאבריק, האבען זיך אנגעהויבען אומקעהרען אין שטאדט אריין, טוליענדיג זיך איינס נעבען אנדערן, ווי די שאף, ווען זיי געהען אהיים בעת דער הימעל רוקט זיך אן מיט חמארעס און עס הויבט אן דונערן...

# יודישע עשירות.

(נאָכדערצעהלט פון אַ יודישען וואָיאַושער).

## I.

אין יאָהר 1890 האָב איך בעקומען אַ שטעלע בײַ אַ געוויסען וואַרשאָווער פאַבריקאַנט אַלס רײַזענדער, צו פערשפרײַטען זײַן סחורה צווישען יודישע סוחרים אין פערשידענע שטעדט, און מעהר ווי אַ יאָהר האָב איך געדרײַזט און גערײַזט, מעהר ווי אַ יאָהר אָבגעלעבט אין די וואַגאָנעס, אָדער אין די בעל־עגלה׳שע וואָגענס און אין האָטעלען, אַכסניה׳ס, וואָגזאַלען און קרעטשמעס.

עס איז געווען נאָך סוכות־צײַט, אַזאַ צײַט, ווען מען ווייסט נישט, מיט וואָס אַרויסצופאָהרען: צי מיט רעדער, צי מיט אַ שליטען. ווען איך בין אַרויסגעפאָהרען פאַרנאַכט פון פראָסקוראָוו איז געווען אַ בלאָטע. מיר האָבען גערעכענט אָנקומען אויף נאַכטלעגער קײַן יאַרמאָלינעץ, נאָר ס׳האָט אָנגעהויבען חאַפּען אַ פראָסט און שיטען אַ געדיכטער, נאַסער שניי. די רעדער האָבען אָנגעהויבען שפּרינגען אויף רידעס, נאָר די קישקעס אַרויסצוזעצען, און דער נאַסער שניי איז מיט אַנ׳עסעדיגער קעלט געקראָכען אין די בײנער דורך דעם פעלץ צוזאַמען מיט דער בורקא. און דאָ איז די נאַכט אָנגעקומען, אַלע מאָל פינסטערער און פינסטערער, דער וואָגען געהט אין דער זײַט, דער בעל־עגלה פיהרט די פערד בײַ דער צוים און איך קריך אויך אַראָב. מען געהט צו פוס. מען

זעצט זיך ווייטער — מען פאָהרט נישט, נאָר מען מוטשעט זיך צוזאַמען מיט דעם בעל-עגלה אין מיט די שטומע פערד. איצט איז נישט דאָ קיין פאַרשוין מיט אַ בעל-עגלה מיט פערד — איצט זענען אַלע גלייך. עס איז פראָסט קיין קרעפטען נישטאָ מעהר אויסצוהאַלטען, יעדע מינוט איז אַ יאָהר.

נאָר גאָט האָט געהאָלפען: מען האָט דערזעהן די ערשטע קרעטשמע, און מיר האָבען בעשלאָסען דאָ בלייבען נעכטיגען, חאָטש עס איז געוועזען נאָך גאָר פריה.

ווען איך האָב פון זיך אַראָבגעוואָרפען דעם פעלץ, זיך דערוואַרעמט נעבען אויווען, אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלאָז טיי, האָב איך זיך אָנגעהויבען ארומקוקען, וואו איך בין: אַ גרויסע שטוב מיט ווייס לעהם געשמירט, ריין אין יעדען ווינקעל, עס שמעקט מיט וואַרעמקייט און ליכטיג; עס שטעהט אַ גרויס פאַרבעט בעט, אַקעגען אַ געפאַרבט באַנק-בעטעל, אין מיטען שטוב אַ גרויסער טיש, עטליכע ווייסע הילצערנע בענקלעך, איין לאַנגע באַנק, אין די זייטען אַ גרויסע געפאַרבטע שאַפע און צוויי קליינע שאַפקעלעך, פון אַזאַ האָלץ ווי די בענקלעך. אויף די שאַפעס זענען אין אָרדנונג אויסגעשטעלט צו ביסלעך קופּערנע, מעשענע און בלעכענע כלים. אויך געפינען זיך אין שטוב נאָך אַנדערע נויטיגע שטוב-זאַכען. אַלץ שטעהט אויף זיין אָרט אין דער בעסטער שענסטער אָרדנונג.

אין דער גרויסער שטוב וואוינען טאַקי די בעלי-בתים זעלבסט: אַ יוד פון אַריבער זעכציג און זיין ווייב כמעט אויך אין די יאָהרען, נאָר זי זעהט אויס געזונטער און שטאַרקער ווי איהר אַלטיטשקער.

נאָך דעם, ווי דער בעל-הבית האָט מיר אָבגעגעבען, ווי דער שטייגער איז, שלום-עליכם, האָט מיר די אַלטיטשקע געזאָגט:

— מיר וועלען אייך צו דער באַנק צושטעלען בענקלעך און וועלען אייך אויסבעטען. עס וועט אייך זיין ווייך צו שלאָפען, מיר האָבען ב״ה, נישט צו פערזינדיגען, אַ סך בעטגעוואַנד, יעדען ווינטער האָדעווע איך גענז און ב״ה אין פעדערן זענען מיר נישט צו פערזינדיגען רייך.

איך האָב געדאַנקט, נאָר פונדעסטוועגען האָב איך געפרעגט, צי עס איז נישט דאָ אַ בעזונדער צימער פאַר מיר.

— ניין. אָט דאָס איז אונזער גאַנצע וואוינונג און נאָך איין

ספאַלניע, וואו אונזער קינדער וואוינען, זיי זאָלען מיר זיין געזונד און שטאַרק.

— וואָס־ושע? ביי אייך איז דען נישט קיין קרעטשמע, וואו עס פערפאָהרען אורחים?

— ניין. וואו האָט איהר געזעהן אַ קרעטשמע אָהן אַ שענק, און אין דער קרעטשמע, וואו עס איז נישט דאָ קיין בראָנפען, שטעלט מען זיך זעהר זעלטען אָב. אַמאָליגע יאָהרען האָט געלוינט צו האַלטען אַ שענק, אמאָליגע יאָהרען, ווען קיין באַהנען זענען נאָך אויף דער וועלט נישט געוועזען, איז מיין קרעטשמע אויסגעקומען אויף דעם גרעסטען טראַקט: איז מען געפאָהרען קיין אָדעס, האָט מען געמוזט דורכפאָהרען מיין קרעטשמע, איז מען געפאָהרען קיין קיעוו — אויך דורך מיין קרעטשמע. וואָס דאַרף איך אייך אַ סך דערצעהלען — אַזש קיין פּעטערבורג, קיין מאָסקווע אַז מען איז געפאָהרען האָט מען זיך אויך געמוזט אָבשטעלען! — קיינער האָט מיין קרעטשמע נישט געקענט אויסמיידען, אפילו קיין אויסלאַנד צום סאַדיגערער רבי'ן און צו אונזער טאַלנער רבי'ן, זיי זאָלען זיין דאָרטען פאַר אונז, נישט געוואַשען, אַ גוטער מליץ, ווען חסידים זענען צו זיי געפאָהרען, האָט מען זיך אויך ביי מיר אָבגעשטעלט. ווער, ווער האָט זיך ביי מיר נישט אָבגעשטעלט? דער קאַפּיטאַן־איספּראַווניק, דער קוואַרטירמייסטער, גענעראַלען און דער גובערנאַטאָר אויך. מען איז געפלויגען מיט זעקס פערד געשפּאַנט נאַשפּיץ, מיט פּאָטשטאָווע גלעקער און ביי מיר האָט מען זיך אָבגעשטעלט; דענסטמאָל האָט מיר געטראָגען אַ שענק צו האַלטען אָבער נישט איצטער. ווער פאָהרט איצט? פערוואַקסען איז געוואָרען אונזער גרויסער פרעהליכער טראַקט; אַלץ איבער די וויסטע באַהנען, וואָס האָבען זיך אַליין געוואָלט מאַכען שענקען אין די וואַגזאַלען. אוראי טראָגט זיי אַזוינע שענע געפּוצטע געמעבלירטע שענקען צו מאַכען, ווען זיי האָבען ביי אונז קרעטשמער צוגענומען די גאַנצע פּרנסה!

די אַלטיטשקע האָט דערצעהלט און דער אַלטער האָט איהר געקוקט גלייך אין מויל, געשאָקעלט מיט דער באָרד און איהר אַלע מאָל אונטערגעזאָגט: „נישט דאָ אַמאָליגע יאָהרען... באַהנען...״

— און ווי געהט עס אייך איצט אין דער פּרנסה? — האָב איך געפרעגט.

— נישט צו פערזינדיגען, — האָט די אַלטיטשקע ווידער פרעה־

ליך אָנגעהויבען, — מיר האָבען צו איהם קיין טענות נישט, ער פערלאָזט אונז נישט, וואָס מיר זענען נישט ווערט זיין ליעבען נאָמען צו דערמאָהנען. מילכיגס ב"ה דאַרפען מיר נישט געהן קויפען, די קרעטשמע איז אויך אונזערע, קיין דירה־געלד דאַרפען מיר, געלויבט השי"ת, נישט צוצאָהלען, אַ פּאָר גילדען אויף צו האַנדלען אמאָל אַ קאָרעץ ווייץ, אַ מעסטעל גערשטען, אַ זאַק קאָרן, צי וואָס גאָט באַשערט צו קויפען, געפינט זיך אויך ביי אונז, נישט צו פערזינדיגען.

דער אַלטער האָט ווייטער געקוקט איהר אין מויל אַריין, געשאָקעלט מיט דער באָרד און אויך נאָכגעזאָגט: נישט צו פערזינדיגען.

אַזוי שטיל זענען מיר געזעסען און האָבען גערעדט, פּלוצים אין דער שטילקייט האָב איך דערהערט אַ יודיש נגונ'דעל, ווי מען לערנט גמרא און מען באַמקעט זיך פרעהליך צו דערביי אונטער דער נאָז.

— ווער וואוינט דאָרט? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט: מיינע קינדער זאָלען לעבען, זיי זיצען ביי מיר אויף קעסט.

— נו און אייניקלעך האָט איהר שוין מסתמא?

— זי איז מיין אייניקעל פון איין איינציגער טאָכטער, זי זאָל זיין אַ גוטע מליצה און אויסבעטען פאַר אונז און כל ישראל אַלדאָס גוטס.

און זי האָט מיר ווייטער דערצעהלט אַ טרויעריגע געשיכטע, ווי פון איהרע אַכט קינדער, וואָס זי האָט געהאַט האָט זי קוים דערצויגען איין טאָכטער און די איז אויך געשטאָרבען און איהר איבערגעלאָזט איין אייניקעל — אַ מיידעלע פון אַ יאָהר פינף און זי — די אַלטיטשקע — האָט איהר ערצויגען און חתונה געמאַכט מיט אייבינער קעסט אין מיט צוויי הונדערט רובל נדן.

ביים דערצעהלען האָט זי געלאָזט עטליכע טרערען.

דעם אַלטען האָט זיך אויך געשטעלט טרערען אין די אויגען.

אין מיטען רעדען איז פון דער ספּאַלניע אַריינגעקומען אַ יונג ווייבעל אין אַ ווייסען טשיפּיק.

— אָט דאָס איז אונזער פאַרמעגען, אונזער טרייסט, אונזער לעבען, — האָט זי אָנגעוויזען אויף דעם ווייבעל און איהרע אויגען האָבען אָנגעהויבען לייכטען פון פרייד.

דאָס ווייבעל האָט אַ שאָקעל געטהון מיט דעם קאָפּ צו מיר

און זיך אויך געזעצט צום טיש. אין אָנהויב איז זי געזעסען אַ ביסעל שעמעוודיג, נאָר דערנאָך, ווען זי האָט גערעדט אַ פּאָר ווערטער מיט דער אַלטעטשקער, וועלכער זי רופט „מאַמע", איז זי אַ ביסעל היימישער געוואָרען און מיט איהרע שוואַרצע אויגען אָנגעהויבען קוקען אויף מיר, ווי אַ קינד, וואָס זעהט אַ נייעם מענשען.

באַלד איז אויך דער יונגערמאַן אַרייִנגעקומען פון ספּאַלניע, אָנגעטהון אין אַ חאַלאַט מיט צוויי קוטאַסען, און איינעם פון זיי געדרעהט אין דער רעכטער האַנד. ער האָט מיר באַלד אָבגעגעבען אַ פרעהליכען שלום-עליכם, געפרעגט, וואָס הערט זיך עפּעס „מיט גוטע נייעס וועגען יודען אויף דער וועלט", און דערנאָך, זיצענדיג בייִם טיש, האָט ער זיך אַלע מאָל שטיל אונטערגעזונגען, ווי איינער, וואָס איהם איז גאַנץ גוט אויפ'ן האַרצען און האָט נאָר-וואָס אַ גוט געשעפט געמאַכט.

אַזוי האָבען מיר צוזאַמען פערבראַכט דעם גאַנצען אָבענד און צוזאַמען וועטשערע געגעסען. מיר זענען אַלע היימיש געוואָרען גלייך ווי מיר קענען זיך פון יאָהרען לאַנג. טאַקי דעם אייגענעם אָבענד האָט מיך דאָס יונגע פּאָר-פאָלק אַרייִנגעבעטען צו זיך אין ספּאַלניע, איך זאָל זעהן, ווי זיי האָבען זיך אייִנגעאָרדענט און וואָס פאַר אַ בעל-בית'טע זי איז.

און ווירקליך איז דאָרט געווען די בעסטע אָרדנונג, שען און ריין אין יעדען ווינקעלע. דאָס בעט איז פערפּוצט מיט קישען און מיט קליינע קישעלעך אין זעהר שענע ציכען, וואָס זי האָט אַליין אויסגעהעפט נאָך מיידעלווייז. אַקעגען אַ געפּאָליטורט באַנק-בעטיל, אַ צוויי געפאַרבטע בענקלעך מיט אַ שאַפע אויף קליידער, אויף דער שאַפע ליגען ספרים אין נייע לעדערנע בינדען. אויף דער וואַנט אַ בילד פון מאָנטעפיאָרע, אויף דער צווייטער וואַנט אַ בילד פון אַ גענעראַל רייטענדיג אויף אַ פערד, און נאָך קליינע צאַצקעס פון אויסגעשוירען קאָליערט פּאַפּיר.

מיט די בעסטע וואונשען איינס דעם אַנדערן איז זיך יעדער געגאַנגען שלאָפען און אַלע זענען געשמאַק אנטשלאָפען געוואָרען, נאָר איך האָב נישט געקענט שלאָפען, חאָטש איך האָב געהאַט זעהר אַ ווייך און ריין געלעגער, דען די געדאַנקען וועגען דער נייער גליקליכער פאַמיליע, מיט וועלכער איך האָב זיך אַזוי גיך בעקאַנט און בעפריינדעט, האָבען מיך נישט געלאָזט שלאָפען.

— אָט, וואו און בּײַ וועמען מען דאַרף זיך לערנען לעבּען און גליקליך זיין! אַ פאַמיליע פון צוויי פאר פאלק, וואס זייער גאַנץ פערמעגען, שוין צוזאמען מיט די שטוב-זאכען, קען בּעטרעפען הע‎לב-סטענס פינף הונדערט רובּל, און לעבּען אַלע אַזוי רוהיג גליקליך! מען עסט און מען שלאָפט צו דער צייט, פון יעדע זאך האט מען הנאה, מען האט נישט קיין קאָפּפערדרעהעניש. בּיי אזא לעבּען קען מען, דאכט זיך, אָבּלעבּען גליקליך הונדערט יאָהר. אָט דאס הייסט אמת'ע עשירות! פערדינען איך דען נישט יעדעס יאָהר מעהר ווי פינף הונדערט רובּל און וואס האָבּ איך דען פון מיין לעבּען? צי בּין איך חאָטש איין טאָג אין מיין לעבּען גליקליך געוועזען און רוהיג געלעבּט? וואו איך טאָג דאָרט נעלטיג איך נישט, שטענדיג ווייט פון ווייבּ און קינדער, נו און אפילו מיין בּעל-בּית דער פאַבּריקאנט, וואס זיצט אויף איין אָרט, וואס פאהרט נישט ארום און פערדיענט אַ סך מעהר פון מיר — לעבּט ער דען גליקליכער? שטענדיג אין רעש, צוטראָגען, קיינמאָל האט ער קיין צייט נישט זיך אָבּרוהען, יעדען טאָג אין דער מורא פאר נייע פראָטעסטען פון זיינע קונדען, יעדען טאָג וועקסלען צו צאָהלען. און בּיי אזא צוטראָגען רעש'ענדיג לעבּען, פערמאָגענדיג שענע עטליכע צעהנדליג טויזענדער רובּל, האָט ער נישט מעהר הנאה פון זיין לעבּען, ווי איך אומשטייענסגעזאגט.

מיט די געדאנקען בּין איך אָבּגעלעגען די גאנצע נאכט. איך האָבּ זיך עטליכע מאָל דערמאָנט אָן מיין פרוי און קינדער און וואלט געוויס איצט אַוועקגעגעבּען אזא פערמעגען, ווי דאס גליקליכע פאר-פאָלק פערמאָגט צוזאמען מיט שווער און שוויגער, איך זאל מיין פרוי און קינדער קענען איצט זעהן.

ווען עס האט אָנגעהויבּען צו טאָגען האט מיך מיין בּעל-עגלה אויפגעוועקט מיט די ווערטער: „עס איז שוין צייט צו פאָהרען".

וואס וויל ער, דער דאָזיגער שלעכטער בּעל-עגלה, וואו אַהין ווייטער פאָהרען? צו וואס פאָהרען, אז דאָ איז אזוי גוט, אז דאָ קען מען אָהן געפּילדער, אָהן רעש גליקליך און רוהיג לעבּען, צו וואס אַוועקפאָהרען פון גליק?

איך האָבּ זיך מיט דעם בּעל-הבּית, מיט דער בּעל-הבּית'טע און מיט זייערע קינדער געזעגענט זעהר ליעבּליך, ווי אַלטע גוטע פריינד.

און זיצענדיג אויף דעם וואָגען אָנגערוקט אין דעם פעלץ האָבּ איך נאך לאנג פון די גליקליכע מענשען געטראכט.

## II.

פון דער צײַט איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָהר און עס איז נאָך אַמאָל געוועזען ווינטער און איך בין ווײַטער געפאָהרען אויף דעם וועג פון יארמעלינעץ קיין פראָסקוראָוו. עס איז געוועזען אַ שליטוועגס און מיר זענען געפאָהרען אויף אַ שליטען. דער וועג איז געוועזען אויסגעריבען, גלאַט ווי אויף דעם טיש, דער שנײַ טרוקען, דער פראָסט האָט געהאַלטען און די לבנה האָט געשײַנט — אַ זעלטענער שליטוועגס. דער בעל-עגלה און די פערד זענען געוועזען פרעהליך און מיר זענען, דאַכט זיך, נישט געפאָהרען נאָר געפלויגען. אַ זעלטענע ווינטער-נאַכט, די פעלדער זענען אויסגעבעט מיט ווײַסען פעך, קלאָר ווי זילבער, די גרײַז-גרויע בוימער שטעהען שטיל פערטראַכט אין אַ גרויס טראַכטונג און אַזוי ערנסט, ווי גלײַך זיי האָבען אין זייער לעבען נישט אייִנמאָל איבערגעלעבט קאַלטס און וואַרעמס.

ווער קען וויסען זייערע מחשבות!

און דער שליטען טראָגט און טראָגט און אין דער אַנגענעהמער שטילקייט פערטראַכט מען זיך אַליין — ווי וואונדערליך, ווי שען גאָט'ס וועלט איז! מען פערגעסט אָן די צרות, מען פערגעסט אָן דעם שטענדיגען רעש, אָן דעם מענשען'ס קורץ שטיקעל לעבען און מען טראַכט זיך: אַלץ איז נישט שווער צוליעב דעם זיסען לעבען, נאָר לעבען, לעבען און לעבען!

איך האָב זיך דערמאָנט אָן מײַן פרוי, אָן מײַנע קינדער, אָן אַלע מײַנע גוטע פרײַנד, וואָס וואוינען אין דער גרויסער שטאָדט וואַרשאָ, און זיך געטראַכט: אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס אין דער גרויסער שטאָדט קענען זיי נישט זעהן די שענע וואונדערליכע גאָט'ס וועלט, ווי איך זעה זי דאָ אויף דעם פרײַען פעלד, אונטער'ן פרײַען הימעל, זיצענדיג אויף דעם פליהענדען שליטען, און האָבען דעמזעלבען פערגעניגען, וואָס איך האָב איצט.

און עס ווילט זיך מיר שרײַען: פליהט-זשע פערדלעך, פליהט שטאַרקער, שלעפט מײַן שליטען, נאָר שטאַרק, איך זאָל נאָך מעהר פיהלען, אַז איך פליה — אַז איך לעב!

דאָס פרעהליכע איבערערעדען זיך צווישען מײַן בעל-עגלה מיט זײַנע לעבעדיגע פערדלעך און זײַן צופײַפען זיי פון גרויס שמחה לכבוד דעם גוטען שליטוועגס, האָט אַלע מאָל מײַנע געדאַנקען צו-

שלאָגען און איך האָב זיך אַלע מאָל אָן עפּיס אַנהערש דערמאָנט.

איך האָב זיך אויך דערמאָנט, ווי פאַראיאָהרען ווינטער איז דאָ געוועזען אַ שלעכטער וועג און ווי איך בין פערשווארצט געוואָרען. איך האָב זיך דערמאָנט אָן די גליקליכע מענשען אין קרעטשמע, וואו איך האָב דאן איבערגענעכטיגט, ווי מיר האָבען זיך בעפריינדעט און ווי מיר האָבען זיך געזעגענט ביים צושיידען זיך ווי אַלטע פריינד און עס איז ביי מיר פעסט געבליבען איצט איבערנעכטיגען אין קרעטשמע.

איך האָב זיך שוין פאָרגעשטעלט דאָס פערגעניגען, וואָס איך וועל האָבען פון דעם פערברענגען עטליכע שעה צווישען ליעבע און גליקליכע מענשען.

מיט עטליכע טעפּ האָבער, וואָס איך האָב צוגעזאָגט קויפען פאר די פערד, האָב איך ביי מיין בעל-עגלה געפּועל'ט אונטערנעכטיגען אין קרעטשמע.

אין אַ האַלבע שעה ארום בין איך געוועזען אין קרעטשמע, זיך צושפּיליעט און צונארטעלט, אראָבגעוואָרפען דעם פעלץ ווי ביי זיך אין דערהיים. ווי האָבען מיך באלד דערקאָנט, נאָר איך ווי... גאָט מיין גאָט! וואָס פאר אַ גרויס פערענדערונג אויף ווי אַלע, אויף דעם גאַנצען הויז און אויף אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָרט!

קאַלט, נאָס, בלאָטיג, ווי גלייך עס איז שוין דאָ אַ יאָהר נישט אויפגערוימט, די ערד איז שווארץ פערמיסטיגט, אויף די בע-טען צעוואָרפען עטליכע קישען אין שמוציגע ציכען, פון וועלכע פע-דערן קוקען ארויס. פון דעם געפּארבטען באַנק-בעטעל איז די גאַנצע פּאַרב אָבגעקראַכען, דער טיש איז געבונדען מיט שטריקלעך, אויף די שאַפעס זעהט מען נישט מעהר קיין קופערנע און מעשענע כלים. נישט שענער זעהט איצט אויס די ספּאַלניע, וואו דאָס פּאָר-פּאָלק וואוינט; אויך די אייגענע אונאָרדנונג, די אייגענע בלאָטע און שמוץ. מאַנטעפיאָרע הענגט איצט מיט דעם קאָפּ אין דער זייט אויף איין טשוואָק און אין דעם גענעראַל איז אויסגעשלאָגען דאָס גלאָז פון ראַם.

הײַנט ווי אַליין, ווי זעהען ווי אַלע אויס שרעקליך! ווי אי-בערגעביטען! אַלע זענען אין דעם איינעם יאָהר אויף צעהן יאָהר עלטער געוואָרען.

דער אַלטער האַלט זיך קוים אויף די פיס און די אַלמיטשקע

איז פול מיט קנייטשען געוואָרען, זי הוסט אָפּט צו און האלט זיך אויך קוים.

דאָס יונגע ווייבעל האָט אַ פּנים ווי אַ יודענע פון אַ יאָהר פיערציג. דאָס האָרץ איינגעפאלען, די באַקען איינגעצויגען, די הענד ווי די שטעקענס, נאָר איהרע אויגען זאָגען, אַז זי איז אַ סך יונגער ווי זי זעהט אויס. זי שטעהט איצט פאַר מיר שוין מיט אַ קינד אויף די הענד, איינגעוויקעלט אין איין אַלט קאָלדריכעל און קושט עס אַלע מאָל און שמייכעלט, נאָר אַזוי אומגליקליך, אַז עס כאַפּט אָן ביים האַרצען.

נאָך ערגער און שרעקליכער זעהט אויס איהר מאַן, דער פּאַראַיאָהריגער לעבעדיגער, זינגענדיגער יונגערמאַנטשיק אין חלאַטעל מיט די קוטאַסען.

עפּיס איז דאָס געוואָרען איין איינגעהויקערטער דערשראָקענער יוד. אַלע אברים זענען אין איהם געוואָרען אויסגעצויגען: די באָרד, די באַקען, די נאָז, און זיינע אויגען זענען טיעף איינגעפאַלען. ער געהט אָנגעטהון אין אַ אָבגעבליאַקעוועטע אַלטע פערשמאָלצעוועטע קאַפּאָטע און בכלל האָט ער אַ פּנים פון אַ אויסגעמוטשעטען יודען, וואָס טראָגט אויף זיך אַלע יודישע צרות.

די אַלטיטשקע האָט באַלד פערשטאַנען מיין פערוואונדערונג און האָט אָהן ווערטער געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ, געאָכקעט און געאויקעט.

— וואָס איז ביי אייך אַזוינס פּאָרגעקומען, ווי געהט עס אייך? האָב איך געפרעגט.

— פרעגט גאָרנישט, מיין ליעבער יוד! איין גאָט זאָל זיך נאָר מרחם זיין. — האָט זי געענטפערט מיט טרערען אין די אויגען.

— אָבער וואָס איז אַזוינס? דערצעהלט.

— וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען, מיין ליעבער יוד, איך בין היינטיגעס יאָהר, נישט פאַר קיין יודען געדאַכט, בדיל הדל געוואָרען.

— מען האָט אייך בע'גנב'עט, בעראַבעוועט? — האָב איך אָנגעהויבען טרעפען.

— זאָל גאָט אָבהיטען.

— וואָס-זשע דען?

— די ברוסט, נישט פאַר קיין יודישער טאָכטער געדאַכט.

די ברוסט? — האָב איך פערוואונדערט געפרעגט, נישט פערשטעהענדיג, וואָס זי מיינט דערמיט.

— יאָ, די בריסט, האָט זי נאָך אַ מאָל געזאָגט און געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ אין דער זייט, וואו דאָס ווייבעל מיט דעם קינד איז געזעסען.

— נו, איז וואָס?

— איז וואָס פרעגט איהר? — אַ קלייניגקייט! זי האָט מיך אויסגעזויגען ביז אין לעצטען גראָשען. אַלץ פערזעצט, פאַרקויפט און איצט איז נישט דאָ אַ גילדען אין שטוב צו האַנדלען אַ מאָל אַ מעסטעל גערשטען און פערדיענען אַ גראָשען אויף ברויט. היינט די קינדער — אַ ווייבעל זויגט אַ קינד, מוז מען זי צופּילעווען און עס איז נישט דאָ, מיט וואָס.

— פון וואָס־זשע האָט זיך ביי אייך דאָס אומגליק גענומען? ערשט פאַר אַ יאָהרען אין דער צייט איז אייך געווען, קיין עין הרע, אַזוי גוט און איהר זענט געווען צופריעדען, — בין איך איהר אריינגעפאַלען אין די רייד.

— אודאי, אודאי זענען מיר געווען צופריעדען, און גאָרנישט געוואוסט, ווי גאָט אָבצודאַנקען פאַר זיין גרויסען חסד צו אונז! הלואי אויף היינט געזאָגט געוואָרען, רבונו של עולם! נאָר אַז עס איז באַשערט אומגליקען שיקט גאָט צו. פריהער האָט גאָט צוגעשיקט די באַהנען מיט די וואָגזאַלען און איצטער די בריסט...

— וואָס־זשע איז אַזוינס געווען מיט די בריסט?

— וואָס עס איז געווען פרעגט איהר — אָט וועל איך אייך דערצעהלען: מיין טאָכטער (זי האָט אָנגעוויזען אויף דעם ווייבעל איהר אייניקעל, וועלכער זי פלעגט רופען טאָכטער) איז אין אַ גוטער שעה געלעגען געוואָרען פאַר אַ יאָהרען ווינטער. וואָס זאָל איך אייך זאָגען? צו אונזער גליק איז נישט געווען קיין גלייכען אין דער גאַנצער האַלבער וועלט. אַזאַ טייער קינד האָט זי געהאַט—עס איז אין זיין ליכטיגער צורה נישט אריינצוקוקען, מיינע ביינער זאָל ער איבערלעבען, רבונו של עולם! נו, האָט זיך אָנגעהויבען מיט דער ברוסט, דאָס קינד האָט נישט געוואָלט „אָננעהמען", און אַז דאָס קינד האָט שוין יאָ „אָנגענומען", האָט זי נעביך געשריגען פון גרויס וועהטאָג. דאָ האָט „די מילך צוגעשפּאַרט" און שפּעטער האָט זיך אַ וואונד אין דער ברוסט געמאַכט. וואָס זאָל איך אייך אַ סך בריידען? — עס האָט אונז אָבגעקאָסט „ממים מיט דמים", מען איז עטליכע מאָל געפאָהרען אין שטאָדט צום דאָקטאָר, דערנאָך האָבען מיר אַ פּאָר מאָל אַראָבגעבראַכט דעם דאָקטאָר צו אונז,

א קלײנינקײט אײן אויג אין קאפ! דאס לעצטע האבען מיר פארזעצט און פערקויפט, אבי איהר די יסורים פארגרינגערן, און דעם קינד דער־ווײל א צװױנגערין געדונגען. נו, וואס מײנט איהר איז געוואָרען? — מײנע שונאים זאָלען האבען געשעפטען מיט דאקטוירים און אפטײקען. עס האט זיך אויסגעלאזט, אז מען דארף גאר „האקען די ברוסט“ — אזוי האבען אלע דאקטוירים געזאגט. נו, האט מען געהאקט, האקען זאָל מײנע שונאים אין די קישקעס. אט האט מען געהאקט און עס האט זיך, דאכט זיך, אנגעהויבען פארהײלען און אט איז פלוצים, מען ווײסט נישט פון וואנען און פון וואס, ווידער ערגער געוואָרען און מען האט ווײטער געהאקט און געהאקט. וואס מיר אלע האבען פון דעם „האקען“ איבערגעליטען, ליבער יוד, ווײסט נאר אײן גאט! איך רעד שוין גארנישט, וואס עטליכע חדשים האט קײנער פון אונז נישט אין זינען געהאט די פרנסה און די עטליכע רובל, אפילו די קינדערס פאר הונדערט רובל נדן, וואס איז אוועקגעגאנגען — דאס בין איך אײך שוין מוחל; נאר דאס שרײען איהרם די גאנצע נעכט, דאס מוטשען זיך פון דעם אומגליקליכען קינד, וואס האט אלע מאל געצויגען דאס פיסקעלע צו דער מוטער, אט דאס האט בײ אונז צוגענומען דאס גאנצע געזונד און אונז געעלטערט אויף צוואנציג יאהר.

— איצט געלויבט גאט, האט די אלטיטשקע זיך ווידער אנגע־רופען נאכדעם ווי זי האט זיך מיט דעם פארטוך אויסגעווישט די אויגען — איצט איז זי שוין ב"ה געזונד. דאס קינד האט וואס צו זויגען, קײן עין הרע, און געלויבט דער השי"ת. נאר עס איז נישט דא קײן פרנסה, נישטא א מזומנ'ער גראשען אויף צו האנדלען און מען האט זיך גאך פארשולדיגט, גאט ווײסט, וואס פאר א סוף עס קען זײן!

מײן בעל-עגלה, וואס איז אויך ארײנגעקומען זיך אנווארימען און דערווײל אויך געהערט די טרויעריגע געשיכטע מיט דער ברוסט, האט זיך פלוצים ווי אונטער דער נאז א זאג געטהון:

— נאט! — אט האט איהר אײך יודישע עשירות! נעכטען א בעל הבית, הײנט אוים בעל בית! הײנט א בעל-עגלה, לעגט זיך א פערדיל־מארגען בײ יענעם א שמײסער! דא א ברוסט, דארטען א באנקראט, בײ דעם א פערדיל — אוים שטאדט-בעל-בית! — נעה ר' יודעלע מיט א טארבע איבער פרעמדע הײזער! „יודישע פרנסות, יודישע עשירות איז א ערב פסח'דיגער שנעע אונטערן שליטען“, איז דא אונזערס א בעל-עגלה'ש ווערטעל.

# א חתונה.

(ערצעהלונג).

## I.

מען האט ניטלען דערלאנגט א בריעף פון פאסט. זי האט אנגעטהון די ברילען, זיך געזעצט בײ'ם פענסטער און אנגעהויבען לײענען.

איהר פנים האט אנגעהויבען שײנען, אויף איהר אלטער הויט מיט קנײטשען האט זיך פון ערגיץ געוויזען א ביסעל בלוט. מען האט געזעהן, אז זי קוועלט אן פון דעם לײענען. זי האט געשלונגען די ווערטער, נעהאפט דעם אטעם און האט זיך צעוויינט פון גרויס שמחה.

— ענדליך, ענדליך... געלויבט איז זײן ליעבער נאמען, וואס איך בין איהם נישט ווערט צו דערמאנען... איך ווײס נישט, גאטעניו, ווי דיר אבצודאנקען פאר דעם חסד, וואס דו טוסט מיט מיר — ביילע! וואו איז ערגעץ ביילע? וואו איז יוסיל? קינדערליך? גיבער קומט אהער, גיט מיר אב מזל-טוב! אונז קומט א טײערער מזל-טוב, שיקט גיכער אברהמ'לען, ער זאל קומען מיט זלאטקען און מיט אלע קינדערלעך.

ניטעל האט נישט אויפגעהערט אין מיטען לײענען דעם בריעף רופען אלעמען אין שטוב ארײן, לײענען און רופען, רופען און ווײטער לײענען, שלינגען די ווערטער.

ווער עס האט זיך נאר געפונען אין שטוב, איז נעקומען צולויפען.

— מזל-טוב אײך! מזל-טוב אונז! משה'לע איז א חתן געווארען פון ווארשא און בעט אונז שוין אלע אויף דער חתונה, — האט ניטעל

מיט שמחה געזאָגט, — אָט לייענט דעם בריעף. רבונו של עולם, עס זאָל נאָר זיין אין אַ גוטער שעה, מיר זאָלען אַלע איינער פון דעם אַנדערען נחת האָבען, מיר זאָלען הערען איינער פון דעם צווייטען בשורות טובות און אויף כל־ישראל... לייענט, אָט לייענט, קינדערליך, ער שרייבט, אַז ער נעהמט זעהר אַ שענע כלה, אַ יפת־תואר, מיט אַ סך נדן. רבונו של עולם, איך בין נישט ווערט דיין גרויסען חסד, וואָס דו טוסט מיט מיר! — האָט אַלץ איבערגעזאָגט גיטעל, אַרומגע־הענדיג איבער דער שטוב מיט אויפגעהויבענע הענד, ווען איהר טאָכטער ביילע האָט גענומען ביי איהר דעם בריעף לייענען. די קינדערלעך און אַלע אין שטוב, אפילו די דיענסט איז געקומען פון קיך מיט פערקאַטשעטע אַרבעל און מיט נאַסע הענד, און אַרומגערינגעלט ביילען, וועלכע האָט געלייענט דעם בריעף.

— לייען העכער, ביילע׳טשקע, איך זאָל קענען הערען... אַלע זאָלען קענען הערען, אַלע זאָלען הערען, האָט גיטעל געבעטען, און פון גרויס שמחה זענען איהר געשטאַנען טרערען אין די אויגען.

די קינדערלעך זענען אונטערגעשפרונגען זעהענדיג, ווי די „באָבוני“ איז אַזוי פרעהליך. אין דעם וואָרט „חתונה“, וועלכעס ביילע האָט איבער־געלייענט אין בריעף, האָבען זיי געזעהן פאָראויס שענע טייערע זאַכען, כלי־זמר, לעקעך, פלאָדען, נייע מלבושים׳לעך, און די קינדערלעך האָבען זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטען פון טאַנצען. דאָס דיענסט־מיידעל האָט זיך גאָר דערפרעהט און געשריען נאָכאַנאַנד: „אוי איז דאָס אַ שענע כלה ווי גאָלד“! און נישט געוואוסט, וואָס זי זאָל ווייטער אָנהויבען צו טהון — געהן דערקאָכען דעם מיטאָג, אָדער אַראָב־קאַטשען די אַרבעל איבער די הענד.

אַ טעפעל, וואָס האָט שטאַרק אָנגעהויבען זידען אין קיך, האָט אַ ביסעל איבערגעשלאָגען דאָס לייענען דעם בריעף, און מען האָט איהר געהייסען גיך לויפען אין קיך אַריין.

— אָט שרייבט די כלה אייך אַ לאַנגען גרוס, האָט די טאָכטער געזאָגט, נאָר איך קען נישט לייענען, אודאי פראַנצויזיש.

— די כלה שרייבט אונז אויך אַ גרוס, לעבען זאָל זי, מיינע בײנער זאָל זי איבערלעבען, מיר וועלען אַריינגעהן צום פראָוויזאָר, זאָל ער אונז איבערלייענען.

דער פראָוויזאָר, וועלכער האָט געוואָהנט טאַקע אין גיטעל׳ס הויז, האָט געזאָגט, אַז עס איז נישט קיין פראַנצויזיש, נאָר פויליש.

זי שרייבט גיטל'ען, אַז זי האָט איהר זוהן מאָזעס'ען ליעב, ווי איהר גאַנץ לעבען; ער איז איהר גאַנצע וועלט, און זי רעכענט זיך פאַר דער גליקליכסטער אין דער וועלט, וואָס גאָט האָט איהר בעשערט מאָזעס'ען. זי האַלט גיטלען פאַר איהר צווייטער מוטער, און זיך פאַר איהר געטרייער טאָכטער אויף אייביג, און האָפט, אַז גיטעל וועט זי אויך ליעב האָבען, ווי אַן'אייגען קינד.

זי גריסט און קושט טויזענד מאָל איהרע נייע שוועסטער ביילען מיט זלאַטקען מיט זייערע מאַנען און קינדערליך, און שרייבט זיך אונטער: „אייערע אויף אייביג ערגעבענע און ליעבענדע טאָכטער רעגינע".

אין אַ שעה שפּעטער האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען צו גיטלען אין שטוב איהרע אַלע קינדער, איהר עלטערער זוהן אברהם'ל מיט דער שנור, זלאַטקע און זייערע קינדער, אויך איהר איידעם יוסיל, ביילעס מאַן. אַלע האָבען געלייענט דעם בריעף מיט גרויס נייגעריג־קייט, מען האָט געשטעלט צום טיש בראָנפען מיט לעקעך און געשיקט נאָך ווײַן, מען האָט געטרונקען „לחיים", זיך אָבגעגעבען איינער דעם אַנדערען מזל־טוב, און מען האָט אָנגעהויבען רעדען פון פאָהרען אויף דער חתונה.

גיטעל, פון דעם אַלעמען, וואָס זי האָט איבערגעלעבט היינטיגען טאָג, איז זעהר מיעד געוואָרען און איז זיך געגאַנגען אָביסעל צולעגען, „דער קאָפּ זאָל איבערגעהן", און דער איבריגער עולם איז געבליבען זיצען ביים טיש און נישט אויפגעהערט צו רעדען פון משה'לען.

— איך שטעל זיך פאַר, וואָס פאַר אַ שידוך, אומשטיינס גע־זאָגט, משה'לע האָט געקענט טהון, — האָט די שנור זיך אָנגערופען און זיך אָבגעווישט איהרע בלויע ליפּעליך.

— ביז דרייסיג יאָהר אַ בחור געזעסען. איך שטעל זיך פאָר, וואָס פאַר אַ כלה דאָס איז, וואָס פאַר אַ מחותנים, אַז זיי האָבען גע־קענט נעהמען משה'לען, — האָט געענטפערט די טאָכטער.

— זאָל גאָט העלפען, ער זאָל שוין חאָטש איצטער אָנהויבען ווערען אַ מענש — האָט מיט אַ זיפץ זיך אָנגערופען משה'לעס עלטערער ברודער, אברהם'ל—געגוג צרות און בזיונות האָבען מיר פון איהם געהאַט.

— שולדיג ביזט דו, האָט זיך יוסיל געווענדעט צו אברהם'לען, ווען איך זאָל זיין משה'לעס עלטערער ברודער, וואָלט ער אַנדערש

אויסגעוואַקסען! איך וואָלט איהם געוועזען, ווי אַנ׳אייגענער טאַטע
און וואָלט איהם גוט אַריינגענומען אין די הענד.

— עס ווייזט זיך דיר גאָר אויס אַזוי. ווען גאָט שטראָפט,
דאָס אפילו אַנ׳אייגען קינד געהט אין שלעכטען וועג, העלפט נישט קיין
זאַך; עס איז נישט אַמאָליגע יאָהרען, וואָס מען פלעגט מורא האָבען
פאַר אַ רבי׳ן, מען האָט דרך-ארץ געהאַט פאַר עלטערע מענשען,
הײַנט איז אַ הפקר-וועלט. ווי דאָס קינד קומט גאָר אין די יאָהרען,
טוט עס, וואָס עס וויל — עס העלפט נישט קיין טאַטע-מאַמע; וואָרום
וואָס האָב איך דען נישט געטהון, אַז משה׳לע זאָל אויסוואַקסען אַ לײַט,
ווי עס שטעהט אָן אונזער משפחה? דערצו איז ער נאָך יונג געוואָרען
אַ יתום: דעם טאַטען, ער זאָל האָבען דעם ליכטיגען גן-עדן, וואָלט
ער נאָך אפשר געפאָלגט, אָבער אַ ברודער און דער מאַמען האָט ער
געהערט, ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי, און ווען מען פלעגט איהם
זאָגען, האָט ער געענטפערט מיט עזות. מיט גוטען און מיט שלעכטען
האָט נישט געהאָלפען. זאָל גאָט העלפען, ער זאָל האַטש פון איצט
אָנהויבען ווערען אַ מענש און אוועקוואַרפען זײַנע יונגעלשע שטיק. אַ
רחמנות אויף דער מאַמען, זי האָט זיך געביך גענוג אָנגעליטען פון
איהם.

ביילע האָט דערבײַ געלאָזט אַ טרער און געזאָגט:

— אודאי, ווען דער טאַטע, זאָל זײַן אַ גוטער מליץ, זאָל לע-
בען, וואָלט משה׳לע אזא שידוך נישט געטהון. ווער ווייסט, וואָס פאַר
אַ מחותנים דאָס זענען. איך שטעל זיך שוין פאָר אומשטײַנס געזאָגט;
ער וועט דען זיך אָנפרעגען בײַ עמעצען? ער איז שטענדיג געוועזען
אַ „סאַמאָוואָלעץ״ — וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער געטהון, בײַ
דער מאַמען, בײַ שוועסטער, בײַ ברידער קיינמאָל נישט געפרעגט. אָט
איז ער אַ חתן געוואָרען צו דרייסיג פערשריענע יאָהר און בעט שוין,
מען זאָל פאָהרען אויף דער חתונה. נ.דאי! באַלד וועלען מיר אַלע
לויפען אויף דער שענער חאשלערע, — נישטאָ אַזוינע נאַראָנים! ער
מיינט, אַז ער איז נאָר דער חכם! ער וויל דען, מיר זאָלען זײַן אויף
דער חתונה? אָט פון יוצא וועגען שרײַבט ער.

— פון דעסטוועגען דאַרף מען פאָהרען אויף דער חתונה, —
האָט אברהם׳ל געזאָגט.

— פאָהר, אַז דו ווילסט, איך וועל נישט פאָהרען! — האָט איהם
געענטפערט זײַן שוועסטער.

נאך פיעל רעדען און ויכוחים איז געבליבען, אז קיינער זאל נישט פאהרען, מען זאל נאר יוצא זיין און איהם דעפעשירען א מזל-טוב. ער האט ביי קיינעם נישט געפרעגט און איז אליין א חתן געווארען, זאל ער אליין חתונה האבען. —

---

## II.

ניטעל האט זיך ביי זיך אין צימער אזוי גיך נישט געקענט בערוהיגען פון היינטיגען טאג. א קלייניגקייט, וואס זי האט איבערגעלעבט. משה'לע איז א חתן געווארען. וויפיעל האט זי זיך אין איהר לעבען פון איהם אנגעליטען, זי האט איהר יונגסט קינד משה'לע — איהר מיזיניקעל — אזוי שטארק ליעב געהאט! ער איז געוועזען שען, אז אין זיין ליכטיגער צורה איז נישט געווען זיך איינצוקוקען, און קלוג ווי דער טאג, אז מען האט נאר בעדארפט האלטען אפען מויל און אויערען איהם צו הערען רעדען — גאט און לייט האבען ניטל'ען מקנא געוועזען אויף דעם קינד!

— איך האב שוין גערעכענט מיט איהם א שידוך טהון, ווי מיט אברהם'לען אין זיינע יאהרען, די גרעסטע שידוכים מיט די גרעסטע רבנים האט מען גערעדט. „ניין" און „ניין" — ער וויל נישט, ער וויל נאך לערנען. — וואס לערנען, ווער לערנען, צו זעכצעהן יאהר א בחור? — דו וועסט ווען לערנען קענסטו דאס שוין אויספיהרען ביים שווער אויף קעסט. ספרים זענען, ברוך השם, גענוג געבליעבען פון טאטען. „ניין" און „ניין" — ער וויל פאהרען לערנען. — ער האט ביי קיינעם נישט געפרעגט און איז אוועק אין דער וועלט אריין. צוויי חדשים האב איך פון איהם גארנישט געהערט, איך בין שיער, מיינע שונאים, פון זינען נישט אראב, דערנאך איז פלוצים אנגעקומען א בריעף, וואו ער בעט מיך איבער, וואס ער האט זיך מיט מיר נישט געזעגענט און בעט, איך זאל איהם מוחל זיין און זאל איהם שיקען געלד, ווייל ער האט פראסט נישט, וואס צו עסען. מיין הארץ האט זיך אין מיר צוריסען — מיין משה'לע, וואס איך פלעג זיך פיהלען גליקליך, ווען ער האט עפעס גענעסען מיט אפעטיט, זאל הונגערען! איך האב איהם געשיקט געלד. דריי יאהר האב איך איהם געשיקט, דערנאך האט ער

אויפגעהערט פערלאנגען געלד. איך האָב איהם געבעטען, ער זאָל קומען, האָט ער דערויף נישט געענטפערט. „איך וויל זיך נישט קריגען מיט אברהמ'לען, מיט דער שוועסטער און מיט איהר מאַן,—האָט ער געשריבען,—מיר קענען נישט וואוינען צוזאַמען". פאַר וואָס, פאַר וועןֿ,— ווייס איך נישט. דערנאָך האָט ער אַ צייט גאָר אויפגעהערט שרייבען. גריסען האָט מען געהערט פון איהם זעהר ביטערע. אָט איז ער אין אָדעס, אָט איז ער אין קיעוו, אָט איז ער אין חארקאָוו. מען האָט דערצעהלט, אַז משה'לע לעבט ווי אַ פּראָסטער גוי, ער האָט קיין יודיש פנים נישט. טייל האָבען דערצעהלט, אַז ער לעבט מיט אַ גוי'ע — מיט אַ גראַפיניע, און אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט חתונה האָבען.

מיט אַ פינף יאָהר צוריק איז ער פּלוצים אַראָבגעקומען אַ היים „זיך זעהן מיט דער מאַמען", ווי ער האָט געזאָגט. גיטעל האָט איזר קינד נישט דערקאָנט — אַזוי פערענדערט איז ער געוואָרען. דער ברודער, די שוועסטער, דער שוואָגער און די שוועגערין האָבען איהם געפונען פאַר פרעמד, משה'לע האָט בעקומען אַ גוי'שע געגאָלטע מאָרדע מיט אַרויפגעדרעהטע וואָנסען, אַנגעטהון ווי אַ פריץ און מיט אַ פולען פּאָליאַרעס אַסיגנאַציעס. זיין משפחה האָט זיך געשעהמט צו געהן מיט איהם איבער דעם שטעדטיל, גיטעל האָט געהאַלטען אין איין וויינען, ער זאָל אַוועקוואַרפען די גראַפיניע, ווערן צוריק אַ יוד, מעהר נישט אַוועקפאָהרען, בלייבען נעבען דער מאַמען. אַז גאָט וועט וועלען, וועט זי מיט איהם נאָך קענען טהון אַ שענעם שידוך, ער זאָל זיך נאָר אַביסעל איבעראַנדערשען. משה'לע האָט דער מאַמען געשוואוירען, אַז ער איז אַ יוד, ער האָט נישט קיין גראַפיניע, נאָר בלייבען אין דער היים וועט ער נישט פאַר קיין מיליאָן. ערשטענס, האָט ער זיינע אייגענע געשעפטען אין דער פרעמד, און צווייטענס, געפעלט איהם נישט דאָס שטעדטיל. דאָ איז פאַר איהם נישטאָ וואָס צוטהון, און קריגען זיך מיט ברודער און שוועסטער איבער פרומקייט איז פאַר איהם קיין געשעפט נישט. —

משה'לע איז טאַקע אַזוי אַוועקגעפאָהרען. גיטעל האָט געוויינט, פאַרוואָס איז משה'לע אַנדערש, ווי איהרע אַנדערע קינדער, אַלע פון איין מאַמען. איבער יעדען קינד האָט זי בלוט פערגאָסען. פאַר וואָס וויל ער נישט בלייבען נעבען איהר אין דערהיים? וואָס וואָלט איהם דאָ געפעהלט? געלויבט גאָט, ניט צו פערזינדיגען, פריהער גאָט

און דערנאָך ער, זאָל האָבען דעם ליכטיגען גן-עדן, האָט אונז פערזאָרגט, איבערגעלאָזט אַ שטוב פון עטליכע טויזענד רובל, בעלי-בתי׳שקייט, מיט אַביסעל מזומן געלד. פון דער שטוב אַליין, ניט צו פערזינדיגען, קען מען ברוך השם לעבען, אַנדערע זענען אונז מקנא, און איהם געפעלט עס נישט, און איז נע-ונד אין דער פרעמד אָהן אַ ווייב אָהן אַ היים. אַ מענש פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר זאָל נישט האָבען קיין היים״...

די שוועסטער מיט׳ן שוואָגער און דער ברודער מיט דער שוועגערין זענען אין האַרצען געוועזען העכסט צופריעדען, וואָס זיי בעפרייען זיך פון דעם שלאַק — „גלייכער פון דער ווייטענס — איז ווינציגער דער בזיון״.

זעלטען פלעגט דערנאָך אָנקומען אַ בריעף פון משה׳לען און אין די לעצטע פאָר יאָהר איז ער גאָר פערפאַלען געוואָרען. קיינער האָט זיך דעריוף נישט געוואונדערט; אַלע האָבען געוואוסט, אַז פון משה׳לען וועט קיין לייט נישט זיין. טייל האָבען דערצעהלט, אַז ער זיצט אין טורמע, אַנדערע, אַז ער איז אַוועק קיין אויסלאַנד און מען לויפט איהם נאָך, און ווידער האָט מען דערצעהלט, אַז ער האָט זיך אויפגעהאַנגען, ווייל עס איז איהם נמאס געוואָרען דאָס לעבען, און אַז פאַר זיין טויט האָט ער חרטה געהאַט אויף אַלע זיינע חטאים, נאָר עס איז שוין געוועזען צו שפּעט.

פון די אַלע נייעסען האָט זיך דערוואוסט די משפחה און מען האָט זיך געהיט, עס זאָל צו גיטל׳ען נישט אָנקומען די שלעכטע בשורה, ווייל זיי זענען נישט זיכער געוועזען, צי די אַלע פּאָטשטען זענען אמת.

גיטעל האָט שטיל געטראָגען אַ גרויסען וועהטאָג אין האַרצען. צייטענווייז פלעגט זי שטיל ווייגען וועגען איהר משה׳לען, וואָס האָט זיך גענומען אין אַ שלעכטען וועג, — און דאָ פּלוצים אַזאַ טייערער בריעף מיט אַזאַ טייערע בשורה: איהר משה׳לע האָט חתונה און בעט אויף דער חתונה.

ליגענדיג אין בעט ביי זיך אין צימער האָט זיך גיטעל אין אַלעם דערמאָנט, וואָס זי האָט איבערגעליטען פון איהר שלעכטען זוהן, נאָר איצטער... איצטער האָט זי אין אַלץ פערגעסען, אַלץ איהם מוחל געוועזען און איהר מוטערשע האַרץ איז פול געוואָרען מיט ליעבע צו איהר משה׳לען, פונקט ווי אין דער צייט, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען

געבען איהר פאַרטוך און דער מאַמען און אַלעמען געפּאַלנט.

אַלע איהרע געדאַנקען זענען איצטער געװעזען פערנומען מיט צו־גרייטען זיך פאָהרען אויף דער חתונה, די צייט איז אַזוי קורץ — אין גאַנצען דריי װאָכען געבליבען. ביי איהרע ערשטע קינדערס חתונה פלעגט זיך גיטעל אָנהויבען צוגרייטען פריהער מיט דריי חדשים און דאָ איננאַנצען דריי װאָכען.

אויף מאָרגען האָט זי אַרויסגענומען איהר מאַראַנטיקען זיידען קלייד מיט די גרינע אַטלעסענע קװייטען און עס אַרויסגעהאַנגען לופ־טערן, עס בעטראַכט, אויב עס פעהלט נישט קיין העקלעך. דערנאָך האָט זי מיט קרייד אויסגעפּוצט איהרע לאַנגע אוירינגליך, די פּעריל, די פינגערליך און די גאַנצע ציערונג און זיך געקויפט אַ ניי געל זיידען טיכעל אויפ'ן קאָפּ מיט העל־געלע גרויסע קװייטען. —

אַלט טאָג פאַר דעם אװעקפאָהרען האָט מען געבאַקען לעקעך, פלאָדען און מאַנדעל־ביינגעליך אויף מיטצונעהמען פון „חתן'ס צד", בעשטעלט אַ פּאַרוק פאַר דער כלה. איהר עלטערן װהן צו דער חתונה האָט זי אויך דער כלה געשענקט אַ פּאָר זילבערנע בענש־לייכטער און צום „שלייער" געגעבען אַ פּאַרוק.

פאַר דעם אװעקפאָהרען איז גיטעל געװעזען ביי איהר מאַן אויפ'ן דעם קבר, איהם בעטען אויף דער חתונה און אַז ער זאָל דאָרט זיין אַ גוטער מליץ פאַר דעם נייעם פּאָר פאָלק.

גיטעל איז אַװעקגעפאָהרען קיין װאַרשא װי אַ גרויסאַרטיגע מחותנת'טע צו איהר ליבסטען יונגסטען זוהן אויף חתונה, פרעהליך און גליקליך. אַלע, װאָס האָבען זי בעגלייט צום װאָגזאַל, האָבען גע־זאָגט, אַז זי איז יונגער און שענער געװאָרען אויף צװאַנציג יאָהר, און אַז זי איז אַ שענע מחותנת'טע.

אויסער די כלה־מתנות האָט גיטעל מיט־זיך מיט־גענומען אויף חתונה־הוצאות, זי זאָל האָבען, מיט װאָס אויסצושטעלען זיך פאַר אַ שענע מחותנת'טע. זאָלען זיי דאָרטען נישט מיינען, אַז איהר משה'לע קומט חס־ושלום אַרויס פון אַ נחות־דרגא. ער איז, ברוך־השם, נישט קיין עלענדער; ער האָט, ברוך השם, ביז הונדערט און צװאַנציג יאָהר, אַ מאַמע מיט שװעסטער, ברידער און קומט אַרויס פון אַ שענער משפּחה. זי װעט װייזען, אַז אין װאַרשאָ קען זי, ברוך השם, אויך זיין אַ שענע מחותנת'טע. משה'לע איז ביי איהר דאָס לעצטע קינד, װייל זי גאָר נישט פערשפּאָרען. ער, זאָל זיין אַ גוטער בעטער, זאָל איצטער

לעבען, וואלט ער אודאי אביסעל שענער בעשיינט די חתונה און נאך מעהר געלד אויסגעגעבען, נאר זי וועט אויך קיין זאך נישט פער־שפארען, אבי שען זיך אויסצושטעלען אויף דער חתונה. זי וועט דינגען טענץ פאר אלע מחותנים בעזונדער, פאר דעם „וויוואט" שפיע־לען וועט זי די כלי-זמר געבען א גאנץ פינפעריל, און פאר דעם „כשר־טאנץ" צוויי דרייערליך, היינט רח״ש, דעם חזן, די שמשים, נדבות פאר ארימע לייט, וואס זאל זי דא שפארען? מעהר קיין קינדער אויף חתונה מאכען האט זי נישט; געלויבט זיין ליעבען נאמען, וואס זי האט דערלעבט איהר משה'על'ס חתונה.

מיט די גליקליכע גערדאנקען איז גיטעל ווי א גליקליכע מוטער געפאהרען קיין ווארשא צו איהר יונגסטען זוהן אויף דער חתונה.

---

## III.

אין ווארשא אויף דלוגע גאס, וואו עס געפינט זיך דער זאל אויף חתונות „נו-וואטע", זענען צוגעפאהרען איין קארעטע נאך דער אנדערער, פון וועלכע עס זענען ארויסגעגאנגען דעקאלטירטע דאמען, פרייליינ'ס און אויסגעפוצטע הערען.

דער זאל איז שוין געוועזען פול, די מוזיק האט געשפיעלט, הערען און דאמען האבען געטאנצט, טייל וועלכע האבען נישט גע־טאנצט, האבען גערעדט וועגען חתן-כלה, וואס פאר א גליק רעגינע וויסשטיין האט געטראפען: אזא שענער יונגערמאן פול מיט לעבען, געבילדעט און קלוג, דערצו פערמאגט ער א שענעם קאפיטאל, וואס ער האט אליין פערדיענט, און האט גוטע געשעפטען. איננאנצען מיט צעהן טויזענד רובל נדן קומען צו א חתן מיט אלע מעלות איז היינטיגע יאהרען זעהר שווער — אנ'ארים דאקטאר'ל אהן פראקטיקע הייסט זיך היינט אויך געבען פופצעהן טויזענד. אמת, רעגינע איז א שענע פרייליין און א געראטענע, נאר וויפיעל זענען דא שענע געראטענע און מיט מעהר געלד, און זיצען...

איבערהויפט האבען דערפון שטיל צווישען זיך גערעדט די מאמעס פון די פרייליינ'ס, מיט וועלכע זיי זענען געקומען אויף דער חתונה.

די כלה איז געזעסען אויבען אן אויף א שטוהל. געבען איהר פון

ביידע זייטען זענען געזעסען דאַמען און פריילייַנ'ס: גיטעל דער מהותנת'טע אין איהר מאַראַנטיקען קלייד מיט די גרויסע גרינע אַטלעסענע קווייטען האָט מען אַריינגעזעצט צווישען צוויי דאַמען מיט דעקאָלטירטע ברייטע פלייצעס און מיט האַלב אָפענע ברוסטען. גיטעל האָט דאָס נישט געקענט צוזעהן און איבערטראָגען. ווייבער, וועלכע האָבען שוין מאַנען און קינדער, זאָלען מיט אַזאַ עזות זיך נישט שעמען קומען אויף אַ חתונה! דערצו האָט זי נישט געקענט ליידען דעם שרעקליכען ריח פון זייערע הוילע לייבער צוזאַמען מיט די מאוסע ריחות פון די וויַסע פראָשקעס, פאָמאַדעס און שמעקענדיגע וואַסערן, מיט וועלכע זיי האָבען זייערע לייבער, דאָס פנים און אפילו די האָר אָנגעשמירט, אָבגעשיט און אָבגעגאָסען. די אַלע משונה'דיגע ריחות האָבען גיטלען שטאַרק געצופט אין דער נאָז און געזעצט אין קאָפּ, ווי אַ טשאַד. גיטעל איז געזעסען צווישען די צוויי דאַמען ווי געקרעמפּעוועט, ווי איינגעשלאָסען, און זיך נישט געקענט ריהרען. מיט דעם גרעסטען פערגניגען וואָלט זי פון דעם אָרט אַוועקגעגאַנגען, נאָר וואוהין זאָל זי געהן? וואו זאָל זי זיך, אַלס מחותנת'טע, זעצען, אַז נישט נאָהענט פון דער כלה אויבען אָן? און דאָ אויבען אָן זיצען אַלע אַזוינע האַלב נאַקעטע ווייבער. זיך זעצען ערגיץ אַנדערש — וואו? נעבען דער טהיר? דאָס פּאַסט דאָך נישט, און גיטעל איז ווייטער געזעסען צווישען די צוויי דעקאָלטירטע ווייבער אין קלעמעניש און געקוקט מיט די אויגען אויף אַלץ, וואָס קומט כאָר אין זאַל — זי זעהט מעהר נישט ווי אַ פולע זאַל מיט דעקאָלטירטע ווייבער און מעדליך.

גיטעל פיהלט זיך וואָס אַמאָל ערגער, עס עקעלט איהר קוקענדיג אויף זיי.

— מילא די מיידליך, יונגע קינדער, טראַכט זי זיך, איז נאָך צו פערדייען. אַ מיידיל דאַרף געפעלען, האָטש קיין יודישע טאָכטער טאָר נישט ווייזען איהר לייב פאַר אַלע. נאָר וואָס זאָל מען טהון מיט היינטוועלטיגע קינדער אין היינטיגע יאָהרען, ובפרט נאָך אין אַזאַ פערשייטע שטאָדט ווי וואַרשא? — אָבער ווייבליך און ווייבער, וואָס האָבען שוין מאַנען מיט קינדער און דאַרפען שוין ברוך השם קיינעם נישט געפעלען, ווי שעמען זיי זיך נישט כאַר גאָט און פאַר לייט, פאַר זייערע אייגענע קינדער, קומען אויף אַ חתונה מיט האַלב נאַקעטע לייבער, ווי אויסגעלאַסענע שיקסעס אין אַ שענק? יודישע טעכטער, וואָס זייער לייב טאָרען אפילו די פיער ווענט נישט זעהן, זאָלען אַזוי קומען אויף אַ

יודישע חהונה! — טפו זאל ווערען די גאנצע היינטיגע וועלט, גאט זאל מיך נישט שטראפען פאר די רעד! חלש'ן קען מען, קוקענדיג אויף אזוינע יודישע פאראנדקעס!

נאך דער חופה, וואס מען האט געשטעלט אין מיטען שטוב, האט מען זיך געזעצט צום טיש און מען האט גיטלען ווייטער אנגע-וויזען א פלאץ אויבענאן צווישען ו. איינענע ווייבער, צווישען וועלכע זי איז פריהער געזעסען אין קלעמעניש און פון זייערע ריחות זיך פער-טשאדעט דעם קאפ.

גיטעל האט זיך אזוי געפיהלט שלעכט און אזוי פער'יסורים'ט, אז זי האט פון דעם עסען גארנישט געקענט נעהמען. דאס מויל איז איהר ווי פערשלאסען געווארען און די אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טרערען.

נאך דעם טיש האט זיך גיטעל אליין אויסגעקליבען אנ'ארט ווייטער פון דעם „אויבענאן" און זיך געזעצט ערגיץ נעבען א פענסטער, נאר באלד האט דער כ"ה'ס מוטער (אויך א דעקאלטירטע) זי דערזעהן איז זי צוגעגאנגען צו איהר און האט זי אנגענומען ביי דער האנד.

— צו וואס זיצט איהר דא, מחותנת'טע, פארוואס זיצט איהר נישט אויבען-אן?

— איך וויל דא אביסעל אפרוהען.

— א ניין, ניין, זעצט זיך דארט, האט זי געזאגט און זי מיט געוואלד אוועקגעפיהרט אויבען-אן און זי געזעצט צווישען די פריהערדיגע צוויי ווייבער מיט די ריחות.

לאנג, לאנג איז זי אין איהר געפענגעניש געזעסען און די ריחות האבען איהר וואס מעהר געזעצט אין קאפ. זי וואלט זיך געוואלט אויכרעדען איהר הארץ אדער גלאט מיט עמיצען פאר דעם גאנצען אווענד רעדען א ווארט, נאר זי האט נישט מיט וועמען צו רעדען.

די מוזיק שפיעלט, פארליך טאנצען, גיטעל זעהט מעהר גארנישט, עס דריקט איהר דאס הארץ, א שוויים בעדעקט זי, דער קאפ ווערט שווער און זי פאלט פון איהר שטוהל...

—דעם חתנ'ס מוטער חלש'ט! ווערט א געפילדעריי איבער דעם זאל — וואסער, וואסער!...

מען ברענגט וואסער, מען זוכט אויס א דאקטאר צווישען די געסט און ער פיהרט זי אריין אין א בעזונדער צימער און דערמינ-טערט זי.

די כלה, דער חתן, דער כלה׳ס מוטער, און די צוויי ווייבער, צווישען וועלכע גיטעל איז געזעסען, לויפען אריין אין צימער:

—וואס איז מיט אייך? לעגט זיך צו! ווי פיהלט איהר זיך? אפשר וועט איהר טרינקען א ביסעל לימאנאד? פרעגען אלע.

— איך דאנק אייך, איך דארף גארנישט, איך פיהל זיך שוין בעסער, לאזט מיך איבער אליין, וועל איך זיך בערוהיגען און וועל אינגאנצען קומען צו זיך.

גיטעל איז אליין געבליבען אין צימער, זי האט אנגעהויבען אטעמען גרינגער, דער קאפ האט איהר אינגאנצען אויפגעהערט וועהטהון, זי האט זיך איצט געשפירט ווי איינער, וואס ווערט בעפרייט פון געפענגעניש, נאר אין הארצען האט זי געפיהלט א גרויסען וועהטאג. די טרערען, וועלכע האבען זי געשטיקט דעם גאנצען אווענד, האבען זיך איצטער צולאזט, און זי האט זיך שטארק צעוויינט. די מוזיק האט נישט אויפגעהערט שפיעלען, עס האט זיך געהערט דאס קלאפען פון די טענץ, דאס קאמאנדעווען פון דעם „טענץ-פיהרער״, די פארלאגע האט געציטערט,—און גיטעל האט נישט אויפגעהערט צו וויינען און האט זיך מיט אלע קרעפטען איינגעהאלטען פון חליפען, מען זאל נישט אנקומען, מען זאל איהר נישט שטערן. זינט איהר מאן איז געשטארבען, האט זי אזוי נישט געוויינט. מיט דעמזעלבען ניגון, וואס זי האט בעוויינט איהר מאנ׳ס טויט, האט זי איצטער אויך געוויינט אויף איהר משה׳לעם חתונה.

צוביסליכווייז האט זי אויפגעהערט אינגאנצען צו וויינען, אויסגעווישט די טרערען, שטיל געזעסען און גערעדט צו זיך פון די פיעל געדאנקען, וועלכע זענען איהר איצט געפלויגען אין קאפ.

— גלייכער, וואס ער, זאל האבען דעם ליכטיגען גן-עדן, איז געשטארבען און נישט דערלעבט צו זעהן די טייערע האסלערע, דעם טייערען נחת, וואס איך האב איצטער ביי דעם מוזיניקס חתונה! בעסער וואלט איך עס גארנישט דערלעבט, אומשטיינס געזאגט א חופה!

— פיער דרינקעם אין מיטען שטוב אויף חוזק צו מאכען, אויף נאכקרימען זיך און שוין חתונה געהאט!... ביים טיש קיין שבע ברכות, קיין יודיש ווארט, קיין יודיש פנים, קיין מנין יודען נישט געזעהן! געגאלטע גוים און גוי׳עס, א פולע שטוב מיט נאקעטע ווייבער און מיידען, אז עס ווערט נישט גוט צו קוקען אויף זיי. בעסער וואלט משה׳לע שוין חתונה געהאט מיט אג׳ארימער יתומה, וואלט איך אזוי פיעל

בזיונות נישט געהאט, אזוי פיעל הארצוועהטאג נישט איבערגעטראגען.
גיטעל האט זיך דערמאנט, וואס פאר א מחותנת׳טע זי איז געווען ביי איהר עלטערען זוהן, ביי איהר אברהם׳לען אויף דער חתונה און וואס פאר א נחת זי האט דאן געהאט. פיער הונדערט ווייבער האבען זי, גיטלען, געפיהרט צום שבת-אויפרופענס אין שוהל אריין בעשיטען דעם חתן, הײנט דאס פארשפיעל און ערשט די חופה, דאס פיהרען מיט גרויס פאראד חתן-כלה צו דער שוהל, דאס פרעהליכע טאנצען פון דער שוהל, די גאלדענע יויך, דאס ברענגען דעם חתן אויף דער וועטשערע מיט מוזיק, דער חזן מיט אלע משוררים, וואס האבען געזונגען ביים טיש, די שבע ברכות, דאס שפיעלען יעדען א „וויוואט“, דאס „כשר טאנץ“, דאס טאנצען א ראד,—אומעטום האט מען נאר געהערט „גיטעל“ און „גיטעל“, — מזל-טוב אייך, גיטעל, איהר זאלט דערלעבען אן אייער פאר-פאלק פיעל נחת און אן אלע קינדער (א שענעם נחת דערלעבט!...) וואו איז ערגיץ גיטעל? הערט זי ווי אלע רופען, — דער פעטער, די מוהמע, אדער א לײבליכער קרוב האט געדונגען די מחותנת׳טע פון חתנ׳ס-צד א טאנץ — שפיעלט כלי-זמר! דער עולם מאכט א ווארע גיטל׳ען, און זי טאנצט מיט דעם פעטער, מיט דער מוהמען, אדער מיט דעם לײבליכען קרוב און אלע פליעסקען צו מיט די הענד. גיטעל איז שוין מיעד טאנצענדיג, נאר מען רופט ווייטער גיטל׳ען — א גוטער פריינד זינגט א פרעהליכס דער מחותנת׳טע פון חתנ׳ס-צד — שפיעלט כלי-זמר! און גיטעל טאנצט ווייטער. דער עולם פליעסקעט ווידער און מען ווינשט צו דערביי אלעם גוטס, און גיטעל פיהלט דעם אמת׳ען נחת פון א קינד חתונה-מאכען.
דערנאך, דערנאך ווען דער עולם הויבט זיך אן צו-געהן און די מחותנת׳טעס הויבען זיך אן צו שושקען, צו סוד׳ן זיך, הײנט אויף מארגען „צום שלייער“, ווען זי זעהט די כלה אין פארוק שוין אלס ווייבעל, אלס שנור... איהרע פלאדען און מאנדעלבייגעלעך, וואס זי האט אנגעבאקען אויף דער חתונה לויבען אלע, און וואס עס בלייבט איבער צום שלייער, צו-חאפט מען, אדער יונגע-לייט בריות נעהמען עס צו, אז די מחותנת׳טע זאל נישט וויסען, און דערנאך לאבען אלע און מען רייצט זיך מיט איהר: „אט אזוי, אט אזוי ווערט מען א שווינגער“. און דא, אומשטיינס געזאגט, אויף דער חתונה איז דער גאנצער פלאדען מיט דעם לעקעך און מאנדעלבייגעלעך, וואס זי האט אין דער-היים אנגעבאקען, געבליבען אין קאסטען, אדער תארף עס

אַרויס, אָדער פֿיהר עס צוריק אַהיים — אַ בזיון! קיינער איז נישט געקומען נאָך לעקעך; דעם פּאַרוק וועט מען אויך מוזען פֿיהרען צוריק אָדער אַרויסוואַרפען,—משה'לע האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט, עס פּאַסט נישט. די זילבערנע לייכטער האָט די כלה בייַ איהר צוגענומען מיט אַ פֿערשעמט פּנים, ווי גלייך גיטעל האָט זי מיט עפּעס פֿערשעמט, און די ווייבער מיט די מעדלעך, וואָס זענען געשטאַנען דערבייַ, האָבען געשמייכעלט: רעגינען האָט מען געשענקט לייכטער אויף ליכט בענשען... חאַ, חאַ, חאַ!...

די חתן-כלה מיט זייערע עלטערען זענען אַריינגעקומען אין צימער פּרעגען, ווי זי פֿיהלט זיך און האָבען צושטערט איהרע געדאַנקען.

— מיר וועלען פֿאָהרען אַהיים, דער עולם צוגעהט זיך שוין, האָבען זיי געזאָגט.

— שוין נאָך דער חתונה, האָבען זיי גיטל'ען געזאָגט, אַלעס געהט גיך איבער און לעבען.

גיטעל האָט זיך ווידער דערמאָנט, אַז בייַ אברהם'לען האָט מען נאָך דער חופּה געהוליעט די גאַנצע וואָך ביז איבער דעם צווייטען פּרעהליכען שבת, ווען מען האָט די כלה, די נייע שנור, געפֿיהרט אין שוהל אַריין. —

* * *

אויף מאָרגען — אוים חתונה. גיטעל איז צוריק אַוועקגעפֿאָהרען אַהיים, טרויעריג און דערשלאָגען, ווי מען געהט צוריק פֿון בית-הקברות, וואו מען האָט בעגראָבען דאָס ליעבסטע קינד, אַ שטיק האַרץ, אַ שטיק לעבען אין דער ערד אַריינגעלעגט...

פֿאָהרענדיג שוין אין וואַגאָן, האָט זי אין איהרע טרויעריגע געדאַנקען זיך געטרייסט מיט דעם:

— גוט האָטש, וואָס בייַלע מיט זלאַטקען, אברהם און יאָסיל זענען נישט געפֿאָהרען אויף דער חתונה, וועט האָטש דער בזיון זיין ווינציגער, ווענינער לייטיש געלעכטער, קיינער וועט האָטש נישט וויסען פֿון דעם גרויסען וועהטאָג, וואָס איך טראָג אין הערצען...

גיטעל איז געקומען אַהיים שוואַרץ ווי די ערד.

ווען זי איז געפֿאָהרען אויף דער חתונה האָט זי אויסגעזעהן יונגער מיט צוואַנציג יאָהר און צוריק פֿון דער חתונה—עלטער מיט צוואַנציג יאָהר!

# פֿאַר וועמען?

(עסקיז).

שוין אַ יאָהר פינף, אַז ער וואוינט אין דער גרויסער שטאָדט וואַרשאַ. יעדען אָבענד קען מען איהם זעהען שפּאַצירענדיג אויף דער מאַרשאַלקאָווסקא גאַס. ער וואוינט טאַקע נישט ווייט פון דאָרט.

פון זיינע ביכער, וואָס ער שרייבט פאַר זיינע אַרויסגעבער, און פון זיינע אַרטיקלען אין די צייטונגען פערדינט ער זיין לעבענסמיטעל אין דער גרויסער שטאָדט בכבוד. פאַר שפּעטער האָט ער אַודאי נישט געהאַט, וואָס צו זאָרגען. — פון זיין צוקונפט ערוואַרטעט ער ערשט זיין לעבענסגליק. ער איז נאָך יונג, אין גאַנצען אַ יאָהר זיבען און צוואַנציג, זיין טאַלאַנט ענטוויקעלט זיך ערשט, און וואָס ווייטער און מעהר ער שרייבט, ווערט זיין טאַלאַנט גרעסער און געשטעלטער—אַזוי זאָגען אַלע וועגען איהם. דערצו איז ער נאָך אַ שענער און געזונטער יונגערמאַן, מיט אַ גאַנצען קאָפּ האָר, מיט אַלע צייןן אין מויל, און ער געפעלט יעדען, ווער עס זעהט איהם נאָר.

שפּאַצירענדיג אַזוי יעדען אָבענד, פלעגט ער מיט שטאָלץ טראַכטען, אַז זיין איצטיג לעבען, אין וועלכען ער פיהלט זיך אַזוי גליקליך, האָט ער קיינעם נישט צו פערדאַנקען, נאָר זיך זעלבסט, ד. ה. זיין טאַלאַנט.

אין אַ צייט פון פינף יאָהר, זינט ער איז פון שטעדטיל געקומען קיין וואַרשאַ, האָבען זיך זיין געזיכט ווי אויך זיינע קליידער איבערגעביטען און בכלל איינגאַנצען פון קאָפּ ביז די פיס האָט ער אויסגעזעהען אַנדערש. ער זעהט איצט אויס פרעהליכער, לעבעדיגער, זיין

גאַנג איז איצט מיט פעסטערע טריט, און ער מאַכט אַנ׳אײַנדריק פון אַ מענשען, וואָס געהט ערשט צום לעבען. אַפילו זײַן נאָמען האָט ער אויך אין וואַרשאַ איבערגעביטען. מען רופט איהם דאָ בײַ זײַן פאַמיליע, און יעדער קען איהם מיט דעם נאָמען „זיגמונד פײַוועלעס״. —

---

## II.

שפּאַצירענדיג אײַנמאָל אין אַ זומער-אָבענד אויף דער מאַרשאַלקאָווסקא גאַס נישט ווײַט פון וויענער וואָגזאַל, האָט ער בעמערקט, ווי אין מיטען גאַס שטעהט אַ יוד אין אַ לאַנגען אַלטען ווינטער-פּאַלטאָ מיט אַ זעקיל אונטערן אָרעם, דער קאָפּ און די באָרד זענען צובאָרשטען, ער קוקט זיך אַלע מינוט אַרום, ער זוכט עפּעס, ער לאָזט זיך געהן אַלע מאָל אויף אַנ׳אַנדערע זײַט און האַפּט זיך צוריק. נישט אײַן דראָזשקע שרײַט צו איהם, ער זאָל אָבטרעטען פון וועג, ער האַפּט זיך לינקס, אָט לויפט ער נאָך אַ טראַמוואַי, מאַכט מיט די הענד אין בעט מיט ווינקען, דער טראַמוואַי זאָל זיך אָבשטעלען. ער לויפט נאָך, נאָר דער טראַמוואַי שטעלט זיך נישט. דאָס יודיל בלײַבט ווײַטער שטעהן, קוקט זיך ווידער אום צוריק, אפשר געהט אַנ׳אַנדער טראַמוואַי.

זיגמונד פײַוועלעס האָט דערקענט, אַז עס איז אַ קלײַנשטעדטעלדיגער יוד, וואָס איז געקומען מיט דער „וויענער באַהן״ דאָס ערשטע מאָל קײַן וואַרשאַ.

פײַוועלעס איז צוגעגאַנגען צום יודען און האָט איהם ערקלערט, ער זאָל געהן צוריק נעבען דער „סטאַנציע״, וואו דער טראַמוואַי שטעלט זיך אָב, דען דאָ אין מיטען גאַס קען ער לאַנג וואַרטען אומזיסט. דער יוד האָט איהם באַלד דערצעהלט, אַז ער דאַרף פאָהרען אויף די נאַלעווקעס, און מען האָט איהם געזאָגט, אַז מיט דעם טראַמוואַי קאָסט איינגאַנצען פינף קאָפּיקעס און מיט אַ דראָזשקע פיער גילדען פון וואָגזאַל, נאָר ער ווײַס נישט, ווי אַזוי מען קען פאָהרען מיט דעם דאָזיגען טראַמוואַי. פײַוועלעס האָט איהם נאָך אַמאָל ערקלערט און איהם געפיהרט צו דער „סטאַנציע״. געהענדיג צוזאַמען

האט איהם דאס יודעל דערוויל דערצעהלט, אז ער איז פון שטיט-שען.

— איך בין אליין א שטיטשענער און קען יעדען דארטען. האט פייוועלעס געענטפערט.

ביידע האבען זיך מיט פערוואונדערונג אנגעקוקט און האבען זיך דערקענט פאר חברים פון איין חדר, וואו זיי האבען אמאל צוזאמען געלערנט. אויסער דעם האבען זיי זיך באלד אויסגערעכענט, אז זיי קערען זיך אן ווייטע קרובים, און פייוועלעס האט זיין חבר, וועלכען מען האט גערופען „יאסעל לייבעלעס", געבעטען, ער זאל שטעהן ביי איהם סטאנציע.

---

# III.

— דו וואוינסט, שמעון, זעהר שען, האט יאסעל געזאגט, זיצענדיג ביי דער וועטשערע אין זינמונד פייוועלעס וואוינונג און בע-טראכטענדיג די געמאלטע סטעליע און דאס ווייכע מעבעל—איך האב נאך היינט געוואלט לויפען אויף די „נאלעוואקעס", איך ברויך נאך זיין אויף „גרזיבאוו", האט יאסעל זיך אנגעהויבען איילען און געוואלט אויסזוכען ביי זיך אין קעשענע צוויי אדרעסען און פרעגען, ווי אזוי מען טרעפט אהין.

— וואו וועסטו לויפען בייגאכט. דו וועסט מארגען אלעס אב-טהון, האט פייוועלעס גערעטען.

— אמת, קיין גרויסע געשעפטען האב איך דא ניטט, נאר איין עברה די צייט. איך וואלט זיך געוואלט וואס פריהער אבפארטיגען, איך זאל מארגען נישט פערשפעטיגען די „פריוויסליאנער באהן", וואס געהט אוועק צוויי בייטאג. איך בין שוין לאנג פון דער היים, שוין צעהן טעג פון שטיטשען. מיין ווייב מיט קינדער זענען אליין. —

— מיט וואס האנדעלסטו? דערצעהל בעסער, ווי עס געהט דיר און צו וואס ביזטו געקומען קיין ווארשא? עס איז שוין שפעט אצט צו געהן אויף נאלעווקעס.

— ביזט אפשר גערעכט, איך בין שוין דריי נעכט נישט גע-שלאפען און אז דו ווילסט בין איך שוין צעהן נעכט נישט געשלאפען,

זינט איך בין אַרויס פון שטיטשען. אין באַהן אָדער אויף דער אַכסניה קען מען דען שלאָפען? מען דרימעלט נאָר זיצענדיג. לאָז שוין זיין אויף מאָרגען, איך וועל זיך שוין אויסשלאָפען ביי דיר, מען קען אין וועג די צייט נישט אויסרעכענען. זאָל זיין אויף מאָרגען. יאָ, וואָס האָסטו מיך געפרעגט — מיט וואָס איך האַנדעל? — מיט צרות האַנ- דעל איך! היינטיגע יודישע מסחרים, אומשטיינס געזאָגט, די באַהן נעהמט צו דאָס גאַנצע פערדיענסט, מען מוטשעט זיך — אַט דאָס איז מיין פרנסה.

— אָבער פאָרט, וואָס טהוסטו אין וואַרשאַ?

— וואָס איך טהו דאָ? איך זאָל אַזוי וויסען פון שלעכטס. וואָס האָב איך געטהון אין בערדיטשעוו, אין לאָדז? פערשאָלטען זאָל עס ווערען אַט דאָס לאָדז, קיין איינציג זעקעל נישט געקויפט, אויסגעבראַכט אומזיסט הוצאות און די גאַנצע וועלט שרייט „לאָדז", „לאָדז". טפו זאָל עס ווערען! פון בערדיטשעוו האָב איך פאָרט אַרויס- געשיקט אַ פאָר מאות זעקליך און פון לאָדז גאָר נישט. איצטער בין איך אין וואַרשאַ. איך ווייס, וואָס איך טהו דאָ? — מאָרגען וועל איך וויסען.

— דו האַנדעלסט מיט תבואה? — האָט פייוועלעס געפרובט טרע- פען.

— ניין, מיט זעק פון תבואה האַנדעל איך, און אַזוי ווי נייע זעק איז איצט ביי אונז יקרות, אַז עס איז זיך צו זיי נישט צו דער- שלאָגען, שלעפ איך מיך שוין אַרום צעהן טעג איבער דער וועלט און זוך צו קויפען אַלטע געניצטע זעק וואָס ביליגער, און וועגען דעם האָב איך זיך אויך אָבגעשטעלט אין וואַרשאַ. מען זאָגט: דאָ איז אַ גרויסער פלאַץ פון געניצטע זעק. נאָר מילא, וואָס מען זאָגט. אויף לאָדז האָט מען אויך געזאָגט, מאָרגען וועל איך שוין וויסען, וואָס איז דאָס פאַר אַ מין וואַרשאַ, וואָס די גאַנצע וועלט שרייט: „וואַרשאַ", „וואַרשאַ"... מאָרגען...

—האָסטו פרנסה פון דיין מסחר? — האָט איהם פייוועלעס איבער- געשלאָגען די רייד.

— פרנסה? יודישע שונאים זאָלען האָבען אַזאַ פרנסה. עס טראָגט קוים אויפ'ן טרוקענעם שטיקעל ברויט און אָפט האָט מען דאָס אויך נישט. אָט איצטיגען וועג, למשל, ווער ווייס, צי איך וועל עפּעס פערדיענען. און די באַהן וויל פון קיין שום זאַך נישט וויסען, הוצאות

קאָסט דערוואַל און אַ ווײַב מיט פינף קינדערלעך, זאָלען געזונד זײַן, מוז מען מפרנס זײַן.

— שוין פינף קינדערלעך האָסטו? האָט פײַוועלעס פערוואונדערט געפרעגט. ביזט, דאַכט זיך, מיט מיר אין איינע יאָהרען — זיבען און צוואַנציג יאָהר.

— יאָ, נאָר שוין צעהן יאָהר נאָך מײַן חתונה. וואָס וואונדערסטו זיך דאָ. זי געהט שוין ב״ה מיט דעם זעקסטען... גאָט זאָל העלפען, זי זאָל אין אַ גוטער שעה איבערקומען מיט אַ מײדעל, נאָך אַ ברית פעהלט מיר צו היינטיגע גאָלדענע געשעפטען!

יאָסעל האָט אויפגעהערט צו רעדען. ער האָט ווײַטער געגעסען און אַלע מאָל אַ זיפץ געטהון. פײַוועלעס האָט זײַן חבר ערשט איצט גוט בעטראַכט.

יאָסעל זעהט אויס אַ סך עלטער פון זײַנע יאָהרען. די באַקען זענען איהם אײַנגעפאַלען, דאָס געזיכט פערברענט און אײַנגעשרומפען, און אינגאַנצען זעהט ער אויס אַפערמוטשעטער אָהן שום לעבען אין זיך. זיגמונד פײַוועלעס האָט אָנגעהויבען בעטראַכטען דעם אונטערשיד פון איהם און זײַן חבר.

צוויי געוועזענע גלײַכע חברים, צוויי יונגלעך פון איין חדר: שמעון פײַוועלעס און יאָסעל לײַבעלעס. און וואָס האָט זיך פון זיי אויסגעלאָזט? — יאָסעל איז שוין אַנ'אַלטער, צובראָכענער, האַלב-קראַנקער מענש מיט אַ נראַשאָווע פרנסה פון געניצטע זעק און אַ פאַמיליע פון אַ פרוי מיט פינף קינדער. וואָס פאַר אַ שרעקליך טרויעריג לעבען שטעהט איהם ערשט נעבעך פאַר אין דעם אָרימען שטעדטיל שטיטשען. און ער, שמעון? — זיגמונד פײַוועלעס וואוינט אין דעם שענעם גרויסען רײַכען ווארשא, און איז אַ טאַלאַנטפאָלער שריפטשטעלער, וואָס איז אומעטום בעליעבט, זײַן נאָמען איז יעדען בעוואוסט, ער איז בײַ אַלע זײַנע קרעפטען, ער זעהט אויס יונגער פון זײַנע יאָהרען און פון זײַן צוקונפט ערוואַרטעט ער ערשט זײַן לעבענסגליק. זײַן טאַלאַנט ענטוויקעלט זיך ערשט, נאָך אַ פאַר יאָהר וועט ער פער'חידוש'ען די וועלט מיט אַ נײַ גרויס ווערק; ער אַרבײַט שוין אַרום דעם ווערק אַ יאָהר און נאָך אַ פאַר יאָהר ברויך געדויערען, ביז ער וועט עס ענדיגען. וואָס וועלען דאַן אַ זאָג טהון די קריטיקער וועגען זײַן ווערק? עס וועט זײַן אַ גרויסע נײַעס אין דער ליטעראַרישער וועלט.

זיגמונד פײַוועלעס פערשטעהט גוט דעם גרויסען אונטערשיד

פון זײַן חבר׳ס אומגליקליך לעבען ביז זײַן גליקליך לעבען. יעדער ווערט געבוירען מיט זײַן מזל, טראַכט ער, און זינגמונד פּײַוועלעס דאַנקט און לויבט גאָט פאַר זײַן גוטען מזל און זיפצט, וואָס זײַן חבר יאָסעל איז געבען געבוירען געוואָרען אין אַ שלעכט מזל.

— ווען מיר זאָלען זיך נישט געווען בעגעגענען אויף דער מאַרשאַלקאָווסקא גאַס, וואָלסטו אפילו נישט געוואוסט, צי איך וואוין אין וואַרשא, — האָט זיך פּײַוועלעס וויעדער אָבגערופען.

—אוי, וואָלט איך נישט געוואוסט. ווער ווייס עס נישט, אַז דו שפּיעלסט היינט די גרויסע ראָליע? די גאַנצע וועלט ווייסט, גאַנץ שטיטשען קאָכט מיט דיר, ווער שמועסט שבת אין בית-המדרש, אַלע דערצעהלען פון דײַנע ביכלעך. איך האָב אויף צוקאָוועסט אויך אַמאָל געלעזען פרײַטאַג-צו-נאַכטס נאָכ׳ן עסען דײַנס אַ ביכעל און איך מיט מײַן ווייב האָבען זיך זעהר אָנגעלאַכט, — האָט יאָסעל געזאָגט מיט אַ שמייכעל, וועלכער האָט זיך זעהר שווער אויסגעלעגט אויף זײַן פערשרומפּען געזיכט.

— מיר האָבען זיך נאָר געוואונדערט, ווי קומט עס צו דיר, פון וואַנען האָסטו עס גענומען, — האָט יאָסעל ווײַטער גערעדט.

— אַז דו האָסט יאָ געוואוסט, פאַרוואָס-זשע האָסטו געוואָלט פערפאָהרען אויף די נאַלעווקעס, און נישט צו מיר?

— איך ווייס? איך מוז דיר זאָגען דעם אמת. איך האָב גערעכענט, אַז דו ביזט שוין אַזאַ גרויסער פריץ, אַז דו וועסט זיך שעמען מיט מיר, נישט נאָר איך זאָל אײַנשטעהן בײַ דיר סטאַנציע. מען דערצעהלט פון דיר אַזוינע זאַכען אין סטיטשען... נאָר איצטער, אַז איך וועל אי״ה קומען אַהיים וועל איך יעדען דערצעהלען...

— זעהר אַ שלעכטע מיינונג, ווײַזט אויס, האָט איהר פון מיר אין סטיטשען. פערקעהרט, איך פרעה זיך זעהר, וואָס איך זעה בײַ מיר צוהויז מײַנעם אַ חבר פון די יונגע יאָהרען — פון חדר.

יאָסעל האָט זיך געוואונדערט אויף שמעון׳ס פּײַנקײַט און פּראַסטקײַט. ער ווייס, אַז דער שטיטשענער גביר, וואָס איז אויך געווען זײַנער אַמאָליגער חבר און געלערנט אין איין חדר און גאָס איז נאָר בעוואוסט אין שטיטשען אַליין, שעמט זיך רײַדען מיט איהם ווי מיט זײַן גלײַכען אויסער שמחת-תורה. און שמעון, וואָס די גאַנצע וועלט קלינגט מיט איהם און וואוינט אין געמאָלטע צימער מיט געבעט מעבעל אַ סך שענער פון שטיטשענער גביר, שעמט זיך נישט מיט איהם

צו רעדען, ווי מיט זײַן גליײַכען. ער וועט קומען אי״ה אַהיים, האָט יאָסעל געטראַכט, וועט ער אויף גרויס וואונדער יעדען אין שטיטשען דערצעהלען.

# IV.

אויף דעם צווייטען טאָג, האָט יאָסעל לייבעלעס זיך געאײַלט צו דער „פּריוויסליאַנער באַהן״. זיגמונד פײַוועלעס האָט זײַן חבר בעגלייט צום וואָגזאַל אויף זײַן גערונגענער דראָזשקע, יאָסעל האָט דעם גאַנצען וועג פון מאַרשאַלקאָווסקא גאַס ביז צום וואָגזאַל נישט אויפגעהערט שעלטען וואַרשא.

— אַזאַ מעשה! האָט ער אַלץ נישט אויפגעהערט צו רעדען, זיצענדיג מיט שמעון׳ען אויף דער דראָזשקע, — פאַר געניצטע געלע־בערטע זעק וויל מען דאָ ביי מיר דערמועלבען פרײַז, ווי ביי אונז אין שטיטשען פאַר נייע גאַנצע זעק. הײַנט וואו איז באַהן־געלד? די באַהן וועט שענקען, צי וואָס? נישטאָ וואָס צו רעדען! עס האָט מיר גע־לוינט פאָהרען קיין וואַרשא, הוצאות גאָר אומזיסט דערלעגט! הײַנט וואַרשאָווער סוחרים, וואַרשאָווער יודען, אומשטײַנס געזאָגט, עס איז דען צו האַנדלען מיט זיי? אוי, איז דאָס יודען, זיי וואָלטען פון אַ ליטוואַק נאָר די הויט אָבגעשונדען...

ווען זיי זענען צוגעפאָהרען צום וואָגזאַל, האָט מען שוין גענע־בען דעם ערשטען קלונג, אויף גיך האָט מען גענומען אַ בילעט און ווען זיי זענען שוין געווען אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט מען שוין געהערט דעם צווייטען קלונג.

יאָסעל האָט זיך אָנגעהויבען געזעגענען מיט זײַן חבר. עס איז איהם אויפגעקומען אויף די געדאַנקען ווי פרײַנדליך, ווי ברידערליך שמעון האָט איהם אויפגענומען אין וואַרשא און שמעון׳ס גוט בעגעהן זיך מיט איהם אין אַ גרויסער פרעמדער שטאָדט, וואו ער איז געווען עלענד. יאָסלען האָט דאָס אָנגערירט בײַם האַרצען, און ער האָט מיט טרערען אין די אויגען פון גרויס פרײַנדשאַפט שמעון׳ען אין אײַלעניש געוואונשען...

— זיי געזונד שמעון... איך דאַנק דיר פאַר דײַן אויפנעהמען

און פריינדשאַפט... זאָל דיר זיין גוט און זאָלסט זיין גליקליך...
און זאָל דיר גאָט העלפען, אַז דו זאָלסט אוועקוואַרפען די נאַרישקייטען... ביכלעך... שמיכלעך... דאָס איז נישט קיין געשעפט...
זאָל דיר גאָט בעשערען אַ בעסערע פרנסה...

און יאָסעל איז אין מיטען געזעגענען זיך אַריינגעשפּרונגען אין וואגאָן, ווייל דער דריטער קלונג האָט זיך שוין געהערט...

זיגמונד פייוועלעס איז געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט, אויסשטרעקענדיג ביידע הענד... געוואָלט חאַפּען יאָסלען... איהם טרייסלען... איהם פרעגען: סטייטש? געוואַלד!... פאַר וועמען? — איז איהם אויפגעקומען אויף די געדאַנקען.

* *

*

ווען זיגמונד פייוועלעס איז געגאַנגען צוריק פון וואָגזאַל, איז פּלוצים אַראָב זיין שטענדיג פרעהליכקייט און צופרידענהייט, זיין געזיכט איז געוואָרען בלאַסער. דער קאָפּ אַראָבגעלאָזט, דעם גאַנצען וועג האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. און עס האָבען איהם אין די אויערען נישט אויפגעהערט צו קלינגען די ווערטער:

— נאַרישקייטען — פאַר וועמען?... פאַר וועמען?...

# דאָס שַבָּת׳דִיגֶע הִיטֶעל.

(ערצעהלונג אויס דעם חסיד׳ישען פאַמיליען-לעבען).

ווען יאָסעלע איז אריבער צוועלף יאָהר און באַלד, באַלד, בעדאַרפט אָנהויבען לעגען תפילין, שוין ווערען אַ גאַנצער יוד, האָט זיין מוטער, שרה-ביילע די אַלמנה, אָנגעהויבען שטאַרק זאָרגען וועגען איהם.

כל-זמן יאָסעלע איז געווען אַ קינד, האָט ער דער מאַמען אין אַלעמען געפאָלגט און געגאַנגען אין גוטען וועג. דער רבי האָט איהם געלויבט, אַז ער קומט צו דער צייט אין חדר; יאָסעלע פלעגט זיך אַליין דערמאָנען, אַז מען דאַרף יעדען טאָג דאַוונען, בכלל איז ער געווען אַ לייטיש קינד און זיך לייטיש אויפגעפיהרט. שרה-ביילע די אלמנה האָט דעריבער געצויגען פון זיך די לעצטע קליי און פינקטליך געצאָהלט שכר-למוד. נאָר אַז יאָסעלע האָט אָנגעהויבען אונטערוואַקסען האָט ער שוין נישט אין אַלעמען געוואָלט פאָלגען „וואָס די מאַמע הייסט“, און שרה-ביילע האָט זיך אָנגעהויבען שרעקען. יאָסעלע האָט מעהר אָנגעהויבען רעדען קעגען דער מאַמען און איהר נישט געוואָלט פאָלגען. נאָר וואָס האָט געקענט העלפען דערצו אַ ביטערע אלמנה? זי האָט געשריען, געשריען אויף איהם, ביז דאָס האַרץ האָט איהר אָנגעהויבען וועה טהון און יאָסעלע האָט זיך געטהון זיינס.

— אַוודאי ווען אברהם-הירשעל, זאָל האָבען דעם ליכטיגען גן-עדן, זאָל לעבען, וואָלט יאָסעלע גאָר אַנדערש אויסגעוואַקסען,—פלעגט שרה-ביילע זיך קלאָגען, — אַ טאַטע, אַ מאַנסביל איז עפּעס אַנדערש,

ער שרייַט אנדערש אָן אויף אַ קינד, דער מלמד האָט גאָר אַנדערש דרך-ארץ, אַ טאַטע געהט מיט דעם קינד אין שוהל אַריין, ער זעהט און גיט אַכטונג, ווי דאָס קינד דאַוועגט, ווי דאָס קינד פיהרט זיך אויף. אָבער איך, וויסטע אלמנה, וואָס קען טהון? — איך זאָג, איך שריי. וויל ער — פאָלגט ער מיך, וויל ער-פאָלגט ער מיך נישט און טהוט, וואָס ער וויל. ער נעהמט דאָס סידור'ל און געהט אין שוהל אַריין, איך ווייס, צי דאַוועגט ער דאָרט אָדער ער שלאָגט זיך מיט יונגלעך? וויפיעל מאָל קומט ער פון דאַוונען אַ צושלאָגענער, אַודאַי, אויף אַ יתום וועט זיך דאָרט קיינער נישט אומקוקען. און איך? — איך שלאָג איהם, דאָס האַרץ רייסט מיר, מיינע שונאים, און ווער צופיקעט...

שרה-ביילע האָט אָנגעהויבען זאָרגען און זוכען מיטלען, ווי אַזוי זאָל יאָסעלע וואַקסען לייטיש און געהן אין גוטען וועג אַריין. זי האָט געשריבען אַ בריף קיין טאָלטשין צו איהר עלטערע אויסגעגעבענע טאָכטער רייזעל, דאָס זי וויל יאָסלען שיקען צו איהר, אַז איהר מאַן נחום-וועלוויל זאָל איהם אָוועקגעבען צו אַ טאָלטשינער מלמד און אַז יאָסעלע זאָל לערנען און וואַקסען אונטער דעם רשות פון נחום-וועלוולען און אַז אַלע יאָסעלעס הוצאות וועט זי מיט דעם שענסטען דאַנק יעדען חודש אָבשיקען.

❊ ❊

❊

אויף דער צווייטער וואָך האָט שרה-ביילע דורך יאַנקעל באַלטער בעקומען אַ תשובה פון איהר טאָכטער, אַז זי פרעהט זיך זעהר, וואָס יאָסעלע וועט זיין ביי איהר, און אַז די מאַמע זאָל זיך נישט זאָרגען, זי וועט איהם אָבהיטען ווי אַן'אייגענע מאַמע, ווי איהרע אייגענע קינדער, און נחום וועלוויל וועט אויף איהם אַכטונג געבען ווי אַן'אייגענער טאַטע. דעם צווייטען חודש פאָהרט ער אי"ה קיין טאַלנא צום רבי'ן, וועט ער אין מיסטנע אַריינפאָהרען קיין סאָקאָליווקע געהמען מיט זיך יאָסעלען.

ווען שרה-ביילע האָט בעקומען דעם בריעף, האָט זי אָנגעהויבען היינען, קושען און גלעטען יאָסעלען, און ער האָט זיך נאָר געטוליעט צו דער מאַמען.

חאָטש עס איז נאָך געווען אַ גאַנצער חודש צו זיין אָוועקפאָהרען

האט זי איהם שוין אנגעהויבען גרייטען אין וועג אריין און נאר געבע-
טען, ער זאל עסען.

— עס, יאסעלע, באלד וועסטו שוין אוועקפאהרען, זאלסטו
דארט יעדען פאלגען, נישט זיין קיין איינגעשפארטער, זאלסט זיך דארט
אויפפיהרען לייטיש און האלטען ריין, די פאות זאלען נישט זיין צו-
בארשטען, דאס היטעלע זאלסטו טראגען גלייך, נישט ווי דא מיט
דעם דאשעק שטענדיג אין דער זייט, וועט דיך יעדער ליעב האבען,
נחום-יועלוויל וועט דיר זיין ווי אנ'איינענער טאטע. רבונו של עולם!
זאלסט מיר חאטש אויסוואקסען א האלב ווי ער! נו, עס, עס יאסע-
לע! און אז גאט וועט העלפען, וועסט זיך אויפפיהרען פיין, וועל איך
קומען צו דיר צו גאסט און וועל זיך שוין זעהן מיט רייזלען און מיט
איהרע קינדערלעך, זיי זאלען מיינע ביינער איבערלעבען. עס, עס-
זשע! האט זי נישט אבגעטרעטען און איהם געשטופט דעם לעפעל אין
מויל פונקט ווי זי פלעגט איהם אמאל האדעווען, ווען ער איז געווען א
פיצעל קינד. מיט געוואלד האט יאסעל איפגעגעסען דעם לעפעל,
ווייזענדיג דערמיט דער מאמען, אז אין טאלטשין וועט ער אויך יעדען
פאלגען — ווי די מאמע הייסט.

---

## II.

נחום-וועלוויל, שרה-ביילעס עלטערער איידעם, איז געווען א שם-
דבר, א פעפעריל, א יונגערמאן פון א יאהר דרייסיג און מיט אלע
מעלות. ווען מ'האט איהם גענומען פאר אנ'איידעם, האט מען איהם
אבגעגאלטען, אבגעצאהלט אין בייטעל אריין — אזא אנטיק, אזא פע-
פעריל איז דאס געווען. אליין קומט ער ארוים פון א גרויסער משפחה,
אין וועלכער מען קען געפינען ביז הונדערט רבנים און נישט איין
בעל-מלאכה, דערצו איז ער א הויכער, געזונטער יונגערמאן מיט א
ברייטען קארק, צוויי גראבע פאות, א ווייסען שטערען מיט צוויי מיע-
פע ווינקלען. אויף קיינעם איז אזוי שען נישט געלעגען די שווארצע
סאמעטענע שפיציגע יארמולקע, ווי אויף נחום-וועלוולען. הייבט זיין
דאווענען, זיין קידוש מאכען און זיין זמירות זינגען איז זיך פשוט צו-
גאנגען אין יעדען אבר. ווימענדיג זיינע מעלות, איז נחום-וועלוויל געווען

בײַ זיך שטאָלץ, יעדען אױפֿגעמאַכט מיט דער האַנד, זיך געהאַלטען קליגער פון דער גאַנצער װעלט (אַלץ איז בײַ איהם געװען נאַרישקײַטען) און זיך געפֿיהלט זעהר גליקליך. פּרנסה האָט ער געהאַט פון דער שניט-קראָם, װאו דאָס װײַב איז א גאַנצען טאָג געזעסען מיט אַ משרת, און אַלײן האָט ער זיך צוגעבאָמקעװעט בײַם דאַװנען מיט פערגעניגען, נאָך דעם דאַװענען גענומען אַ ביסעל בראָנפֿען און געפֿיהלט דעם בעסטען טעם און גענעסען מיט א זעלטענעם אַפּעטיט. הײַנט שבת-װיפֿיעל פערגעניגען פלעגט ער זיך שעפּען פון דער שוהל, פון דעם עסען, פון זמירות זינגען און פון דעם שבת'דיגען שלאָף. אין דער פרײַער צײַט פלעגט ער זיך אַרומדרעהען מיט אַ קאָפּיקאָװע סיגאַר אין מויל אַ ביסעל נעבען דער קלײט, אַ ביסעל אויף דער גאַס, און אומעטום, װאו מען האָט נאָר געקענט הערען פּוסטע פּאָטשטען, פלעגט ער זיך אויך אַרײַנמישען מיט זײַנע פּאָר װערטער „עט, נאַרישקײַטען". ער האָט ליעב געהאַט זיך צו פּוצען, זיך פײַן אָנצוטהון. זײַן גאַנג איז נישט געװען װי בײַ אַלע מענשען, נאָר ער פלעגט געהן שפּרינגענדיג און אונטערטאַנצענדיג. טאָמער האָט ער אין גאַס אָדער אין בית-המדרש בעגעגענט יונגלעך, האָט ער זײ געמוזט זאָגען „אַװעק, שקצים" אָדער געחאַפּט אַ יונגעל, איהם אָנגעדרעהט דעם אויער און זיך פערקאַטשעט מיט אַ גרינג געלעכטערל פון גרױס פערגעניגען.

זײַן װײַב רײזיל האָט געשטאָלצירט פאַר אַלע װײַבער, װאָס זי איז נחום-װעלװיל'ס װײַב, און אַלע טאָלטשינער װײַבער פלעגען טאַקע רײַזלען מקנא זײַן, װאָס זי האָט אַזאַ זײַד, אַזאַ פּעפּעריל פאַר אַ מאַן.

קינדערליך האָבען זײ געהאַט אַ פּאָר. רײזעל פלעגט זײ װאַשען און צװאָגען און איהר מאַן זײ דערלאַנגען רײניג, אויסגעװאַשענע, זײ זאָלען דעם טאַטען נישט אויסשמירען. און ער פלעגט זײ אַ קושגעבען, זאָגענדיג דערבײַ: „עט, נאַרישקײַטען".

* *

*

אין אַ זומערדיגען פריה-מאָרגען, װען דאָס שטעדטיל סאָקאָליװקע איז נאָך געשלאָפען, האָט זיך שרה-בײלע מיט יאָסעלען אויפגעחאַפּט פון אַ קריגערײַ נעבען זײער טהיר.

— מיר קומט נאָך אַ האַלבען נילדען! האָט דער בעל-עגלה מיט דער בײַטש אין דער האַנד געשריען.

— וואָס איז היינט — פאַר פּסח, אַ גרויסע בלאָטע, צי וואָס? איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל מעהר נישט געבען ווי פיער גילדען. איהר רעדט נאַרישקײַטען, ר׳ יוד, — האָט דער פאַרשוין געענטפערט מיט נישט קיין צופריעדענער מינע און מיט אַ זאַק אונטערן אָרעם האָט ער אָנגעהויבען קלאַפּען אין דער טהיר, וועלכע האָט זיך באַלד געעפענט. עס איז באַלד געוואָרען אַ שמחה.

— וואָס מאַכסטו, נחום-וועלוויל, האָט שרה-בײַלע איהם בעגעגענט, וואָס מאַכט רייזיל מיט די קינדערלעך, זאָלען לעבען?

— וואָס זאָל מען מאַכען? געלויבט דער אויבערשטער, וואָס מען זעהט זיך געזונד, האָט נחום-וועלוויל געענטפערט — איך פאָהר פון טאַלנע פון רבי׳ן, זאָל מאריך ימים זיין, בין איך אַראָבגעפאָהרען נאָך יאָסעלען.

יאָסעלע האָט אויף גיך זיך אָבגעגאָסען נעגעל-וואַסער און שעמענדיג, מיט אַ קינדערשען שמײַכעל, אָבגעגעבען שלום-עליכם.

— שלום-עליכם? — עליכם-שלום! וואָס מאַכסטו עפּעס, שײַגאַץ, האָט נחום-וועלוויל געענטפערט און מיט אַ געלעכטערל געגעבען יאָסלען אַ דרעה בײַם אויער.

דער בעל-עגלה איז נאָך אַלץ געשטאַנען בײַ דער טהיר. דאָס דיענסטמײַדיל האָט דערהערט „אַ גאַסט", האָט זי גיך אויף זיך אַרויפגעכאַפּט אַ קלײַדיל און אָנגעהויבען אָנגיסען דעם סאַמאָוואַר און אַז זי האָט דערזעהען, ווי דער בעל-עגלה טרעט נישט אָב, האָט זי זיך אויף איהם צושריען.

— דו וועסט נישט אַוועקגעהן, אַט וועל איך דיך אָבגיסען מיט דעם סאַמאָוואַר!

— נאַ פאַרשוינען, גאַטאַניו! האָט דער בעל-עגלה געזאָגט קראַצענדיג זיך אין קאָפּ מיט דער פּיזשעלע פון בײַטש און איז אַוועקגעגאַנגען פון טהיר, קוקענדיג מיט אַ היטרער מינעלע אויף די צופּאַטעלטע, האַלב אָנגעטהוענע דיענסט מיט דעם סאַמאָוואַר אין די הענד.

— נו, נו, נישטאָ, וואָס צו קוקען — פאָהר ווייטער! האָט זי איהם געענטפערט. דער בעל-עגלה האָט אַ מאַך געטהון מיט דער בײַטש, און די מיעדע פערדלעך האָבען זיך גערידהרט פון זייער אָרט.

דער גאַנצער טאָג און כמעט די גאַנצע נאַכט זענען אַוועקגע-

גאַנגען מיט רעדען, עסען, און מיט פאַקעווען יאָסלען אין וועג אַרײַן. אויסער זײַנע זאַכען האָט מען אָנגעפּאַקעוועט פאַר איהם אַ גאַנץ קעס־טיל מיט עסענוואַרג אויף דעם וועג, פּוטער־בולקעס, וואָס שרה־בײַלע האָט געבאַקען און געטריקענט אין אַ זעקעל אַ גאַנצען חודש, הײַנט עטליכע סלאָיען אײַנגעמאַכטסען, אַ פּאָר טעפּליך פּוטער, אַ טאָפּ שמאַלץ, עטליכע פלאַש ווישניאַק, — אפשר וועט רײַזיל ליגען איה״ה אין קימפּעט וועט עס אַלץ צוניץ קומען.

מען האָט געדונגען אַ גוי׳עש פוהריל פאַר פּופצעהן גילדען מיט צעהן גראָשען און מען האָט אָבגערעדט, אַז ווי עס וועט נאָר אָנהויבען שיריען אויף טאָג זאָל מען אַרויספאָהרען.

יאָסעלע איז כמעט די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפען פון גרויס פרייד, וואָס מאָרגען וועט ער פאָהרען. אמת, די מאַמע טהוט איהם באַנג, אָבער ער וועט פאָהרען... אויסער סאָקאָליוועקע האָט ער זינט ער לעבט נישט געזעהען קיין אַנדער שטאָדט, ער וועט אפשר פאָהרען צוויי טעג מיט צוויי נעכט, ער וועט נישט שלאָפען, ער וועט נאָר קוקען, ער וועט זײַן אין עטליכע שטעדט, אין טערליצע, אין טעפּליק, אין הײַסין און אין טאָלטשין. אַ חוץ דערפער מיט קרעטשמעס. ער האָט זיך אַזוי פיעל אָנגעהערט אין זײַן לעבען פון גרויסע מענשען דערצעהלען פון אָט די אַלע שטעדט און איצטער וועט ער זיי אַלײַן מיט זײַנע אויגען זעהען, אַלײַן זײַן דאָרט.

יאָסלען פלעגט שטענדיג ציהען פון יענער זײַט באַרג אין דעם וואַלד, וועלכען מען פלעגט אַרויסזעהען פון שטאָדט. פון יענער זײַט באַרג זענען אַמאָל בײַנאַכט אָנגעפאַלען אויף יענקעל באַלטער גזלנים, נאָר יאָסעלע האָט קיין מורא נישט. ערשטענס וועט ער דאָרט פאָהרען פאַרטאָג, און צווייטענס, פאָהרט ער דאָך מיט זײַן שוואָגער, ער איז אַזאַ גרויסער, אַ געזונטער און ער יאָסעלע, האָט אויך אַ יאַמשאָווען שטעקעל, אַ קלײנס נאָר אַ שטאַרקס, ער וועט עס מיטנעהמען, עס קען געבען אַ גוטען זעץ, מען קען גוט פיהלען.

און יאָסעלע האָט זיך איצט דערמאָהנט, ווי ערשט נישט לאַנג האָט ער מיט דעם אייגענעם יאַמשאָווען שטעקעלע איבערגעשלאָגען אַ הונד די פיס, און ווי דער הונד האָט שטאַרק געקוויטשעט און געהינ־קעט מיט אַ פיסעל פון וועהטאָג, און יאָסעלע האָט ליגענדיג אין בעט אַ לאַך געטהון.

יאָסעלע האָט זיך אויפגעהויבען פון בעט און אַ קוק געטהון אין

פענסטער, עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַז עס טאָגט שוין, חאָטש עס איז ערשט געווען נאָך צוועלף, און זיך צוגעהערט אפשר פאָהרט שוין דער גוי.

— אַי, עס זאָל זיין אַ גוטער גוי, ער זאָל מיר וועלען געבען אַביסעל אָנטרייבען די פערדלעך, איז יאָסלען אויפגעקומען אויפ'ן געדאַנק, — איך וועל איהם געבען אַ פוטער-בולקע ווען ער מיך לאָזען זיצען אויף דער קעלניע און האַלטען די ליייצען, — אַי, אַי ער פאָהרט שוין! האָט ער זיך ווידער אַ חאַפּ געטהון פון בעט און זיך צוגעהערט, נאָר מען איז פאַרביינעפאָהרען און זיך נישט אָבגעשטעלט נעבען דער שטוב. ער האָט מיט אַ אונצופריעדענער מינע זיך ווידער געלעגט און פערשידענע נייע געדאַנקען, נייע בילדער זענען איהם פאָרגעקומען פאַר די אויגען, ביז ער איז איינגעדרימעלט געוואָרען.

* *

*

— שטעה שוין אויף, יאָסעלע, דער גוי איז שוין דאָ, האָט איהם די מוטער מיט שטעהענדיגע טרערען אין די אויגען אויפגעוועקט.

— דער גוי איז שוין דאָ? האָט ער פרעהליך געפרעגט און גיך אָבגעוואַשען נעגעל-וואַסער און אָנגעהויבען זיך אָנטהון. די מוטער האָט בעמערקט זיין פרעהליכקייט און איהם געפרעגט.

— דו וועסט גאָרנישט בענקען נאָך מיר, יאָסעלע?

— מאַמע! איך וועל בענקען, — האָט ער געזאָגט און זיין גאַנץ פרעהליכקייט איז אַוועק.

זיין טרויער האָט לאַנג נישט געדויערט. אין אַ פּאָר מינוט איז ער שוין געשטאַנען פרעהליך לעבעדיג אין דרויסען נעבען וואָגען. ער האָט מיט אַ שמייכעל בעטראַכט דעם גוי, די בייטש, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד, און זיך אָבגעשטעלט ביי די צוויי פערדלעך, וואָס האָבען ביידע געגעסען פון אַ ברייטער טאָרבע, וועלכע איז געהאָנגען אויף זייערע קעפּ. עס האָט זיך איהם זעהר געגלוסט אַ גלעט טהון די פערדלעך, נאָר ער האָט אַ קוק געטהון אויף דעם גוי און מורא געהאַט און האָט דערווייל אַ גלעט געטהון דאָס ראָד פון וואָגען — איך וועל נאָך אַ גלעט טהון די פערדלעך שפּעטער... אין וועג ביי אַ קרעטשמע — האָט ער זיך געטראַכט און געפרובט אָנהויבען רעדען

מיט דעם גוי, וועלכער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף איהם.

דער גוי מיט דעם דיענסטמיידיל האָבען אַרויסגעטראָגען די פּעקלעך און עטליכע קישענס מיט אַ וואַטאָווער קאָלדרע, יאָסעלען האָט די מוטער פערבונדען מיט אַ טיכעל אויף דעם האַלז, דער גוי האָט אַראָבגענומען די טאָרבע פון די פערד און זי אַרויפגעלעגט אויף די קעלניע, אויף וועלכער ער האָט זיך געזעצט.

מען האָט דעם גוי געהייסען פאָהרען פּאַראויס, און זיי וועלען אַלע געהען צו-פוס ביז הינטער דער שטאָדט. די פוהר האָט פּאַוואָלע אָנגעהויבען פאָהר־ען און נאָך איהר זענען נאָכגעגאַנגען נחום-וועלוויל מיט עפּעס אַ טאָלטשינער יונגענמאַן — אויך אַ טאַלנער חסיד, וואָס איז שוין זייט אַ יאָהר געוואָרען אַ סאָקאָליוועקער איידעם און האָט פיינט דאָס ווייבעל. ער איז איצטער געקומען מיט איהם זיך געזעגענען; נאָך זיי איז געגאַנגען שרה-ביילע מיט יאָסעלען און דאָס דיענסטמיידיל.

ווען מען איז שוין אַזוי אָבגעגאַנגען די ערשטע גאַס האָט זיך פּלוצים שרה-ביילע אָבגעשטעלט מיט אַ געפּילדער:

— אוי ווען, נחום-וועלוויל! שטעה נאָר, שטעלט אָב די פוהר, אוי אַ דונער האָט מיך דערשלאָגען, דער קאָפּ איז, מיינע שונאים, אַזוי פערדרעהט, אַז איך האָב גאָר פערגעסען...

— וואָס איז? האָבען אַלע געפרעגט, און די פוהר האָט זיך אָבגעשטעלט.

— וואָס הייסט? אַ קינד פאָהרט אַוועק און האָט נישט קיין שבת'דיג היטעל! עס איז מיר גאָר אַרויס פון קאָפּ, איך זאָל אַזוי אין אַלדעם בייז פערגעסען, ווי איך האָב פערגעסען אַוועקגעבען דאָס שטיקעל סאַמעט דעם קירזשנער, ער זאָל איהם דערפון מאַכען אַ היטעל.

— עט, נאַרישקייטען! האָט נחום-וועלוויל געזאָגט, אין טאָלטשין וועט מען איהם אויפנייען אַ שענער היטעל, ווי אין אייער סאָקאָליוועקע.

— יאָ, עס איז שוין פערפאַלען, נאָר דאָס שטיקעל סאַמעט וועל איך דיר מיטגעבען, עס ליגט נאָך פון דיין חתונה אָן, פון רייזילס הופה-קלייד איז געבליבען, וואו וועט מען גאָר היינט בעקומען אַזא סאַמעט? זעקס קערבלעך אַנ'איל, היינט דאַרף אפשר קאָסטען צעהן.

— נאַ-דיר די שליסעליך, האָט זיך שרה-ביילע געווענדעט צום דיענסטמיידיל, דאָרט אין קליידער-שאַפע אין אונטערשטען שופלעדיל ליגט

עס , נאָר פערגעס נישט פערשליסען , לויף גיך און קום באלד .

נחום-וועלוויל האָט אפילו געזאָגט, אַז אין טאַלטשין וועט מען קויפען סאַמעט אויף אַ היטעל , אָדער מען קען קויפען אַ פאַרטיג הי-טעל , נאָר די דיענסט מיט די קלינגענדיגע שליסעליך איז שוין ווייט געוועזן .

שרה-ביילע האָט נישט אויפגעהערט סמאָטשקען מיט די ליפען , גערעדט צו זיך , ווי אַזוי האָט זי געקענט פערגעסען , אַז אַ קינד אין אַ פרעמדער שטאָדט דאַרף האָבען אַ נײַ שבת'דיג היטעל . . . און נאָך פון אַזאַ שטיקעל טײַערען סאַמעט — וואו בעקומט מען גאָר הײַנט אַזוינס !

— גיכער שוין, פוילע מויד ! — האָט שרה-ביילע געשריגען דער-זעהענדיג פון דערווײַטענס, ווי זי לויפט שוין צוריק מיט דעם שטיקעל סאַמעט און מיט די קלינגענדיגע שליסעלעך אין די הענד .

די פוהר האָט זיך ווידער גערירט און דער עולם האָט אָנגע-הויבען נאָכגעהן . דער יונגערמאַן , וואָס האָט פײַנט דאָס ווײַבעל האָט נחום-וועלוולען עפּעס אײַנגערוימט אין אויער, ער זאָל דאָרט אין טאַל-טשין איבערגעבען זײַנע עלטערען . שרה-ביילע האָט געגלעט יאָסעלען, דאָס דיענסטמיידיל איז נאָכגעגאַנגען מיט אַ לײַכטענדיג געזיכט און אַלע מאָל זיך אַ קראַץ געגעבען אין איהר צופאַלטעטען קאָפּ האָר .

— זאָג מיר צו , יאָסעלע , אַז דו זאָלסט דאָרט יעדען פאָלגען, זיך אויפפיהרען פײַן און געהן רײַן , — האָט די מוטער געזאָגט און איהם אויסגעגלײַכט דאָס היטעל אויף דעם קאָפּ .

— איך וועל יעדען פאָלגען , האָט יאָסעלע געענטפערט און זיך אַליין אויסגעגלײַכט די פּאות און אַ טאַפּ געטהון, צי זײַן היטעל אויפ'ן קאָפּ שטעהט גלײַך .

פון יענער זײַט שטאָדט האָט זיך די פוהר אָבגעשטעלט און דער גאַנצער עולם אויך .

דער גוי האָט אָנגעהויבען אײַלען, מען זאָל זיך שוין זעצען אויף דעם וואָגען, דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען געזעגענען און שרה-ביילע האָט זיך צוקושט מיט יאָסעלען .

— פאָהרט געזונד ! גריסט רייזלען מיט די קינדערליך — יאָסע-לע ! זאָלסט דיך פערבינדען דעם האַלז , פערגעסט נישט אין וואָגען די פוטער-בולקעס מיט די אײַנגעמאַכטס, וואָס איך האָב געפּרעגעלט , האָט שרה-ביילע נאָכגעשריען .

ווען די פוהר האָט שוין אָנגעהויבען ריהרען מיט ביידע פאַרשווינען, האָט פלוצים דאָס דיענסטמיידיל עפּעס מיט אַ קוויטש, ווי נישט מיט איהר קול, נאָכגעשריען האַלטענדיג אין די הענד די עטליכע קאָפּיקעס, וואָס זי האָט בעקומען פון גאַסט:

— יאָסעלע! יאָסעלע! פאָהר געזונד, פערגעס נישט שרייבען דער מאַמען אָפטע בריעף. — און דאָס דיענסטמיידיל האָט זיך פון די פּאָר ווערטער אַזוי פערשעמט, אַז דאָס גאַנצע בלוט איז איהר געקומען אין פּנים אַריין.

דער עולם איז געגאַנגען צוריק, שרה-ביילע פערוויינט, דאָס דיענסטמיידיל אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און דער יונגערמאַן, וואָס האָט פיינט דאָס ווייבעל, האָט געזיפצט.

---

# III.

די פוהר איז שוין אַריבער דעם באַרג און קאַטשעט זיך איצט אויף אַ גלייכען וועג, וואו מען זעהט ווייט אַרום און אַרום ברייטע פעלדער בעוואַקסען מיט פערשיעדענע זאַנגען און קאָליערטע גראָזען. פון הענט ווייט זעהט מען אַן אַלטען וואַלד און יונגע פערוואַקסענע וועלדלעך. פון איין זייט וואַלד געהט איצט אויף מיט גרויס גדלות די זון אין אַלערליי שענע געשטאַלטען, מיט פלאַקער ברענענדיגע שטראַהלען, וועלכע שפּיגלען זיך דורך די גרינע בוימער פון וואַלד.

יאָסעלע, זעהענדיג דאָס אַלעס, האָט זיך פון גרויס פערגעניגען נישט געקענט איינהאַלטען און זיך אָנגערופען.

— זעהט נאָר, שוואָגער, ווי שען עס איז דאָ, עס איז אַ מחיה צו קוקען.

— אַט, נאַרישקייטען! אַז גאָט העלפט, מען פאָהרט אויף אַ יריד און מען פערדיענט געלד איז אַוודאי גוט אין אַ שענעם וועטער צו פאָהרען אַהיים אָהן אַ רעגען, — האָט נחום-וועלוויל געענטפערט און זיך פערטראַכט אין זיינע געדאַנקען: ווי ער פאָהרט איצט פון רבי'ן, זאָל לעבען, געלויבט איז גאָט, זיך אָנגערעדט מיט דעם רבי'ן, וויפיעל זיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט, און איצט פאָהרט ער אַהיים אויף שבת; עס זאָל נאָר נישט געהן קיין רעגען, דער וועג זאָל זיין אַ גוטער, ער

זאָל אָנקומען אַהיים פאַר פריה, קענען חאַטש אין באָד געהן לכבוד שבת... אַז גאָט וועט וועלען קען מען זאָנקומען פרייטאָג גאַנץ פריה, וועט נאָך דער קירזשנער קענען יאָסעלען אויפשטעלען אַ היטעל פון דעם שטיקעל סאַמעט... אַ נאַרישע יודענע, ווי אַזוי פערגעסט מען, אַז אַ קינד דאַרף האָבען אַ שבת'דיג היטעל, בפרט נאָך דאָס ערשטע מאָל, ווען איך דאַרף געהן מיט איהם אין בית-המדרש דאַוונען, ווי קען איך איהם אַוועקזעצען ביי זיך אין מזרח-וואַנט אויף מיין שטאָדט מיט אַזאַ אָבגעבליאַקעוועט וואָלענדיג היטעל? אַ חרפה פאַר לייטען. ער זאָל זיין אַ פרעמדער וואָלט מיך נישט געאַרט, אָבער אַנ'אייגענער שוואָגער, וואָס וועט מען זאָגען? אַ נאַרישע יודענע... נאָר אפשר וועט דער קירזשנער אוספּעיען איבער'ן טאָג אויפשטעלען דאָס היטעל פון שטיקעל סאַמעט—האָט זיך נחום-וועלוויל געטרייסט.

נחום-וועלוולען איז אויפגעקומען אויף דעם געדאַנק: אפשר וואָלט יאָסעלע דעם ערשטען שבת געדאַוונט אין דער היים און אויף דעם צווייטען שבת וואָלט שוין פאַרטיג געווען דאָס שבת'דיגע היטעל?

— נאָר ווי קען איך עס טהון? האָט ער ווייטער געטראַכט, אַ קינד, וואָס דאַרף באַלד אָנהויבען לעגען תפילין, מאַכען אַ געוועהנונג נישט דאַוונען אין בית-המדרש. די שוויגער שיקט איהם צו מיר, ער זאָל געהן אין גוטען וועג אַריין און איך זאָל איהם געוועהנען צו אַזוי-נע זאַכען!? אַזאַ יונגעל טאָר נישט דאַוונען אין דער היים, נאָר אין בית-המדרש. וואָס איז, זיינע געשעפטען די גרויסע? גענוג, אַז מען זינדיגט, ווען מען ווערט עלטער. צוליעב פרנסה, ווען מען דאַרף מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער, מוז מען אַמאָל דאַווענען נישט אין בית-המדרש, איז אויך אַ גרויסע עולה, נאָר וואָס זאָל מען טהון — פרנסה איז אַ תרוץ, אָבער נישט ביי אַזאַ יונגעל...

און עס איז ביי נחום-וועלוולען פעסט געבליבען, צי וועט דער קירזשנער אוספעיען אויפשטעלען דאָס היטעל אָדער נישט, וועט ער יאָסעלען חיי ווי סיי מיטנעהמען דאַוונען שבת אין בית-המדרש.

די זון איז שוין געשטאַנען העכער און שאָטענס האָבען בעדעקט שטיקער פעלדער. דער גוי האָט אַ קוק געטהון אויף דעם הימעל, וואָס איז געווען לויטער.

— עס ווייזט נישט אויף קיין רעגען, האָט דער גוי געזיפצט און געבעטען גאָט, ער זאָל געבען אַ רעגען, — נאָך עטליכע טעג

גוטע רעגענס, וואלט געוועז ניט קיין שלעכטער „אוראזשאי”, האט ער געזאגט.

נחום-וועלוולען איז אויפגעקומען אויפ'ן געדאנק דער יונגערמאן, וואס האט פיינט דאס ווייבעל.

— עט, נארישקייטען, האט ער גערעדט צו זיך, איך האב מורא פאר איהם... עפעס נעהמט ער זיך אין דער זייט... ווי אזוי האט עס א יוד, א חסיד, פיינט א ווייב? וואס איז דער חילוק די יודענע אדער יענע יודענע? וואס איז מיר ליעבע, שמיבע, ווי ער זאגט? דעם יודען איז אזוי גוט אויף דער וועלט, אז אנדערש האט מען איהם ניט געשלייערט — האסט חתונה געהאט? — האב קינדער און גאט העלפט! ער האט מיט מיר בעפוילען צו זיינע עלטערען, אז ווען זיי וועלען איהם ניט קומען אבנעהמען אדער מאכען א לאד מיט א גט, וועט ער אליין אנטלויפען פון ווייבעל... — נארישקייטען!...

— אט באלד וועט זיין די גרעבלער קרעטשמע, וועלען מיר דאווענען און עפעס עסען, האט ער לעבעדיג געזאגט יאסעלען, רייבענדיג איין האנד אין דער אנדערער פון פערגעניגען.

יאסעלע האט זיך דערמאנט אן די פוטער-בולקעס און עס איז ביי איהם געבליבען, אז ביי דער קרעטשמע וועט ער זיך בעקענען מיט דעם גוי און ער וועט איהם געבען אביסעל אנטרייבען. דערוויילע איז יאסעלע, זעהר לעבעדיג און פרעהליך, געזעסען אויף דעם פויערשען וועגעלע אויסגעבעט מיט פרישע שטרוי. דאס וועגעלע קאטשעט זיך, עס קלאפט, עס העצקעט, עס לויפט... מען פאהרט... עס איז אזוי גוט און פרעהליך אויף דעם הארצען — א מחיה'ניש!... און באלד, באלד וועט זיין די גרעבליער קרעטשמע, זאגט דער שוואגער. וויפיעל שענע מעשיות האט ער געהערט וועגען דער קרעטשמע פון גרויסע מענשען, און איצט, אט באלד וועט ער אליין דארט זיין...

* *

*

דעם גוי'ס תפילה איז אנגענומען געווארען. נאך גרעבליער קרעטשמע האט פלוצים אנגעהויבען גיסען א שלאקס-רעגען מיט דונערן און בליצען און דערנאך האט אנגעהויבען געהן א שטילער רעגען ביז

אויף מאָרגען פרייטאָג. דער וועג איז קאַליע געוואָרען און עס איז גע־וועזען שלעכט צו פאָהרען.

— אַ שבת'דיג היטעל ווערסטו ערשט האָבען אויף איבעראַלטאָג שבת, האָט נחום־וועלוויל געזאָגט יאָסעלען, זעהענדיג ווי די קליינע דאָרפישע פערדלעך געהען טריט ביי טריט און האָבען מורא, זיי זאָלען זיך נישט אויסגליטשען מיט די נישט געקאָוועטע פיס. — הלואי מיר זאָלען חאָטש קענען געהען אין באָד אַריין לכבוד שבת, האָט ער ווייטער געזאָגט.

יאָסעלע איז איצט געזעסען אויף דער פוהר איינגעהויקערט אין דרייען און טרויעריג, מיעד און נישט דערשלאָפען. פון דעם צו פיעל זיך טרייסלען אויף דעם וואָגען האָט זיך איהם געוואָרפען דאָס הערציל. עס איז איהם נישט גוט אויף דעם האַרצען און ער שפּייט נאָך אַנאַנד. ער גאַרט זעהר שוין קומען קיין טאָלטשין, שוין אויפהערען פאָהרען...

ערשט עטליכע ווערסט פאַר טאָלטשין איז דאָס וועטער ווידער געוואָרען שען און דער וועג בעסער, נאָר די האָפנונג צו פערכאַפּען די באָד לכבוד שבת איז שוין געווען פערפאַלען. גוטע צוויי דריי שעה דאַרף געדויערן, ביז מען וועט קומען קיין טאָלטשין, און צו ליכט בענשען איז מעהר נישטאָ ווי אַ שעה פיער, צו־טרייבען די פערדלעך איז אומזיסט, זיי קענען נאָך גאָר בלייבען שטעהן, דעמאָלט וועט מען מוזען אַריינגעהן צו־פוס אין שבת אַריין. פון דעסטוועגען האָט זיך נחום־וועלוויל פון גרוים איילעניש אַלץ גערוקט זיך זיצענדיג אויף דעם וואָגען, ווי גלייך מיט זיין רוקען זיך וואָלטען די מידע פערדלעך גיכער געלאָפען.

ווען דער וועג איז נאָר בעסער געוואָרען און די זון האָט אָנגע־הויבען שיינען, איז יאָסעלע ווידער פרעהליך געוואָרען, און ווי ער האָט נאָר פון דערווייטענס דערזעהען די שטאָדט טאָלטשין, האָט ער אויסגעגלייכט די פאות, דאָס היטעל אָבגעפוצט מיט דעם אַרבעל פון קאַפּאָטע, דאָס אָנגעטהון גלייך, דער דאַשעק זאָל נישט אויסקומען קרום און פערשפּיליעט אַלע קנעפּליך פון זיין קאַפּאָטקעלע...

IV.

מען איז אָנגעקומען קיין טאָלטשין נאָך דער באָד...

די שמחה ביי ריזעלע איז געווען גרויס — צוויי געסט אויף שבת, דער מאַן און איהר ברידער׳ל. זי האָט זיך אויף זיי געריכט און גע־מאַכט צוליעב די געסט צוויי קוגלען אויף שבת, אַ זיסען אַ לאָקשענעם און אַ געבלעטערטען אַ וויניגען.

עס איז נאָך געבליבען אַ האַלבע שעה צו ליכט־בענשען. איידער וואָס, איידער ווען, איז די האַלבע שעה איבערגעלאָפען און מען האָט שוין בעדאַרפט געהן אין שוהל אַריין. אויף גיך האָבען זיך נחום־וועל־וויל מיט יאָסעלען אַרומגעוואַשען לכבוד שבת. יאָסעלע האָט אָנגעטהון אַ ווייס העמד, נייע שטיוועלעך, דאָס שבת׳דיגע נייע קאַפּאָטקעלע, נאָר דאָס אַלטע, וואָכעדיגע אָבגעבליאַקעוועטע היטעלע...

— קום נאָר אַהער, יאָסעלע, האָט ריזיל געזאָגט, ווען ער איז שוין געווען אָנגעטהון, לאָס איך נאָר אָנקוקען מיין ברודער׳ל.

זי האָט איהם בעטראַכט פון אַלע זייטען און געזאָגט:

— זעהר אַ שען יונגעלע, אַ שען קאַפּאָטקעלע, נאָר אַנ׳אַלט הי־טעלע... און האָט אַ קוק געטהון אויף נחום־וועלוולען, ווי איינער זאָגט: „מען וואָלט איהם בעדאַרפט קויפען אַ ניי היטעלע, ווי קען מען פיהרען אַ קינד שבת אין בית־המדרש אַריין מיט אַזאַ היטעל״.

נחום־וועלוויל האָט פערשטאַנען איהר קוקען און האָט זיך אָנגע־רופען:

—דיין מאַמע ב״ה איז אַזוי געווען צוטראָגען, אַז זי האָט איהם פערגעסען מאַכען אַ היטעל און האָט מיר מיטגעגעבען אַ שטיקעל סאַ־מעט, וואָס איז איבערגעבליבען פון דיין חתונה־קלייד, און אי״ה איבער אַכטאָג שבת וועט ער שוין האָבען אַ שבת׳דיג היטעל.

— פון מיין סאַמעט וועט זיין זעהר אַ שען היטעל, האָט ריזיל געזאָגט. וואו קריגט מען נאָר היינט אַזאַ סאַמעט, און זי האָט דאָס ברודער׳ל אַ קוש געגעבען זאָגענדיג דערביי: —„עס וועט ניט שאַדען צום שידוך, אַז דו, יאָסעלע, וועסט געהן איין שבת מיט דיין וואָכע־דיג היטעל״.

* * *

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען דאַווענען. נחום־וועלוויל מיט זיין גאַנצער גרויסקייט און ברייטקייט אין זיין זיידענער ראַדזיוואַלקע אויף די אַקסלען,

און נאָך איהם האָט זיך נאָכגעשלעפּט, אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און טרויעריג, יאָסעלע. ער איז בײַ זיך ווי אַראָבגעפאַלען, וואָס ער געהט אין אַ נײַער שטאָדט שבת אין אַ וואָכעדיג היטעלע.

ווען זײַ זענען אַרײַנגעגאַנגען אין בית-המדרש, האָט איהם נחום-וועלוויל נעבען דער טהיר אָבגעשטעלט און שטיל געזאָגט:

— יאָסעלע! אָט דאָ נעבען לאַנגען טיש, זעץ זיך און דאַווען.

יאָסעלע האָט זיך אַנידערגעזעצט, וואו מען האָט איהם אָנגעוויזען, און נחום-וועלוויל איז מיט גרוים גדלות און ברײטקײט אַרויפגעגאַנגען צו דער מזרח-וואַנט און לעבעדיג אַראָבגעוואָרפען פון זיך די ראַדזיוואַלקע, אַנידערגעלעגט זי אויף דעם סטענדער, און זיך געשטעלט אויף זײַן שטאָדט דאַווענען, געסטאַרעט אָניאָגען דעם חזן, וואָס האָט זיך שוין מיט אַ פערטעל שעה פריהער געשטעלט פאַר דעם עמוד.

יאָסעלע אויף זײַן אָרט האָט זיך שטיל און ערנסט געשאָקעלט איבער זײַן סידור'ל און אויך זיך געסטאַרעט דעריאָגען דעם חזן.

נאָך דעם דאַווענען האָט דער חזן גלײַך אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם טלית און איז צוגעגאַנגען צו נחום-וועלוולען, געזאָגט אַ גוט שבת און איהם אָבגעגעבען אַ ברײטען „שלום-עליכם”. אַרום נחום-וועלוולען האָט זיך באַלד אַרומגעשטעלט אַ רעדעל בעלי-בתים פון מזרח און שפּיגעל-וואַנט און מען האָט מעהר נישט געהערט ווי: „שלום-עליכם” — „עליכם-שלום”, „וואָס הערט זיך עפּעס אין טאַלנע?” „וואָס מאַכט דער רבי”? „ווי האָט דער רבי געפּראַוועט דעם שבת'דיגען טיש?” א. ד. ג. און נחום-וועלוויל האָט מיט גדלות געענטפערט יעדען מיט האַלבע ווערטער, וועלכע יעדער האָט געהאַפּט און געשלונגען.

* *

*

אין דערזעלבער צײַט נעבען טהיר בײַם לאַנגען טיש, וואו עס זענען געשטאַנען אָרימע יודען מיט יונגלעך, האָט זיך אַרומגעדרעהט פּײַטעל קאַרעק, אַ יוד פון מיטעלע יאָהרען מיט אַן'אויסגעדאַרט פערטרוקענט פּנים און מיט אײן אַקסעל העכער פון צווייטען, נאָר מיט גוטע גלאַנצענדיגע אויגען. ער פלעגט זיך אַלע שבת און יום-טוב אָבגעבען מיט צוטהײלען די בעלי-בתים „אורחים אויף שבת”. אויך איצט האָט ער יעדען בעל-בית, וואָס איז נאָך דעם דאַווענען אַרויסגעגאַנגען

פון בית-המדרש, געגעבען „אַנ׳אורח״. פײַטעל איז אויך צוגעגאַנגען צום פרעמדען טרויעריגען יונגעלע מיט דעם אַלטען היטעלע און האָט איהם געזאָגט, אַנװײַזענדיג אויף אַ בעל-הבית מיט אַ גרויער לאַנגער באָרד:

— יונגעלע! געה מיט ר׳ בעריש׳ען.

און יאָסעלע איז אַװעקגעגאַנגען מיט ר׳ בעריש׳ען.

װען עס האָבען זיך געענדיגט די אַלע שלום-עליכם׳ס, װאָס מען האָט אָבגעגעבען נחום-װעלװעלען, און װען ער האָט זיך אָנדערצעהלט אַביסעל נײַעס פון רבי׳ן, האָט ער װידער מיט גדלות אָנגעטהון די ראַדזיװואַלקע אויף די אַקסלען און זיך געלאָזט אַרויסגעהן פון בית-המדרש. ער איז געקומען צום לאַנגען טיש און זעהט נישט יאָסעלען, ער זוכט איהם איבער דעם גאַנצען בית-המדרש.—ער איז נישטאָ...

—האָט איהר דאָ נישט געזעהען אַ פרעמד יונגעלע?—האָט ער בײַ אײניגע געפרעגט.

— מיט אַ נײַ קאַפּאָטקעלע און מיט אַנ׳אַלט היטעלע?... האָט פײַטעל קאַרעק איבערגעפרעגט.

— יאָ, יאָ... מיט אַנ׳אַלט היטעלע... װאו איז ער?

— ר׳ בעריש האָט איהם גענומען פאַר אַנ׳אורח אויף שבת, האָט פײַטעל געענטפערט.

— װען? װאָס? װאָס הײסט דאָס? האָט ער געפרענט דער-שראָקען.

—אָט נאָר װאָס איז ער מיט איהם אַװעקגעגאַנגען, איהר װילט אַנ׳אורח אויף שבת? — עס זענען געבליבען נאָך אַ פּאָר אורחים, האָט פײַטעל געזאָגט און איהם אָנגעװיזען אייף אײנעם, נאָר נחום-װעלװיל האָט מיט כּעס אַ געשרײַ געגעבען אויף איהם.

— בהמה! און איז געשװינד אַרויסגעלאָפען פון בית-המדרש.

ער איז געלאָפען אָהן אָטעם װי אַ משוגענער, און װען אײניגע האָבען איהם אין גאַס אָבגעשטעלט און געפרעגט: „װאָס איז? װאָס לויפט איהר?״ האָט ער זיך אפילו נישט אומגעקוקט און געהאַלטען אין אײן לויפען. אײניגע פון ציקאַװעקײט זענען איהם נאָכגעלאָפען, אפשר ברענט חס-ושלום אָדער זײַן װײַב געהט צו קינד.

ערשט אויף דעם מאַרק-פּלאַץ האָט נחום-װעלװיל דערזעהען פון װײַטענס ר׳ בעריש׳ען.

— ר' בעריש ! ר' בעריש ! — האָט ער נישט מיט זיין קול אָנגעהויבען שרייען , — שטעהט נאָר , וואַרט נאָר אויס ! . . .

ר' בעריש, אַן'אַלטער טאַלטשינער בכבוד'יגער בעל-הבית מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, האָט זיך מיט פערוואונדערונג אַנידערגעשטעלט, און יאָסעלע, וואָס איז איהם נאָכגעגאַנגען, האָט זיך אויך אָבגעשטעלט.

— קום ! — האָט געזאָגט נחום-וועלוויל און קוים חאַפּענדיג דעם אָטעם , האָט ער אָנגענומען יאָסעלען ביים הענטיל און געוואָלט מיט איהם אַוועקגעהן .

— וואָס הייסט „קום ?"—האָט ר' בעריש אָנגעחאַפּט יאָסעלען ביי דער אַנדערער האַנד — ער איז מיין אורח אויף שבת .

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטען, ר' בעריש !—האָט זיך נחום-וועלוויל אָנגערופען מיט כעס .

— וועמען זאָגסטו „נאַרישקייטען" ? דו שקאָץ ! דו ווייסט, אַז איך האָב שוין אַזוינע קינדער ווי דו . מיט וועמען רעדסטו עס אַזוי ? דו מיינסט , אַז מען קומט פון רבי'ן , מעג מען שוין זיין אַן'עזות-פּנים און נישט האָבען קיין דרך-ארץ פאַר אַן'אַלטען יודען !-האָט ר' בעריש געזאָגט מיט כעס און אַ גלעט געטהון זיין לאַנגע באָרד , נישט אָבלאָזענדיג מיט דער צווייטער האַנד יאָסעלען .

— דאָס יונגעלע איז מיין אורח ! — האָט נחום-וועלוויל געזאָגט ווייכער .

— ניין, ער איז מיין אורח !-האָט ר' בעריש געטענה'ט, האָסטו געזאָלט זאָגען אין בית-המדרש , וואָלט מיר פייטעל געגעבען אַן'אַנדער אורח , דאָס דאָברי מזל פעהלט ב"ה נישט ביי יודען , עס זאָל אַזוי נישט פעהלען אַלדעם גוטס פאַר כל ישראל. איצטער, אַז איך בין שוין באַלד נעבען מיין שטוב , וויל ער צונעהמען מיין אורח . וואו וועל איך אַזוי שפּעט נעהמען אַן'אַנדער אורח אויף שבת ? געלויבט גאָט, זינט איך בין בעל-הבית איז מיין טיש ב"ה נישט געווען אָהן קיין אורח. ווי געפעלט עס אייך אַזאַ עזות פון אַ יונגענמאַן ?—האָט זיך ר' בעריש געווענדעט צום עולם , וואָס האָט זיך אַרומגעשטעלט — קום , יונגעלע, מיט מיר !--האָט ער געשלעפּט יאָסעלען .

— ער איז מיין שוואָגער . . . האָט נחום-וועלוויל קוים אויסגערעדט .

— אייער שוואָגער ? — האָבען אַלע מיט גרויס פערוואונדערונג געפרעגט .

— וואס הייסט אייער שוואָגער ?–האָט ר׳ בעריש געפרעגט נישט פערשטעהענדיג.

— מיין ווייבס אַ ברודערל... ער איז געקומען צופאָהרען מיט מיר... האָט נחום-וועלוויל ערקלערט און יאָסעלע, ביי וועלכען עס האָבען זיך שוין לאַנג געשטעלט טרערען אין די אויגען, האָט זיך אויף אַ קול צעוויינט.

— אַזוי ? ! — האָבען אַלע אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

— פאַרוואָס-זשע האָט פייטעל קאַרעק מיר איהם געגעבען פאַר אַנ׳אורח ?–האָט ר׳ בעריש געפרעגט, שוין אָבלאָזענדיג יאָסעלעס הענד-ל.

— וואָרום פייטעל איז אַ גרויסער בהמה...

— וואָרום איהר זענט אַליין אַ גרויסע בהמה !–האָט זיך אָנגערו-פען פייטעל, וואָס איז שוין אויך אַהיים געגאַנגען און זיך אָבגעשטעלט געבען רעדעל מענשען — אַ בהמה זענט איהר אַליין ! האָט ער ווייטער געזאָגט, וואָרום אַ שוואָגער לאָזט מען נישט איבער צווישען די אָרימע לייט ביי דער טהיר, נאָר מען האַלט איהם נעבען זיך אין מזרח-וואַנט.

דער עולם האָט נישט אויפגעהערט לאַכען, און נחום-וועלוויל מיט דעם פערוויינטען יאָסעלען זענען מיט אַראָבגעלאָזטע קעפ טרויעריג געגאַנגען אַהיים, וואו רייזיל מיט די קינדערליך האָבען אויף די טייע-רע געסט געוואַרט מיט דעם שבת׳דיגען טיש.

— וויין נישט, יאָסעלע, און זאָלסט אין דער היים קיינעם נישט דערצעהלען, האָט נחום-וועלוויל זיך געבעטען און איהם געגלעט ביים בעקעל, — אי״ה, איבעראַכטאָג שבת וועסטו שוין האָבען אַ שבת׳דיג היטעל, און וועסט שוין זיצען מיט מיר אין מזרח-וואַנט.

יאָסעלע, וואָס האָט צוגעזאָגט דער מאַמען, אַז ער וועט יע-דען פאַרגען, האָט טאַקע קיינעם נישט דערצעהלט און דעם צווייטען שבת איז טאַקע יאָסעלע פרעהליך געשטאַנען אין מזרח-וואַנט נעבען שוואָגערס שטאָדט אין אַ ניי שבת׳דיג סאַמעטען היטעלע. און אַלע יונג-לעך האָבען זיך איהם אַרומגעשטעלט, בעטראַכט, בעטאַפט, געגלעט און געשאַצט דאָס נייע שבת׳דיגע היטעלע...

# אַ מופֵת.

(ערצעהלונג) .

מיר זענען געזעסען אין אַזאַ געזעלשאַפט, וואו מען האָט וועניגער ווי אומעטום געקענט ערוואַרטען, מען זאָל רעדען וועגען נסים מיט מופתים פון גוטע יידען.

דאָס איז געווען אין פעטערבורג אין די אָסיענדיגע שרעקליכע לאַנגע־לאַנגע נעכט. דער בעל־הבית פון דעם הויז איז געווען אַ דאָקטאָר מיט אַ פראַקטיק, וועלכע וואָלט געקלעקט פאַר עטליכע דאָקטוירים, קיינמאָל קיין צייט נישט געהאַט און איז ביי זיך צו הויז צווישען זיין פאַמיליע געווען אַ גאַסט.

זיין פרוי, אַ דאַמע נאָך אין די „בעסטע יאָהרען“, האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס צו טהון מיט איהר צייט.

זי האָט אַ סך געלייענט, פיעל בעזוכט דעם טעאַטער, „אַרויסגעגעבען“ די דיענסטען אויף מיטאָג, אויסגעהערט די לעקציעס, וואָס די לעהרער האָבען „פאָרגעגעבען“ די קינדער אויף מאָרגען, איבערגעקוקט די קינדערשע „טעטראַדען“ מיט די באַלען, און פון דעסטוועגען איז איהר נאָך געבליבען גענוג צייט, מיט וועלכע זי האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס צו טהון, און דעריבער האָט זי פערשאָלטען איהר מזל, וואָס זי איז אַריינגעפאַלען צו אַ מאַן אַ דאָקטאָר מיט אַ סך פראַקטיק.

אַליין אַ געבוירענע אין דער פראָווינץ, פון דער יודישער „טשערטאַ“, אין דרום־רוסלאַנד, געוואַקסען אין אַ רייך יודיש הויז, — האָט זי זעהר פריינדליך אין איהר הויז אויפגענומען איהרע „זעמליאַקעס“, וועלכע עס פלעגט אויף שטענדיג אָדער אויף מעהר־וועניגער צייט פערטראָגען קיין פעטערבורג.

דערהויפט האָט מען אין דעם פרײַנדליכען הויז פאַרבראַכט די ווינטער-נעכט. די געסט, וועלכע זענען דאָס רוב געווען פון דעם גע-גענד ווי די בעל-הבית'טע זעלבסט, האָבען זיך געפיהלט הײמיש ווי בײַ זיך אין דערהײם, מיט קײן זאַך זיך נישט געשטערט, זיך געהאַל-טען פרײַ און מען האָט פערבראַכט פרעהליכע אָווענדען.

אויף די אָווענדען האָט מען געקענט געפינען א פּאָר סטודענטען מיט קורסיסטקעס, וואָס זענען געקומען אהער לערנען, א דרײַ סוחרים, וואָס זענען געקומען זיך „אָברעכענען" מיט זײערע פעטערבורגער קונים, און גלאַט א יודען, וואָס האָט געהאַט א „דיעלא" אין סענאַט אָדער ער איז אהערגעקומען דאָ זיך „לאָדען מיט דער קרוין" וועגען א „פּאָד-ריאַד".

צווישען די געסט, וואָס זענען געקומען פון דער פּראָווינץ, האָט זיך אין דעם אָווענד אויך געפונען אײנער א יונגער אינטעליגענטער סוחר פון א יאָהר דרײַסיג, סאַמועל גריגאָרעוויטש קראַנץ. ער האָט זיך נאָך יונגעלווײז אָבגעריסען פון זײַן חסיד'ישער משפחה, ארײַן אין קורצע קלײדער, אנגעהויבען זיך גרײטען צו האַלטען עקזאַמען אין גימ-נאַזיום און דערנאָך אין אוניווערזיטעט. צום סוף האָט ער קײן עקזאַמען אין ערגעץ נישט אויסגעהאַלטען, נאָר אין די חסיד'ישע קלײדער איז ער צוריק שוין מעהר נישט ארײַן. דערנאָך האָט ער רײַך חתונה גע-האַט, געוואָרען א סוחר און האַנדעלט מיט פעטערבורג, וואוהין ער קומט פון צײַט צו צײַט וועגען זײַנע געשעפטען.

און זיצענדיג אַזוי דעם אָווענד האָט יעדער דערצעהלט וועגען זײַן הײם און וועגען בעקאַנטע, ביז מען איז אַרויף אויפ'ן טויט, דערנאָך אויף גוטע און שלעכטע חלומות, דערנאָך אויף ד"ר פעלדמאַן, ווי ער פערשלאָפט מענשען, דערנאָך אויף נסים מיט מופתים פון גוטע יודען.

די בעלי-הבית'טע האָט דערצעהלט וועגען באַבסקי רפואות, וועלכע האָבען געהאָלפען אירע קינדער מעהר ווי איהר מאַן, דער דאָקטאָר, מיט זײַן שרײַבען רעצעפּטען און מיט זײַן גרויסער פּראַקטיק.

— און איך גלויב אין קײן זאַך נישט, האָט זיך אָנגערופען דער בעל-הבית, וועלכער האָט זיך אויך געהאַלטען בײַ זיך אין שטוב ווי א גאַסט. איך גלויב נישט אין קײן חלומות און אין די אַלע אַנ-דערע פּוסטע זאַכען.

— און איך האָב אָנגעהויבען גלויבען אין אַלעס, אפילו אין

מופתים פון גוטע יודען, — האט זיך אנגערופען דער יונגער סוחר, ה׳ קראנץ.

אלע האבען מיט נייגיריגקייט אויף איהם א קוק געטהון, ווייל אלע האבען איהם געקענט, אז ביי זיך אין שטאדט, דערהויפט צווישען זיין חסידישער פאמיליע, רעכענט ער זיך פאר דעם גרעסטען אפיקורס און וועניגער פון אלץ האט ער געהאלטען פון גוטע יודען און איז זאגאר דעריבער זיך צוגאנגען מיט זיין איינציגען ברודער און שוואגער, וועלכע זענען הייסע טאלנער חסידים און פאהרען עד היום צום יונגען רבי׳לע.

אלע האבען זיך א ווארף געטהון אויף איהם.

— איהר, איהר, ה׳ קראנץ, גלויבט אין מופתים פון גוטע יודען? — איהר?

— יא, איך, שטעלט אייך פאר, איך. איהר מעגט הערען, וואס מיט מיר איז פאריגען זומער פארגעקומען, וועט איהר שוין אלע אויך אנהויבען גלויבען אין גוט-יודישע מופתים.

אלע האבען מיט גרויס נייגיריגקייט אוועקגעווארפען אלע שמועסען און אנגעשטעלט מויל און אויערען, און דער יונגער סוחר האט אנגעהויבען דערצעהלען.

— פאריגען זומער בין איך וועגען געשעפט געוועזען אין ווארשא, און ווי דער שטייגער איז, אז מען איז שוין אין ווארשא, האב איך זיך אויסגעקליידט ווי צו דער פגירה: אין א זומערדיגען ווייסען העלען אנצוג, א נייע קאפעלושעל, נייע קאלירטע שיך, א ניי שטעקעל און מיט א נייעם טשעמאדאנטשיקעל און מיט א פעקעל ארומגעבונדען מיט נייע לעדערנע פאסיקלעך האב איך אין א שעגער לויטערער זומער-נאכט זיך אריינגעזעצט אין וואגאן אויף פריוויסליאנער באהן.

פערהאפט אנ׳אויבערשטע באנק, האב איך אויפגעבונדען מיין פעקעל מיט די נייע רימענדלעך, אויסגעבעט און זיך אויסגעצויגען ווי ביים טאטען אין וויינגארטען.

און אזוי ליגענדיג אויף מיין טראן האב איך זיך פון אויבען אראב געמאכט בעקאנטשאפט מיט מיינע שכנים פון אונטער מיר און אקעגען מיר, נישט בעמערקענדיג איבער דער טונקעלער שיין אפילו זייערע פנימ׳ער.

פון דעסטוועגען האט נישט געשאדט אזוי אוועקצורעדען א פאר שעה, ביז איך בין אנטשלאפען געווארען.

אין דער פריה שוין נאָך קאָוועל, אַראָבקריכענדיג פון מײַן עסע־בעט, האָב איך שוין מײַנע אונטערשטע פּאַסאַזשירען נישט געזעהען און די בענק זענען געװען לײדיג, נאָר נישט דאָס בין איך אײַך אויסען; דאָס איז גלאַט, װי מען זאָגט, עס רעדט זיך.

געמאַכט אין אָרדנונג מײַן נײַעם אַנצוג און מײַן קאַפּעליושעל, װאָס איך האָב אײַנגעהאַנדעלט אין װאַרשאַ, האָב איך זיך אָנגעהויבען אַרומקוקען אין װאַגאָן. אַ רעדעל מענשען זענען געשטאַנען פון דער װײַטענס און האָבען געקוקט אין װינקעל װאַגאָן, װי אויף עפּעס אַ בײַז װאונדער.

איך בין צוגעגאַנגען און האָב געזעהען, װי אויף די צװײַ בענק אין עק װאַגאָן זענען געזעסען עטליכע מאָדנע פּאַסאַזשירען.

אויבענאָן, דאָס הײַסט אויף דער ערשטער באַנק נעבען דער טהיר, איז געזעסען אַ יודענע מיט אַ שטערענטיכעל אויף דעם קאָפּ, אין די אויערען האָבען געשטעקט לאַנגע אַלטמאָדישע זילבערנע אוירינגלעך בעזעצט מיט דימענטען.

געקלײדט איז זי געגאַנגען אין אַ שװאַרץ זײַדען קלײד מיט געשטיקטע שװאַרצע קװײטען, פון איהר לויטער פּנים מיט אַ װײַסער דינער הויט האָבען אַרויסגעקוקט צװײ שװאַרצע קלוגע אויגען. זי האָט אויסגעזעהען אַריבער פופציג יאָהר, נאָר אויף איהר פּנים האָט זיך נישט געזעהען קײן אײנציגער קנײטש. דאַר, אויסגעטריקענט, װי מען זאָגט, „קײן לויט פלײש אויף זיך", אַז מען האָט דורך דער הויט געקענט אַרויסזעהען די בײנער, האָט זי פון דעסטװעגען אויסגעזעהען חנ'עװדיג און געװנג סימפּאַטיש פאַר אַ פרוי אין די יאָהרען.

נעבען איהר אויף דער זעלבער באַנק איז געזעסען אַ יונגעל פון אַ יאָהר זיבעצעהן אין אַ לאַנגער זײדענער קאַפּאָטע און מיט אַ זײדען גאַרטעל אַרומגעװיקעלט. אַ יונג װײַס שען פּנים מיט די זעלבע אויגען פון דער פרוי, װאָס איז געזעסען נעבען איהם, נאָר מיט מעהר גלאַנץ — יונגע אויגען!

די װײַסע באַקען האָבען בעשײַנט צװײ שװאַרצע געקרײַזעלטע לאַנגע פּאות און אויף דעם קאָפּ אַ שװאַרץ סאַמעטען היטעלע מיט אַ שװאַרצען לאַקירטען דאַשעק.

אויף דער זעלבער באַנק, אין דער זײַט פון דער פרוי מיט דעם שטערענטיכעל, איז געזעסען אַ יודענע אָנגעטהון אין פּראָסטע קלײדער און פערבונדען דעם קאָפּ מיט אַ קאָלירט זײַדען טיכעל, װײַזט אויס

זײַערע אַ דינסט, אָדער אַנ׳אָרימע קרובה. אַקעגן זײ זענען געזעסן צװײ יודן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, אײנער מיט אַ שטאַרק פּערװאָקסענע רױטער באָרד, און דער צװײטער מיט אַ שװאַרץ ציגן בערדעל. בײדע זענען געקלײדט אין שװאַרצע טוכענע קאַפּאָטעס אױך מיט גאַרטלען און אױף דעם קאָפּ שװאַרצע היטלען, װעלכע זענען געזעסן אױף די שפּיצן פון די יאַרמאָלקעס.

אױף די דאָזיגע פינף פּאַסאַזשירן האָבן אַלע אין װאַגאָן נישט אױפגעהערט צו קוקן. אַלע האָבן פערשטאַנען, אַז דאָ פאָהרען גוט-יודישע לײט און יעדער איז געװען ציקאַװע צו װיסן, װער און פון װאַנען זײ זענען און װאוהין פאָהרען זײ.

די צװײ יודן האָבן געדאַװענט שטעהענדיג אױף זײַערע ערטער און דער זיבעצעהניעהריגער יונגער-מאַנטשיקעל, װאָס איז געזעסן אױף דער באַנק מיט די װײבער, האָט זיך געשטעלט מיט דעם פּנים אין װינקעל און הײם געדאַװענט.

די יודענע מיט די לאַנגע אױרינגלעך האָט געהאַלטן אין די הענד עפּעס אַ ספר און געשעפּטשעט מיט די ליפּן און די צװײטע יודענע האָט געדאַװענט אױסװעניג.

אײניגע אין װאַגאָן, צװישן װעלכע עס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר קריסטען, האָבן די גאַנצע צײט נישט אױפגעהערט צו קוקן אױף די אונגעװעהנליכע פּאַסאַזשירן מיט אַ שמײכעל אױף די ליפּן, נאָר דער דרך-ארץ צום דאַװענען האָט געװירקט אױף זײ און יעדער איז זיך געגאַנגען אױף זײַן אָרט און אױפגעהערט שמײכלען, און קײנער האָט זײ נישט געשטערט דאַװענען, װי בײַ זיך אין דער הײם.

* *

*

דער צוג איז געגאַנגען מיט זײַן גאַנג, אָבגעשטעלט זיך בײַ די סטאַנציעס און פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַלע מאָל געביטען.

אין אונזער װאַגאָן האָבן זײ זיך אױך אָפט געביטען. די פריה-ערינע זענען אװעק און עס זענען צוגעקומען נײַע מיט אַנדערע טשעמאָדאַנטשיקלעך און מיט אַנדערע פּעקלעך.

פון די פריהערינע פּאַסאַזשירן זענען געבליבן די גוט-יודישע פאַמיליע, איך און נאָך אַ פּאָר קריסטען, װעלכע האָבן זיך שױן

צוגעוועהנט צו די „מאָדנע פּאַסאַזשירען" און אויפגעהערט צו קוקען אויף זיי, ווי אויף עפּעס וואונדערליכע מענשען.

פון די נייע צוגעקומע פּאַרשוינען האָבען זיך געפונען פּערשיע־דענע. איינער האָט געקוקט אויף דער „צאַדיקאָווסקער פאַמיליע" מיט אָבשיי, אַ צווייטער מיט שפּאָט, אַ דריטער מיט אַ צופריעדען געלעכטערל, וואָס ער זעהט אַזאַ „קאָמעדיע".

די גוט־יודישע פאַמיליע האָט זיך אויף קיינעם נישט אומגעקוקט. גאַנץ גרויסע וועלט מיט אַלערליי ימים און טייכען און מיט אַלערליי פיש, מיט אַלערליי מענשען, גוטע און שלעכטע, מיט קלוגע און נאַראָנים, זיי זענען אַלע זיינע — ווערען געהט עס אָן?

אָט די ווערטער, קאָן איך געהן שווערען, האָב איך דענסמאָל איבערגעלייענט אין די קלוגע אויגען פון דער יודענע מיט דעם שטערענטיכעל און מיט די לאַנגע אוירינגלעך.

דער רויטער יוד מיט דער רויטער רערוואַקסענער באָרד איז נאָך רויטער געוואָרען יעדעס מאָל, ווי ער האָט בעמערקט, ווען איינער שמייכעלט, קוקענדיג אויף זיי. און איך האָב בעמערקט, אַז נאָר די יודענעס ביזקין אויף איהם האָט איהם איינגעהאַלטען, ער זאָל נישט אַרויסשפּרינגען פון דער הויט, און מיט כעס איז ער געזעסען אויף זיין אָרט און געברומט אונטער דער נאָז.

דער יוד מיט דעם שוואַרצען ציגענעם בערדעל איז געזעסען דערשראָקען איינגעהויקערט אין דרייען און זיך אַלע מאָל אומגעקוקט, ווי איינער, וואָס האָט מורא אַ הונט זאָל איהם נישט אָנחאַפּען ביי דער פּאָלע פון זיין קאַפּאָטע.

דער יונגערמאַנטשיק איז געזעסען אויף זיין אָרט, זיך נישט גערירט מיט קיין אבר, ווי אַנ'אויסגעגאָסענע פיגור פון וואַקס. די יודענע מיט דעם זיידענעם טיכעל האָט אַלע מאָל געזיפצט, אַלע מאָל געגלאָצט מיט די אויגען אַרויף און יעדעס מאָל געוואַשען די הענד פון אַ פלאַש וואַסער, נאָר די יודענע מיט דעם שטערענטיכעל און מיט די לאַנגע אוירינגלעך איז געזעסען אויף איהר אָרט, שטאָלץ און מיט אָפענע גוטע שענע אויגען געקוקט אויף אונז אַלע.

*　　*

*

עס איז שוין געווען נאָך צוועלף ביי טאָג. די פענסטער אין וואַגאָן

ענען געווען אפען , פאר די אויגען האט אלע מאל געבליסקעוועט מיט גרינע פעלדער אדער מיט וועלדער און די נאך נישט ברענענדי-גע זון האט זיך שען געשפילט אויף דער פאדלאגע , אויף די בענק און אויף די ווענט פון וואגאן .

— וואס פאר א שענער ליכטיגער טאג האט גאט אונז היינט געשענקט !—האט די פרוי מיט דעם שטערענטיכל געזאגט די צוויי יודען , וואס זענען געזעסען אקעגען איהר .

— יא , רבי'צין , געלויבט זיין ליעבער נאמען דערפאר , האבען זיי זיך אלע אינאיינעם אנגערופען .

— שוין צייט עפעס נעהמען אין מויל ארייין , האט זי זיך אנגערופען .

דער רויטער יוד האט א רייב געטהון איין האנד אין דער צווייטער און געענטפערט :

— יא , ס'איז שוין נאך צוועלף , עס איז שוין צייט . . .

און ער מיט דעם צווייטען יודען און מיט דער יודענע מיט דעם ווייסען טיכעל האבען אנגעהויבען ארויסשלעפען קיישלעך און שע-גע רייזע-זעקלעך פון די פאלעצעס און פון אונטערען באנק .

און מען האט אנגעהויבען אויספאקעווען פאפירען , פאפירלעך , קעסטלעך , פלעשלעך און סלויעקלעך .

מען האט פון די פעקלעך און פאפירען אויס-געוויקעלט פערשיע-דענע געבעקס , פיינקוכען , קארענעם און ווייסען לעקעך , א פאר אבי-געקאכטע עופות , א פלעשעל בראנפען און א פלעשעל ווישניאק .

און די גוט-יודישע פאמיליע האט אנגעהויבען איבערבייסען , דאס הייסט , געגעסען און געטרונקען מיט גרויס אפעטיט . דער רוי-טער יוד און דער יוד מיט דעם ציגענעם בערדעל איז פון זיי נישט אבגעשטאנען און אויך די יודענע מיט דעם ווייסען טיכעל . די רבי'צין מיט דעם יונגענמאנטשיקעל האבען נאר טועם טעם געווען אביסעל פון דעם ווישניאק און פערביסען מיט א שטיקעל פיינקוכען .

אין דער צייט , וואס זיי האבען אנגעהויבען איבערבייסען , זענען אין אונזער וואגאן צוגעקומען צוויי נייע פארשוינען : אויף א קליינער סטאנציע האבען זיך אריינגעכאפט צוויי בארוועסע געזונטע שקצים אנגעטהון אין אלטע געלאטעטע פירזשאקלעך , נאר מיט פרעהליכע אהן זארגען פנים'ער .

יעדער פון זיי האט געהאלטען אין איין האנד א גרויס שטיק

פּעטען מאַלאַראָסישען קאָלבאַס און אין דער צווייטער האַנד נאָך אַ גרעסער שטיק שוואַרץ ברויט און מיט גאָר געזונטע ווייסע גלייכע ציין געגעבען אַ ביס קאָלבאַס, אַ ביס ברויט, אַ ביס ברויט, אַ ביס קאָלבאַס, נישט אויפהערענדיג בעת מעשה הויך לאַכען און זיך שטיקען פון געלעכטער.

קייענדיג און בייסענדיג דעם קאָלבאַס מיט דעם שוואַרצען ברויט, האָבען זיי אַרויסגעקוקט פון פענסטער און נאָך זייער יעדענסמאָל אַרויסשיסען אַ געלעכטער האָט אויסגעוויזען, אַז זיי זעהען דאָרטען גאָט ווייס וואָס פאַר אַ לעכערליכע זאַכען.

פּלוצים האָבען זיי זיך אומגעקעהרט מיט די פּנים׳ער אין וואַגאָן און האָבען דערזעהען די גוט-יודישע פאַמיליע, דעם יונגענמאַנטשיק מיט די לאַנגע פּאות, די רבי׳צין מיט דעם שטערענטיכעל, דעם רויטען יודען מיט דער שרעקליך פּערוואָקסענער באָרד און דעם יודען מיט דעם ציגען בערדעל.

זיי אַלע האָבען ביי די שקצים אין די אויגען אַזוי אויסגעזעהען לעכערליך, אַז זיי האָבען זיך קוים איינגעהאַלטען פון געלעכטער.

כּל-זמן די שקצים האָבען גלאַט אַזוי געלאַכט האָט מיך ווענינ גערארט און איך האָב זיך אויף זיי ווענינ אומגעקוקט, נאָר באַלד ווי זיי האָבען אָנגעהויבען לאַכען פון דער גוט-יודישער פאַמיליע האָט מיך עפּעס אָנגעהויבען פערדריסען, האָטש עס האָט מיך ווענינ גערארט די גוט-יודישע קריוודע.

איך האָב אַ גוטען יודען שוין לאַנגע יאָהרען נישט געזעהען. די לעצטע פופצעהן יאָהר בין איך בכלל געווען גאַנץ ווייט פון חסידישען לעבען און נאָך מעהר פערמיד פון גוטע יודען. איך האָב נישט נאָר פון זיי זעהר ווענינ געהאַלטען, נאָר איך בין געווען זייערער אַנ׳אָפענער געגנער. איך ווייס נישט פאַרוואָס, באַלד אָבער, ווי איך האָב דערזעהען ווי די צוויי שקצים לאַכען, שפּעטען און קרימען זיך זיי נאָך, האָט עס מיך אָנגעהויבען פערדריסען.

איך האָב אָנגעהויבען בעמערקען, ווי די גוט-יודישע פאַמיליע פיהלט אויף זיך דאָס גאַנצע געלעכטער און געשפּאָט פון די צוויי שקצים און אַז זיי עסען דעם פּיינקוכען מיט געוואַלד, ווי אַנ׳אָבקומעניש. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז זיי עסען נישט, נאָר זיי שלינגען דאָס עסען צוזאַמען מיט שטילע טרערען.

איך בין געזעסען ווי אויף שפּילקעס, איך האָב זיך אַלץ

גערִיסען פון אָרט אָנצושרייען אויף די שקצים פאר זייער אויפפיהרען זיך, אָבער איך האָב געוואַרט, אפשר וועט זיך אַן אַנדערער פריהער אָנרופען, אפשר וועט זיך איינער פון דער גוט-יודישער פאַמיליע אָנרופען, וועל איך צושטעהען, אָבער קיינער, קיינער האָט זיך נישט אָנגערופען. אַלע אין וואַגאָן האָבען געשוויגען און די, פון וועלכע זיי האָבען געלאַכט, האָבען אויך געשוויגען, און די צוויי שקצים האָבען נאָך מעהר מוט בעקומען צו לאַכען און שפעטען.

איך האָב זיך שוין עטליכע מאָל געריסען אָנשרייען אויף זיי, נאָר איך האָב זיך בעטראַכט: וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? זיי קענען נאָך מיט עזות אָנפאַלען אויף מיר, דערקענען אין מיר, אַז איך בין אויך אַ יוד, און עס קען אַרויסקומען אַ סקאַנדאַל און אפשר נאָך אַ געשלעג. וואָס קען מען ערוואַרטען פון אַזעלכע צוויי חברה-לייט? אפשר איז גלייכער אָבשווייגען, האָב איך זיך געטראַכט.

ענדליך האָב איך נישט אויסגעהאַלטען, מיין געדולד האָט אין מיר געפּלאַצט. איך האָב זיך אָנגענומען מיט האַרץ און אויף זיי אָנגעשריען, סטראַשענדיג:

— איהר וועט שווייגען אָדער נישט? וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּעטען און לאַכען פון יענעם, ווען קיינער טשעפּעט אייך נישט? אויב איהר וועט נישט אַנטשוויגען ווערען, וועל איך אויף דער ערשטער סטאַנציע הייסען דעם זשאַנדאַרם, ער זאָל אייך אַרויספיהרען פון וואַגאָן!...

צו מיין גרויס וואונדער האָט מיין סטראַשען אַזוי געווירקט אויף די צוויי חברה-לייט, אַז זיי זענען באַלד אַנטשוויגען געוואָרען און זיך רוהיג אַנידערגעזעצט אויף זייערע ערטער.

דעם גוטען ערפאָלג פון מיין אָנשרייען האָב איך צוגעשריבען נישט זיך זעלבסט, נאָר מיין נייעם העלען זומערדיגען אַנצוג און נייעם קאַפעלוש, וועלכע איך האָב איינגעהאַנדעלט אין וואַרשא, און האָב זיי איצטער געטראָגען און געבלישטשעט ווי אַ גרויסשטעדטיגער פראַנט. נאָר נאָך מעהר האָב איך צוגעשריבען דעם גרויסען דרך-ארץ, וואָס זיי האָבען פאַר מיר בעקומען, מיין גענאָלטע באָרד און בכלל „מיין גליקליך" אויסזעהען פון נישט קיין יודען, און אויך מיין רוסישער שפּראַך.

איך בין זיכער געווען, אַז פון דעסטוועגען, נישט קוקענדיג אויף מיינע אַלע נאָר וואָס אויסגערעכענטע מעלות, ווען זיי זאָלען זיך נאָר

דערוויסען, אַז איך בין אַ יוד, וואָלטען זיי מיך מיט מיין גאַנץ סטראַ-שען געהערט ווי דעם פּאַראַיאַהריגען שניי, און וואָלטען נישט נאָר אויפגעהערט צו לאַכען און שפּעטען פון דער גוט-יודישער פאַמיליע, נאָר זיי וואָלטען נאָך אָנגעפאַלען אויף מיר און אויך פון מיר געשפּאָט און געלאַכט.

אַזוי אָדער אַזוי, נאָר מיינע נייע העלע קליידער מיט מיין נישט יודישען אויסזעהען זענען מיר איצטער שטאַרק צוניץ געקומען.

די צוויי חברה-לייט האָבען אויפגעהערט צו לאַכען און שפּעטען און זענען געזעסען שטיל די גאַנצע צייט, ביז זייערע בילעטען האָבען זיך געענדיגט. אויף דער צווייטער סטאַנציע זענען זיי אַרויסגעגאַנגען פון אונזער וואַגאָן.

פון דער צייט, זינט איך האָב אָנגעשריען אויף די צוויי לאַכעני-דיגע שקצים, האָב איך בעמערקט, ווי די רבי'צין מיט איהרע בעגליי-טער און אפילו דער פערגליווערטער יונגערמאַנטשיק, וואָס איז געזע-סען נעבען איהר, האָבען פון מיר נישט אַראָבגענומען די אויגען. אי-בערהויפּט האָב איך געפיהלט אויף זיך דער רבי'צינס אויגען. זיי האָבען געקוקט אויף מיר מיט אַזוי פיעל דאַנקבאַרקייט, אַז עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, ווי זיי נעהנטערען זיך צו מיר צו אַלץ נעהנטער און נעהנטער, חאָטש די רבי'צין איז געזעסען אויף איהר אָרט.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזעהען, ווי אויגען קענען נישט נאָר קוקען, נאָר אויך רעדען. און גערעדט האָבען זיי מיט אַזוי פיעל דאַנקבאַרקייט און פריינדשאַפט, אַז נישט ווילענדיג בין איך צוגעגאַנגען צו זיי נעהנטער.

דער יוד מיט דער רויטער באָרד האָט דאָס בעמערקט. ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט און אָנוויזענדיג מיט דער האַנד אויף דער רבי'צין, האָט ער זיך צו מיר אָנגערופען אויף צובראָכען מאַלאָראָסיש.

— זי און מיר אַלע דאַנקען אייך זעהר, וואָס איהר האָט זיך אָנגענומען אויף די שקצים.

— יאָ, מיר דאַנקען אייך זעהר, האָט זיך אויך אָנגערופען אויף גוי'עש די רבי'צין אַליין, אָננעהמענדיג מיך אויך פאַר נישט קיין יודען.

דער פערגליווערטער יונגערמאַנטשיק האָט שעמענדיג אַ שאָקעל געטהון מיט דעם קאָפּ און זיינע שענע יונגע שוואַרצע אויגען האָבען אַ קוק געטהון אויף מיר מיט דאַנקבאַרקייט.

— נישטאָ פאַר וואָס, — האָב איך געענטפערט אויף יודיש.

דערהערענדיג פון מיר אַ יודיש וואָרט, האָבען זיך זייערע פנימ'ער בײַ אַלע מיט אײַנמאָל איבערגעביטען, די פריהעריגע ערענסטע, טרויעריגע, פערזאָרגטע דערשלאָגענע גלות-פנימ'ער האָבען מיט אַמאָל אויפגעשטראַהלט און לעבעדיגער געוואָרען.

די מאַנסבילען האָבען מיר אָבגעגעבען שלום-עליכם און די רבי'-צין האָט מיך געבעטען זיצען, אָנווײַזענדיג מיר דאָס אָרט קעגען איהר, וואו דער רויטער יוד איז פריהער געזעסען.

נאָכדעם ווי די רבי'צין און אַלע איהרע בעגלייטער האָבען מיר נאָך אַמאָל אָבגעדאַנקט אויף יודיש, האָט זיך אָנגעהויבען אַ לאַנגער שמועס צווישען אונז.

איך בין געווען זעהר צופריעדען, וואָס איך האָב זיך מיט זיי בעקאַנט, ווײַל די גאַנצע צײַט, זײַט איך האָב זיי דערזעהען, האָט מיך זעהר אינטערעסירט צו וויסען, ווער זענען זיי אַלע, פון וואַנען זענען זיי און וואוהין פאָהרען זיי.

דער וועג איז געווען זעהר לאַנגווײַליג און מיט דעם גרעסטען פערגעניגען האָב איך מיט זיי פאַרבראַכט.

אויף מײַנע פראַגען, פון וואַנען זענען זיי און ביז וועלכער סטאַנציע פאָהרען מיר צוזאַמען, האָט מיר די רבי'צין דערצעהלט, אַז זי איז ר' דוד'ל טאַלנער'ס טאָכטער, איהר מאַן איז געווען דער נ-ער רבי (אַ שטעדטיל אין וואָהלינער גובערניע), דער יונגערמאַנטשיק איז איהר זוהן און איז יעצט דער נ-ער רבי, די צוויי יודען זענען גבאים און די יודענע אַ גבאי'טע, און זיי פאָהרען עס איצטער אויף דעם יאָהרצײַט קײַן טאַלנע, און אַזוי ווי איך פאָהר קײַן קיעוו וועלען מיר, הײַסט עס, פאָהרען צוזאַמען ביז דער סטאַנציע קאַזאַטין.

— אַלע יאָהר, האָט זי מיר ווײַטער דערצעהלט, פאָהרען מיר זיך צוזאַמען קײַן טאַלנע אויף דעם טאַטענס יאָהרצײַט. און איהר פון וואַנען פאָהרט? — האָט זי מיך געפרעגט.

— איך פאָהר פון וואַרשא.

— זענט איהר טאַקע אַ וואַרשאַווער.

— ניין, איך בין אָפט אין וואַרשא וועגען מײַן געשעפט, אַלײן וואוין איך נעבען אָדעס, נאָר אַ געבוירענער בין איך פון שפּאָלע.

— פון שפאָלע, זאָגט איהר, זענט איהר? — האָט זי מיך פערוואונדערט געפרעגט.

— יאָ, פון שפּאָלע, וואָס איז דען?

— גאָרנישט, האָט זי געענטפערט און אַנטשוויגען געוואָרען און עפּעס משונה מיך אָנגעקוקט.

פּלוצים האָט זי זיך ווידער אָנגערופען.

— איהר זאָגט, אַז איהר זענט אַ געבוירענער אַ שפּאָלער? זענט איהר אפשר נישט ר׳ שלום פּייגעס זוהן?

איך האָב אַזש אַ ציטער געטהון, דערהערענדיג דעם דאָזיגען נאָמען.

שלום פּייגעס איז דער נאָמען פון מיין טאַטען, וועלכער איז שוין זעקס און צוואַנציג יאָהר טויט. עפּעס מעהר פון דריי יאָהר בין איך אַלט געוועזען, אַז ער איז געשטאָרבען און געדענק איהם נישט. אין שפּאָלע איז שוין, דאַכט זיך, קיינער נישט געבליבען, ווער עס זאָל מיין טאַטען געדענקען. פון מיין משפחה איז שוין לאַנג קיין איינציגער דאָרטען נישט געבליבען און איך זעלבסט בין שוין אַזוי לאַנג אָבגעריסען פון שפּאָלע, אַז עס איז מיר אינגאַנצען פרעמד די שטאָדט מיט איהרע איינוואוינער און פּלוצים פרעגט מען מיך: „צי זענט איהר אפשר נישט ר׳ שלום פּייגעס זוהן״?

— יאָ, האָב איך געענטפערט, איך בין שלום פּייגעס זוהן, איהר האָט געהערט פון איהם? ווי קומט עס? ער איז דאָך שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר טויט?

— אַזוי? זענט איהר עס טאַקע ר׳ שלום פּייגעס זוהן? גאָט׳ס נסים איז נישט איבערצוגעבען... איהר פרעגט מיך, צי איך האָב געהערט פון ר׳ שלום פּייגעס? אַ שיינע פראַגע איז דאָס! איך האָב איהם געקענט, ווען ער פלעגט נאָך מיט זיין טאַטען, דאָס הייסט מיט אייער זיידען ר׳ ישראל-חיים ע״ה, פאָהרען קיין טאַלנע צו מיין טאַטען דעם רבי׳ן.

איך האָב איבערגעלעבט גליקליכע מינוטען, הערענדיג דערצעהלען וועגען מיין טאַטען, וועלכען זי האָט געקענט און איך נישט. זי האָט געזעהען, ווי מיין טאַטע זעהט אויס; זי האָט געהערט זיין קול רעדען, זי האָט אפשר געהערט ווי ער האָט געלאַכט און ווי ער האָט געוויינט, און איך האָב מיין טאַטען קיינמאָל נישט געהערט לאַכען און וויינען, איך האָב קיינמאָל נישט געזעהען, ווי ער זעהט אויס.

די גליקליכסטע מינוטען אין מיין לעבען האָב איך איבערגעלעבט, הערענדיג די רבי׳צין דערצעהלען וועגען מיין טאַטען, און איך האָב זיך

געוואונדערט, געגאפט און ניט פערשטאנען, ווי אזוי האט זי אן מיר דערקענט, זעהענדיג מיך דאס ערשטע מאל, אז איך בין ר׳ שלום פייגעס זוהן. אמת, איך האב געזאגט, אז איך בין געבוירען אין שפא-לע, אבער איך האב נישט געזאגט ווער איך בין, איך האב נישט אנגערופען מיין טאטען, אפילו קיין איינציגען קרוב מיינעם. פון וואנען זשע האט זי געקענט וויסען?

די פראגע האט מיך נישט געלאזט רוהען און איך האב זיך נישט איינגעהאלטען און געפרעגט:

— איך מוז אייך זאגען, רבי׳צין, אז מיר וואונדערט זעהר, ווי אזוי האט איהר אן מיר דערקענט, אז איך בין ר׳ שלום-פייגעס זוהן? איך קאן דאס באין אופן נישט פערשטעהן...

די גבאים, דערהערענדיג מיין פראגע, און ווי איך וואונדער זיך אזוי, זענען עפעס מלא שמחה געווארען און שטיל געזאגט איינער דעם אנדערען: ער וואונדערט זיך, ער קאן נישט פערשטעהן — ווער פערשטעהט עס נישט, אז דאס איז א מופת, אנ׳אמת׳ער מופת...

די רבי׳צין, דערהערענדיג דאס ווארט „מופת", האט א קוק געטהון אויף זיי און זיך אנגערופען צו מיר מיט א שמייכעל:

— די גבאים זאגען, אז דאס איז א מופת. דערויף זענען זיי דאך חסידים, וואס דען זאלען זיי זאגען? א רבי׳צין קאן נישט אויפ-טהון קיין מופתים. איך וועל אייך דערצעהלען וועט איהר פערשטעהן, אז דא זענען נישטא קיין שום מופתים.

און זי האט אנגעהויבען דערצעהלען.

— אומזיסט וואונדערט איהר זיך, מען דארף אזוי גוט קענען אייער טאטען, ווי איך האב איהם געקענט, איהר דארפט וויסען, אז ער איז געווען אין מיינע יאהרען, ער איז געווען איינער פון מיין טאטענס ערשטע חסידים, פון די מקורבים, א נאהנטער מענש, א היימישער ביים רבי׳ן אין הויף. אחוץ וואס ער איז געפאהרען עטלי-כע מאל אין יאהר צום רבי׳ן, האט ער קיין איינציגען ראש-השנה נישט אויסגעפעהלט, ער זאל נישט זיין און טאלנע ביים רבי׳ן. פון שפאלע קיין טאלנע איז נישט וויים, ער פלעגט שוין ביים רבי׳ן בליי-בען ביז איבער אלע ימים טובים, ער איז געווען אנ׳אנגעזעהענער מענש און דערצו מיט א ברייטער האנד, ער האט ליעב געהאט זיך לאזען הערען און אלע האבען געוואוסט פון איהם. יעדעס מאל, ווען ער איז געקומען קיין טאלנע איז געווען א יום-טוב, מיט די שענסטע

פּעֶרד און מיט דער שענסטער קאַרעטע פלעגט ער פאָהרען צום רבי'ן.
די גבאים און אַזוי גרויסע לייט פלעגען ערוואַרטען זיין אָנקומען, גאַנץ
אָפּט, איבערהויפּט נאָך קיעווער קאָנטראַקטען, וואו ער פלעגט מאַכען
פיעל געשעפטען, פלעגט ער פון דאָרטען ברענגען פיעל מתנות דעם
רבי'ן און אַפילו זיינע קינדער. ביי מיר געפינט זיך עד היום איינינע
זיינע מתנות...

— נישטאָ היינטיגע יאָהרען, אַמאָליגע חסידים!—האָבען מיט אַ
זיפץ זיך אָנגערופען די צוויי גבאים.

— דער, וואָס האָט געזעהען אייער טאַטען — האָט די רבי'צין
ווייטער דערצעהלט, דער וועט איהם קיינמאָל נישט פערגעסען, אַ הויכער וואוקס מיט שוואַרצע אויגען, וועלכע קוקען אויף יעדען אַזוי גוט,
ווי מען קוקט אויף אייגענע ליעבע קינדער. אַן'אמת הדרת פּנים! און
אַז ער פלעגט רעדען האָט זיך געשיט פּעריל פון זיין מויל, און זיין
קול האָט זיך געהערט עפּעס אַ מין מוזיק. ווען ער האָט אָנגעהויבען
צו רעדען, פלעגט אויף זיינע ליפּען שוועבען עפּעס אַזאַ שמייכעל, וואָס
קיינער האָט עס נישט פערמאָגט.

זי איז אַנטשוויגען געוואָרען, ווי איינער, וואָס וויל איבערחאַפּען
דעם אָטעם און זיך אָברוהען פון רעדען. איהרע אויגען האָבען מאָדנע
שען געגלאַנצט, גאָרנישט פאַר איהרע יאָהרען, און איך, אונטער דעם
איינדרוק פון איהר דערצעהלען וועגען מיין טאַטען, וועלכען איך האָב
נישט געקענט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז איך הער עפּעס אַ שענע
מוזיק. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז איך הער מיין טאַטענס
קול, איך זעה זיין זיסען שמייכעל, איך זעה איהם אַלס אַ הויכען
שענעם יונגענמאַן מיט אַ פרעהליך גוט פּנים, מיט אַ האַרץ, וואָס קאָן
ליעב האָבען יעדען, מיט שוואַרצע שענע גוטע אויגען, וועלכע קוקען
אויף יעדען אַזוי ליעב און גוט.

און נאָך אַ פּאָר מינוט שווייגען האָט זי ווידער אָנגעהויבען.

— איך האָב געקענט אייער טאַטען אויך און אייערע יאָהרען,
און ווען איהר זאָלט טראָגען אַ באָרד וואָלט איך געמיינט, אַז שלום
פיינעס איז נאָך אַמאָל לעבעדיג געוואָרען, אַזוי ענהליך זענט איהר
צו איהם. ווי איין טראָפּען וואַסער זענט איהר גלייך צו אייער טאַטען
און אַז איהר האָט אָנגעהויבען רעדען צו אונז אויף יודיש און דערצו
האָט איהר געזאָגט, אַז איהר זענט אַ געבוירענער פון שפּאָלע, האָב
איך אין איין דערהערט ר' שלום פיינעס קול. איך האָב דערזעהען

זײַן שמײכעל, װען ער פלעגט אָנהױבען רעדען; הערענדיג איך רעדען װײַזט זיך מיר אױס, אַז איך לעב איבער די צײַטען צוריק מיט עט-ליכע און צװאַנציג יאָהר . . . קײן מופת איז דאָס נישט, נאָר גאָט'ס נסים זענען גרױס און אַ בשר ודם קאָן זײ נישט פערשטעהן. עס איז נישט פאַר דעם מענשענס שכל. אונזער בעגעגעניש איז דען נישט אַ גאָט-זאַך? װער קאָן עס פערשטעהן?

איך האָב געשלונגען איהר יעדעס װאָרט און בין געזעסען פערטומעלט און צומישט, װי פון גוטען שאַמפּאַנער װײַן, עס האָט זיך מיר אױסגעװיזען, װי איך לעב-איבער אַ זיסען גוטען חלום.

די גבאים האָבען צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ, געגלאָצט מיט די אױ-גען אַרױף און עפּעס װילד הנאה געהאַט, קוקענדיג אױף מיר, װי גלײך זײ זאָגען: אַ געגאָלטער, גאָר קײן יודיש פנים און פון דעסטװעגען האָט ער אַלײן געזעהען אַ גרױסען מופת.

די גבאי'טע האָט די גאַנצע צײַט געײפצט, און דער יונגערמאַנ-טשיק האָט אָנגעקװאָלען, הערענדיג דערצעהלען זײַן מוטער אַזעלכע גאָטס װאונדער און זײַן פנים האָט געשטראַהלט, װי בײַ אַ קינד, װען מען װײַזט עס זעהר טײַערע שפּיעלעכלעך אָדער װען מען דערצעהלט איהם אַ שײן מעשה'לע.

אױף דער סטאַנציע קאַזאַטין האָבען מיר זיך געזעגענט. בײַם צושײדען זיך האָב איך געפיהלט, װי עפּעס רײַסט זיך מיר אָב אין האַרצען, און אַז איך בין אַרױסגעגאַנגען פון װאַגאָן, האָב איך געפיהלט װי איך געה צוריק פון דער לויה, װאו איך האָב אױף דעם הײליגען אָרט נאָר װאָס מקבר געװען מײַן טאַטען . . .

* *

*

— פון יענער צײַט אָן, האָט דער יונגער סוחר געענדיגט זײַן ערצעהלונג, האָב איך אָנגעהױבען גלױבען אין נסים און אין מופתים. און איהר גלױבט אַודאי נישט?

— אַודאי גלױב איך נישט, האָט זיך אָנגערופען אַ סטודענט. איך געפין, אַז עס איז אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, װי די רבי'צין אַלײן האָט אײַך דערצעהלט. איהר זענט זעהר ענהליך צו אײַער פאָטער, זי האָט איהם געקענט אין אײַערע יאָהרען, איהר האָט געזאָגט, אַז איהר

זענט געבוירען אין שפּאלע, דעריבער האט זי געטראפען, אז איהר זענט ר׳ שלום פּיינעס זוהן. אמת, אז עס איז זעהר א זעלטענער צופאל, אבער א גאנץ נאטירליכע זאך.

—און דאס, וואס איך בין גראד אריין אין דעם צוג, גראד אין דעם וואגאן, וואו די רבי׳צין געפינט זיך, און גראד האבען זיך בעדארפט געפינען צווייי שקצים, וואס זאלען אזוי שפּעטען און לאכען, אז איך בין געוועזען געצוואונגען אנשרייען אויף זיי, דאס איז ביי אייך אלץ א נאטירליכע זאך? ניין, ווי איהר ווילט אייך, ביי מיר איז דאס נישט גלאט אזוי.

— פאר וואס זאל מען נישט גלויבען אין מופתים? אין היפּנאַ- טיזם מעג מען יא גלויבען, — האט דעם דאקטאר׳ס פרוי געזאגט.

— ווער גלויבט דען אין היפּנאטיזם?

— וואס? אין היפּנאטיזם גלויבט איהר אויך נישט?—האט דעם דאקטארס פרוי געפרעגט מיט הארץ.-מיט מענשען, וואס גלויבען אין גארנישט, איז נישטא פון וואס צו רעדען.

פון נטים מיט מופתים איז מען אריבער צו היפּנאטיזם, פון היפּ- נאטיזם צו חלומות, פון חלומות אויף גזלנים און פון גזלנים אויף דעם טויט. איינינגע פרויען, וועלכע האבען זיך אויך געפונען דעם אווענד, האבען די אלע מעשיות אזוי געשראקען, אז זיי האבען געזאגט, אז זיי וועלען היינטיגע נאכט נישט קענען אנטשלאפען ווערען פון שרעק.

# אַנ׳אָרים-מאָל-צײַט.

מען האָט מיך פֿערבעטען אויף אַ חתונה.

ניִשט אויף אַ האָכצײַט מיט דעקאָלטירטע דאַמען און פֿריַלײַן, פון װעלכע עס שיט זיך פודער, און מענער אין פראַקען, װײַסע האַנד-שוה, מיט אָנגעשמירטע װאָנסען, פון װעלכע עס שמעקט מיט שװאַר-צע פּאָמאַדע.

ניִשט אויף אַ האָלצײַט, װאו מען עסט פון אַ געדרוקטען צעטעל: פיש אַ-לאַ פרינץ דיע-װיאָ, בוליאָן לאַ-פּאָליום, פלייש — דיפּלאָמאַטיע, סאַלאַט — גרין-גאַל, דעסערט — פּי-פּיאָ, װײַן פון סאָבעסקעס צײַטען, ד. ה. פון אויסגעשמירטע פלעשער מיט היי-יעהריגער בלאָטע.

מען האָט מיך פֿערבעטען אויף אַ יודישע חתונה. אַ חתונה, װאו יודען און יודישע טעכטער געהען געקלײדט אין די זעלבע שבת-יום-טוב׳דיגע קלײדער, אין װעלכע זיי געהען אין שוהל אַרײַן.

אַ חתונה, װאו מען פֿערבײַסט מיט לעקעך און שטרודעל, מען עסט שבת׳דיגע פיש מיט פרישע בולקעס, גאָלדענע יויך, געפילטע הינדלעך, געבראָטענע קאַטשקעס, און װײַן טרינקט מען פון גרויסע װײַסע ליטערע פלעשער.

אַ חתונה מיט אויפרופענס, אַ פאָרשפּיעל, אַ דאַבראָניטש, אַ חתן-מאָל און מיט אַנ׳אָרים מאָלצײַט.

ר׳ יצחק-אײַזיק בערקאָװער האָט אויף אַלע זײַנע קינדערס חתונות געמאַכט אַנ׳אָרים מאָל-צײַט, און איצט אויף זײַן מיזיניקס חתונה האָט

ער אויך פערבעטען אלע אָרימע לייט פונ׳ם שטעדטיל ליפּאָוויץ צו זיך אין דאָרף אריין, וואו ער האָט אלע זיינע יאָהרען געוואוינט.

עס איז שוין דער חופה־טאָג, שוין צוויי א זייגער און די אָרימע לייט, נאָך וועלכע מען האָט נאָך אין דער־פריה געשיקט א משרת מיט דריי גרויסע וועגען, זענען נאָך נישט דאָ. קיין ליפּאָוויץ איז אינגאנ־צען פינף וויארסט. וואס קען עס זיין? אלע מחותנים און די געסט וואַרטען מיט דער חופה.

ענדליך לויפט דער משרת, רייטענדיג אויף אַנ׳אויסגעשפּאַנט פער־דיל, נאָר אָהן די אָרימע לייט.

—וואס איז? צוריק אליין? — האָט ר׳ יצחק־אייזיק געפרעגט.

— זיי ווילען נישט! — ענטפערט דער משרת.

— וואס הייסט זיי ווילען נישט? — האָבען אלע פערוואונדערט געפרעגט.

— זיי זאָגען, אז מען וועט זיי נישט טיילען יעדען בעזונדער צו קערבלעך, וועלען זיי נישט פאָהרען אויף דער חתונה.

אלע האָבען זיך צולאַכט, דער משרת האָט ווייטער דערצעהלט:

— אין ליפּאָוויץ איז היינט אויך געווען א חתונה מיט אַנ׳אָרים מאָל־צייט, האָבען זיי זיך אָנגעגעסען און אָנגעטרונקען, און איצט בונ־טעווען זיי זיך, אז מען וועט זיי נישט טיילען קיין קערבלעך ריהרען זיי זיך נישט פון אָרט. מעהר פון אלע אָרימע לייט בונטעווען דער קרומער מיט ביידע קוליעס, דער לאַנגער מקבל, פייטעל היקעוואַטע און יעקעל פאָנפאַטש; די קרימע לייט וואָלטען אפשר געפאָהרען, נאָר די לאָזען נישט. נו, האָב איך נישט געוואוסט, וואס איך זאָל טהון. איך האָב מיט זיי א גאַנצע שעה גע׳טענה׳ט און גאָרנישט אויסגעפיהרט, האָב איך אויסגעשפּאַנט א פערד און בין געלאָפען אייך פרעגען, וואס מען טהוט.

מיר אלע האָבען נישט אויפגעהערט צו לאַכען פון די אָרימע־לייט׳ס סטאַטשקע, נאָר ר׳ יצחק־אייזיק איז זעהר אין כעס געוואָרען.

— נו, און דו האָסט זיך געדונגען, זיי ווילען נישט בילינגער?

—האָט ער געפרעגט דעם משרת.

— יאָ, געדונגען זיך, זיי ווילען נישט נאָכלאָזען קיין קאָפּיקע.

— אזוי טייער איז ביי זיי די סחורה געוואָרען? — האָט ר׳ יצחק־אייזיק זיך אָנגערופען מיט א בייזען געלעכטער — פּאַרוואס־זשע

האָסטו נאָך דאָרט איבערגעלאָזט די װעגען? מיר װעלען זיך בעגעהן אָהן די שלעפּערס!

— איך װײס? איך האָב נישט געװאוסט, װאָס צו טהון. איך האָב מורא געהאַט, איהר זאָלט נישט שרײַען אויף מיר. איך װעל איצט לױפען ברענגען די װעגען.

— װאַרט אוים, לױף נישט! האָב צײַט אַביסעל...

ר' יצחק-אײַזיק האָט אָנגעהױבען טענה'נען מיט די געסט און מיט זיך אַלײן.

— װאָס הײסט עס? װאו איז דאָס געהערט געװאָרען? אָרימע לײַט זאָלען מיר זאָגען אַ דעה, זיך דינגען מיט מיר דערפאַר, װאָס איך װיל, זײ זאָלען עסען אַ גוטען מיטאָג און געבען יעדען אַ שענע נדבה, צו קערבלעך זאָל איך זײ געבען, װען נישט בעשטעהען זײ נישט, חאַ, חאַ! און אַז איך װעל זײ טײלען צו צװײ גילדען לױנט זײ נישט? עס קאָסט זײ טײַער אין קראָם אַרײַן? — אַזאַ עזות פון אָרי-מע לײַט! חאַפּט זײ דער װאַטעמאַכער, איך װעל זיך בעגעהן אָהן זײ.

— כלי-זמר, שפּילט! װאו איז דער שמש? מען קען שוין בעזעצען די כלה.

נאָר באַלד האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

— װאַרט נאָך אוים אַביסעל, עס איז נאָך פריה... פאַר װאָס קומט עס מיר, מען זאָל מיר פערשטערען מײַן שמחה? שוין-זשע זאָל איך חתונה מאַכען מײַן מוזיניק אָהן אַנ'אָרים מאַלצײַט? איך װאָלט זײ געטײלט צו האַלבע קערבלעך, עס געהט מיר נישט אין געלד, נאָר װאָס הײסט דינגען זיך מיט מיר? נו מילא, איך האָב מײַנס געטהון, זײ װילען נישט — דאַרף מען נישט, זײ װעלען שפּעטער חרטה האָ-בען; נישט אַלע טעג טרעפט זיך פאַר זײ אַזױנע חתונות, מיר װעלען זיך בעגעהן אָהן זײ.

— נו, מען קען שוין בעזעצען די כלה? — איז צוגעגאַנגען דער שמש און געפרעגט בײַ איהם.

— מען קען שוין... נײן, מען זאָל נאָך אַביסעל װאַרטען...

כמעט אַלע געסט האָבען מיט כעס געשריגען, אַז מען זאָל זיך בעגעהן אָהן די שלעפּערס.

ר' יצחק-אײַזיק'ס פּנים האָט זיך פּלוצים איבערגעביטען, דער כעס איז אַראָב און ער האָט זיך געװענדעט מיט אַ בקשה צו מיר און צו

נאָך אַ פּאָר פריַינד פון זײַנע געסט, מיר זאָלען פאָהרען אין שטעדטיל איבערדעדען מיט די אָרימע לײַט.

— ער האָט קײן שכל נישט, מען קען זיך אויף איהם נישט פערלאָזען — האָט ער אָנגעוויזען אויף דעם משרת.

מען האָט געשפּאַנט אַ פערד און וועגעל און מיר זענען אַוועק־געפאָהרען. דער משרת איז אויך מיט דעם אויסגעשפּאַנטען פערדיל אונז נאָכגעלאָפען.

— אַ בונט—אַ שטרײַק פון אָרימע לײַט, ווי געפעלט עס אײַך? האָבען מיר דעם גאַנצען וועג גערעדט צווישען זיך — איך האָב גע־הערט אַ בונט פון אַרבײטער, זיי ווילען נישט אַרבײטען, מען זאָל זיי צאָהלען טײַערער, און דעסגלײַכען, אָבער אַ שטרײַק, אַ סטאַטשקע פון אָרימע לײַט — אָרימע לײַט זאָלען וועלען העכערען דעם פּרײַז פון דער נדבה פאַר אַנ׳אומזיסטיגען מיטאָג, דאָס האָב איך נישט גע־הערט.

אין צוואַנציג מינוט זענען מיר שוין אַרײַנגעפאָהרען אין שטעד־טיל.

אין מיטען שטעדטיל אויף דעם מאַרק־פּלאַץ זענען געשטאַנען דרײַ גרויסע פויערשע וועגען אָנגעפּאַקט מיט פרישע שטרוי. די קלײַ־נע פערדלעך, שטעהענדיג אויסגעשפּאַנט, האָבען געגעסען פון די טאָר־בעס; אַרום די וועגענס זענען געשטאַנען אַ הונדערט אָרימע לײַט, שטומע, הינקעדיגע, דאָס מעהר בלינדע, און כמעט אַ האַלב שטעדטיל ווײַסע חברה מיט אַזוי לײדיגגעהער.

אַלע האָבען ווילד געשריגען און גע׳רעש׳ט.

דער קרומער איז געזעסען אויף דער פוהר און געקלאַפּט מיט די קוליעס אין וואָגען; דער לאַנגער מקבל מיט אַ רויטען פּלאַסטער אויף דעם האַלז איז געשטאַנען נעבען קרומען.

די בײדע הויפּט־בונטאָװשטשיקעס האָבען גערעדט צום פאָלק — צו די אביונים.

— חאַ, חאַ! — האָט דער לאַנגער מקבל געשריגען, ווי ער האָט אונז מיט דעם משרת דערזעהען—זײ פאָהרען אונז שוין בעטען.

— בעטען! האָט דער קרומער געזאָגט און אַ קלאַפּ געטהון מיט די קוליעס.

— פאַרוואָס פאָהרט איהר נישט אויף דער חתונה? אויף דער סעודה? — האָבען מיר געפרעגט — נדבות וועט מען יעדען געבען.

— וויפיעל? — האבען אלע געפרעגט.

— מיר ווייסען נישט. וויפיעל מען וועט אייך געבען, אזוי פיעל וועט איהר נעהמען.

— צו קערבלעך וועט מען אונז געבען? אז נישט פאהרען מיר נישט.

—וועט זיין א לאך אין הימעל, אז איהר וועט נישט פאהרען— האבען זיך אנגערופען אייניגע פון די חייסע חברה.

די ארימע לייט האבען זיך געווארפען אויף זיי מיט די שטעקענס. עס איז געווארען א שטיקעל געפילדער.

דער לאנגער מקבל האט זיך שטעהענדיג אויף דער פוהר אויסגעצויגען אזוי גרויס, ווי ער איז, און אנגעהויבען שרייען:

— שאט, שאט, שאא! שטילער, וויסטע קאליקעס! מען הערט נישט, וואס מע רעדט, לאז מען הערען וואס מענשען רעדען! — און זיך געווענדט צו אונז מיט די ווערטער:

— איהר זאלט וויסען, ליבע יודען, אז מען וועט אונז נישט טיילען קערבלעך וועלען מיר זיך נישט ריהרען פון ארט. נישקשה, ר' יצחק-אייזיק וועט אהן אונז נישט חתונה מאכען זיין מוזינקע, און וואו וועט ער קריגען איצטער אנדערע ארימע לייט? פאהרען קיין לוגעץ, וועט איהם קאסטען טייערער פוהרען דינגען, און ער וועט מוזען אבלעגען די חופה.

—וואס מיינט איהר, אז מיר זענען ארימע לייט קען מען שוין טהון מיט אונז, וואס מען וויל? — האט זיך ארויפגעחאפט אויף דעם ראד פון וואגען א נייער בונטאוושטשיק, א בלינדער אויף איין אויג און מיט א שמאטע אונטערגעבונדען די ציין, — קיינער קען אונז נישט נויטען, מיר זאלען פאהרען, אפילו דער פאליצמייסטער און דער גובערנאטאר קענען אינז גאר נישט טהון — צו קערבלעך, אז נישט דארף מען נישט.

— ק-קע-קערבלעך! — האט זיך אנגערופען א היקעוואטע אביון.

— ניעגבליך! — האט געשריגען א פאנפאוואטע.

—א קארבוין! א קארבאהענעץ! — האבען אונטערגעטאנצט צוויי פרעהליכע קבצנים.

—קערבלעך! קערבלעך!—האבען געשריגען אלע ארימע לייט.

אין זייער שרייען, אין זייער רעדען איז געלעגען אזוי פיעל כעס און נצחון, אז זיי האבען, דאכט זיך, איצט אויסגעגאסען זייער גאנצע

בּיטערע גאָל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבּען אין זייער טרויעריג, אומ-גליקליך פערבּיטערט לעבּען.

זייער גאַנץ לעבּען האָבּען זיי געשוויגען, געמוזט שווייגען, גע-מוזט אָראָבּשלינגען אַלע בּעלײדיגונגען פון יעדען, וואָס האָט זיי אַ גראָשען געגעבּען אָדער אַ שטיקעל בּרויט מיט אַן׳אָבּגעגריזעטען בּיין געוואָרפען. איצט האָבּען זיי דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבּען גע-האָט דאָס פערגעניגען אויסגיסען זייער גאָל. זיי האָבּען איצטער גע-האָט דאָס זעלבּע פערגעניגען, וואָס די זאַטע, ווער שמועסט די רייַ-כע פון גרויס יאָוילטאָג, גיסען אויס יעדען טאָג די גאָל אויף זייערע דינסטען און משרתים און מען רופט דאָס אָן „גבירישע קאַפּריזען". אין דעם וואָרט „קערבּעל" האָבּען זיי דאָס ערשטע מאָל זיך אויסגע-רעדט זייער אייביג פערבּיטערט, פול מיט פעררדראָס, אביוניש הארץ. דאָס ערשטע מאָל האָבּען זיי געפיהלט, אַז די זאַטע גליקליכע מענ-שען דאַרפען צו זיי אויך אַמאָל אָנקומען, און זיי וועלען אויספיהרען, זיי וועלען מנצח זיין.

און טאַקע אַזוי טענה׳נדיג מיט זיי איז אָנגעקומען אַ נייַער שליח פון ר׳ יצחק-אייזיק׳ן, אַז די אָרימע לייט זאָלען בּאַלד קומען, מען וועט זיי טיילען צו קערבּלער.

עס איז געוואָרען אַ גערויש, אַ געפּילדער. די דריי וועגען האָבּען זיך אָנגעפילט מיט קבּצנים. דער האָט געשריגען: מיין קראַנ-קע האַנד, דער: מיין פוס, און דער: אוי, מיינע צעבּראָכענע בּיי-נער! פרעהליכע קבּצנים, זיצענדיג אין וואָגען, האָבּען אונטערגע-טאַנצט און אונטערגעזונגען. די פעררדלעך האָט מען דערווייל איינגע-שפּאַנט און פרעהליך לעבּעדיג האָט מען אָנגעהויבּען פאָהרען. ווייַסע חברה האָבּען זיי בּעגלייט מיט אַ גרויסען „הורראַ" און נאָכגעוואָרפען שטיינדלעך מיט אַ געקוויטשעריי און אַ געפייפעריי.

די אָרימע לייט האָט זיך, דאַכט זיך, אויסגעוויזען, אַז מע בּע-וואַרפט זיי מיט בּלומען און בּעגלייט זיי מיט מוזיק — אַזוי גליקליך האָבּען זיי זיך איצט געפיהלט פון זייער נצחון.

דאָס ערשטע מאָל און אפשר דאָס לעצטע מאָל אין זייער לע-בּען האָבּען זיי הייַנט גערעדט מיט אַ הויך קול און אויסגעפיהרט, וואָס זיי האָבּען געוואָלט.

*       *

*

נאָך דער חופה, נאָך דער גילדענער יויך, ד. ה. צו דער „וועטשערע”, האָט מען געגרייט טישען פאַר די געסט און אויך באַזונדערע טישען פאַר די אָרימע לייט.

ר' יצחק־אייזיק מיט זיינע נאָהנטע הויז־מענשען האָבען בעדיענט די אָרימע לייט, געבעטען זיי עסען און טרינקען.

— לחיים, ר' יצחק־אייזיק! איהר זאָלט האָבען נחת פון אייערע קינדער און זיין אַ גרויסער גביר — האָבען די אָרימע לייט געוואונשען.

— לחיים, לחיים, יודען! טרינקט געזונד, גאָט זאָל העלפען כלל ישראל און אייך אויך צווישען זיי — האָט ר' יצחק־אייזיק זיי געענטפערט.

נאָך דער וועטשערע האָבען די כלי־זמר געשפּיעלט, און די אָרימע לייט מיט ר' יצחק־אייזיק'ן האָבען געטאַנצט אַ ראָד מיט אַ „פרעהליכם”.

דאָ איז שוין צו ר' יצחק־אייזיק'ס גליק קיין גלייכען געוועזען. ער האָט געטאַנצט אין מיטען ראָד, די זיידענע פּאָלעס פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע זענען געפלויגען, ווי צוויי פליגעל פון אַ אָדלער; די אויגען, פון וועלכע עס האָט זיך געגאָסען טרערען פון פרייד, פערגלאָצט אַרויף, און זיינע געדאַנקען זענען געפלויגען נאָך העכער פון „זיבעטען הימעל”. ער האָט געלאַכט און געוויינט, ווי אַ קליין קינד, זיך אַלע מאָל אַרומגעהמענדיג מיט די אָרימע לייט, זיי געהאַלזט און געקושט.

— ברידער! — האָט ער געשריגען טאַנצענדיג — לאָמיר זיין פרעהליך! לאָמיר זיין יודען! כלי־זמרים! שפּיעלט אַ פרעהליכס! פרעהליכער, לעבעדיגער, שטאַרקער, יודען!...

— אָט אַזוי איז אַ יוד פרעהליך.

— אָט אַזוי מאַכט אַ יוד חתונה.

האָבען די אָרימע לייט און די געסט צוגעפּליעסקעט מיט די הענד נאָך דעם טאַקט פון די כלי־זמר'ס פרעהליכס.

אויף אַ יודישער חתונה, ליעבע לעזער, בין איך געוועזען.

# יאָסעל אַרענדאַר.

דאָס דאָרף קאַווקאַ געפינט זיך אויף איינע פון די ווייַלע און נאָט-געבענשטע וואָהלינער פעלדער.

ווען מען פאָהרט מיט דעם שליאַך, וואָס פיהרט קיין קאַווקאַ, קוקט אַרויס פון איין זייט אַ בערעזעזע וואַלד מיט ווייסע זילבער-קאָרע אויף די בוימער, און אום זומער-צייט, ווען די זון שטעהט הויך, זעהען אויס די בלעטער ווי פון גאָלד געמאַכט, פון דער צווייטער זייט שליאַך ציהען זיך ווייט-ווייט פערזייטע פיעל-פאַרביגע שפּראָצענ-דע פעלדער.

וואָס נעהנטער צום דאָרף פאַלט דער שליאַך צוביסלעך אַריין אין אַ טאָל פערוואַקסען פון ביידע זייטען.

און מען פאָהרט אַזוי לאַנג מיט דעם שליאַך, ביז מען פאָהרט אַרויף אויף אַ ווייך בריקעל אויסגעבעט פון קלעצער, וואָס זענען בע-דעקט מיט אָבגעריסענע צווייַגען און מיט בלעטער.

דאָ לויפט אַ טייַכעל און אין דער גאַנצער געגענד פון די נאָהנ-טע דערפער און שטעדטלעך ווייסען אַלע. אַז דאָס טייַכעל האַלט פון לאַנגע יאָהרען אין אַרענדע יאָסעל דאַשעק.

אָפט ווען מען פאָהרט אויף דעם בריקעל, זעהט מען יאָסלען מיט פערקאַטשעטע פאָלעס בייַם ברעג, אָדער אויף אַ שיפעל אין מיטען טייַך, אַ „ווענטקע" אין די הענד, און האַפּט פיש, וועלכע ער פערקויפט לכבוד שבת אין דעם נאָהנטען שטעדטיל.

זומער און ווינטער האַפּט דאָ יאָסעל פיש. זומער צייט אויף א שיפעל מיט „נעוואָדעס” און ווינטער־צייט, שטעהט ער אויף דעם אייז געבען אַן׳אויסגעהאַקטער „פּאָלאַנקאָ” מיט אַ „ווענטקע”.

אויך איצטער שטעהט יאָסעל מיט פערקאַטשעטע אַרבעל און פּאָלעס און וואַרט ביי דער „פּאָלאַנקע” ביז די ווענטקע וועט זיך אָנפילען...

אין דרויסען איז נישט זעהר קאַלט. דער הימעל איז לויטער, די זון שיינט און דער לויטערער ריינער אייז פון טייך שפּיגעלט זיך אויף דער זון, ווי ריינער קריסטאַל. די לופט איז געזונט און ריין און עס אָטעמט זיך מחיה׳דיג.

יאָסעל דערפיהלט, ווי די ווענטקע ריהרט זיך און ווערט שווערליך. ער שלעפּט אַרויס די ווענטקע און אין אַ קויש, וואָס שטעהט נעבען איהם, שיט ער אויס קליינע קאַרישלעך און קאַרפּעלעך. געשווינד לאָזט ער צוריק אַראָב די ווענטקע און גיט אַ לויב דעם, וואָס לעבט אייביג, וואָס ער האָט אומזיסט נישט אַרויסגעצויגען... אַז גאָט וועט געבען, ווען ער וועט נאָך אַמאָל אַזוי אַרויסציהען, וועט ער האָבען אויף שבת און די גאַנצע וואָך צולעבען און אויך אַוועקלעגען אַ פּאָר גילדען אויף דער אַרענדע — זאָל נאָר גאָט געבען, ער זאָל נישט אומזיסט אַרויסציהען...

ליעב איז דאָס טייכעל יאָסלען. סיי זומער אין שיפעל, סיי ווינטער אויף דעם אייז האָט ער דאָ ליעב צו שטעהן. קיין לופט שמעקט איהם נישט אַזוי גוט ווי די טייך־לופט, צו וועלכער ער איז שוין אַזוי פיעל יאָהרען צוגעוועהנט, און יאָהרען־לאַנג ציהט ער פון טייכעל זיין פּרנסה, נאָך פאַר דעם אַלטען פּריץ האָט ער געהאַלטען דאָס טייכעל און אויך איצטער.

וויפיעל מאָל איז שוין דאָס טייכעל געשטאַנען אין געפאַהר, וויפיעל מאָל האָט מען שוין ביי איהם דאָס טייכעל געוואָלט אויסדינגען, נאָר גאָט האָט געהאָלפען און עס איז ביי איהם ווידער געבליבען.

און יעדעס מאָל, שטעהענדיג מיט זיין ווענטקע אויף דעם טייך און בעטראַכטענדיג גאָט׳ס שענע וועלט מיט די בערג, טאָלען, וועלדער און פעלדער, וואָס רינגלען איהם אַרום, און דעם גרויסען פרייען הימעל איבער איהם — פלעגט ער לויבען זיין ליעבען נאָמען, וואָס אין דיזער גרויסער וועלט פערגעסט ער אויך נישט אָן יאָסלען מיט

זײַן װײַב און קינדער און זאָרגט, אז אין טײַכעל זאָל שטענדיג זײַן פיש, װעלכע שװימען גלײַך צו איהם אין דער װענטקע, װי גלײַך זײ זאָגען און בעטען זיך:

— נעהם אונז, האָב אונז, יאָסעל, און האָב אויף שבת און אויף דער גאַנצער װאָך פרנסה און אויף דער אַרענדע זאָל דיר אויך עפּעס בלײַבען.

און יאָסעל האַפּט פּיש און לױבט זײַן ליעבען נאָמען, װי אַ'ערה־ליכער יוד.

ערשט פאַר־אַ־יאָהרען האָט יאָסעל געהאַט גרויסע צרות איבער זײַן טײַכעל:

עפּעס אַ גוי פון דאָרף, האָט געשריבען אין גובערני'ע אַ מסירה אויף יאָסלען, אז איבער דעם זשיד — דעם אַרענדאַטאָר פון טײַך — װערט אויסגעטריקענט דאָס װאַסער, די דאָרפישע בהמות און פערד װעלען שוין באַלד ניט האָבען, װאָס צו טרינקען, און װען עס זאָל פאָרקומען אַ שרפה אין דאָרף, װעט ניט זײַן, מיט װאָס צו לעשען און דאָס גאַנצע דאָרף װעט פערברענט װערען און פערוואָרעמט װערען איבער דעם זשיד — דעם אַרענדאַטאָר פון טײַך.

פון גובערניע האָט מען װעגען דער מסירה אַראָבגעשיקט אַ ספּעציעלען טשינאָװניק, מען זאָל אויף דעם אָרט אויספאָרשען די זאַך.

װען דער טשינאָװניק מיט דעם איספּראַװניק מיט דער גאַנצער אויעזדנע נאַטשאַלסטװע זענען געקומען, האָבען זײ צוזאַמענגערופען דאָס גאַנצע דאָרף פויערן מיט דעם אַלטען סאָטסקי חװעדיאַ.

— בײַ אײַך האַלט אין אַרענדע דעם טײַך דער יוד יאָסעל דאַשעק?

— טאַטשנע טאַק! האָבען די פויערים מיט חװעדיען געענטפערט.

— דער טײַך טריקענט בײַ אײַך

— ניין.

— אײַערע בהמות און פערד האָבען גענוג צו טרינקען?

— גענוג, איבערגענוג, עס בלײַבט נאָך יעדעס מאָל גענוג װאַסער און יעדען פאַר פסח װערט דאָס דאָרף שיער ניט פערטרונקען פון װאַסער, װאָס געהט אַרױס פון די ברעגען.

— לײַדט אײַער דאָרף גאָר ניט פון יודישען אַרענדאַטאָר יאָסעל דאַשעק?

— ניין, ער חאַפּט פּיש און צאָהלט פּינקטליך אַרענדע.

גאַנץ נאַטשאַלסטוואָ זענען אַוועקגעפאָהרען און יאָסעל האָט וויעדער געחאַפּט פּיש — עד היום הזה.

די פּאַלשע מסירה האָט זיך אויסגעלאָזט מיט די אומזיסטיגע טויט־שרעק פאר יאָסלען, נאָר געלויבט גאָט, יאָסעל איז שוין צו די שרעק געוועהנט געוואָרען, אבי עס האָט זיך געענדיגט בשלום.

* *

*

און וויעדער איז ווינטער, יאָסעל שטעהט מיט פּערקאַטשעטע אַרבעל און פּאַלעס ביי דער אויסגעהאַקטער פּאָלאָנקא אויף רעם אייז פון טייך און קוקט ווי אין זיין ווענטקע ריהרען זיך וואָס מעהר פּיש.

פּלוצים זעהט ער ווי פון באַרג אַראָב לאָזט זיך צו איהם אויף דעם טייך דער אַלטער סטאַרשינאַ חוועדיאַ.

יאָסעל שמייכעלט צו איהם פון דערוויטענס, ווייל אָפּט קומט ער אהער נעהמען עטליכע פּישלעך אויף מיטאָג קאַכען.

אַלטע גוטע פריינד זענען פון תמיד אָן חוועדיאַ מיט יאָסלען.

— אַ גוט מאָרגען, יאָסעל!

— אַ גוט יאָהר, חוועדיאַ! אודאי נאָך אַ פּאָר פּישלעך אויף מיטאָג. באַלד שלעפּ איך אַרויס די ווענטקע...

— אוי, ניין — אַ פּאַפּיער האָב איך צו דיר.

— אַ פּאַפּיער? וואָס פאַר אַ פּאַפּיער, איך האָב שוין מעהר נישט קיין זיהן, וואָס דאַרפען זיך שטעלען צום פּריזיוו.

— ניין, נישט דאָס, זאָגט חוועדיאַ און נעהמט אַרויס דאָס פּאַפּיער און לייענט:

אַזוי ווי אַ טייך איז נישט קיין ריהרעוודיגע זאַך, און אַזוי ווי אַ יוד טאָר נישט אַרענדירען אין די דערפער קיין נישט ריהרעוודיגע זאַך, דעריבער, יאָסקע, איז דער טייך מעהר נישט דיינער און טאָרסט מעהר נישט חאַפּען קיין פּיש.

יאָסעל, נישט פערשטעהענדיג, וואָס חוועדיאַ רעדט, הויבט איהם אָן אויסצופרעגען:

— דו פערשטעהסט, וואָס דו רעדסט? איך פערשטעה נישט.

חוועדיאַ לײגט װידער דאָס פּאַפּיר, און רופט זיך אָן.

— וואָס פערשטעהסטו נישט? מען האָט פּריקאַזעוועט, אַז אַ טײַך איז נישט קײן ריהרעוודיגע זאַך.

— וואָס הײסט מײַן טײַך איז נישט ריהרעוודיג? אָט קוק אַרײַן אין דער פּאָלאַנקאַ, זעהסט, ווי דאָס וואַסער לויפט און געהט און רוהט נישט אויף אײן אָרט.

— איך זעה.

— נו, און פאַר פּסח לויפט זיך מײַן טײַך מיט אַזאַ אימפּעט, אַז פּאָטשט וועט אַזוי נישט לויפען. עס טראָגט אַראָב הײַזלעך מיט געהילץ פון ברעג, אַז מען קען עס נישט חאַפּען, ווי אַזוי־זשע קען מען זאָגען, אַז מײַן טײַך איז נישט קײן ריהרעוודיגע זאַך? אפשר מײנט מען נישט מײַן טײַך נאָר עפּעס אַ סאַזשעווקע, אַ שטעהענדיג וואַסער, וואו קײן פיש קענען זיך נישט האַלטען?

— נײן, מען מײנט בפירוש דײַן טײַך.

— ווי אַזוי־זשע קען מען מײנען, אַז דו ווײסט אלײן, אַז מײַן טײַך איז ריהרעוודיג?

— איך ווײס נאָר, אַז מען האָט פּריקאַזעוועט, אַז אַ טײַך איז נישט ריהרעוודיג, דאַרף זײַן נישט ריהרעוודיג.

— אפשר מײנט מען, פעהלט אײן יאָסלען, נישט דעם טײַך, נאָר צו די פיש זענען נישט קײן ריהרעוודיגע זאַך?

— אפשר! ציהט חוועדיאַ מיט די פּלײצעס.

— אפשר, זאָגסטו, און יאָסעל שלעפּט אַרויס די ווענטקע און אין קויש שיט ער אַרויס די פיש, וועלכע וואַרפען זיך און פּאַטשען מיט די עקען.

— ווי אַזוי קענסטו זאָגען, אַז פיש זענען נישט ריהרעוודיג, אָט נאַ זעה, ווי זײ וואַרפען זיך פון אײן אָרט אויף דעם אַנדערען.

— מײנט מען, אַ פּנים, טאַקע דעם טײַך.

— סטײַטש דער טײַך געהט זיך און לויפט?

חוועדיאַ טהוט זיך אַ קראַץ און זאָגט:

— איך ווײס גאָרנישט, מען האָט פּריקאַזעוועט, אַז אַ טײַך צוזאַמען מיט פיש זענען נישט קײן ריהרעוודיגע זאַכען, דאַרפען זײ בלײַבען נישט ריהרעוודיג.

— אָבער פיש מעג איך חאַפּען?

— מען זאָגט זיך דיר, אַז נײן.

— זעהסטו, חוועדקע, דאס וואָס מען האט פּריקאזעוועט, אז א טייך מיט פיש זאָלען זיין נישט ריהרעווּדיגע זאַכען, ארט מיך ווענינ — זאָל זיין נישט ריהרעווּדיג. נאָר אָט דאָס, וואָס איך טאָר נישט חאַפּען קיין פיש איז שלעכט, זעהר שלעכט, איך בלייב מיט ווייב און קינדער אָהן פרנסה.

חוועדיאַ טהוט א זיפץ.

— און צו וואָס, פרעג איך דיך, חוועדיאַ, דו ביזט זיך א קלוּגער גוֹי, צו וואָס האָסטו מיר בעדאַרפט לייענען פריהער די גאַנצע מגילה מיט ריהרעווּדיג און נישט ריהרעווּדיג, האָסט בעדאַרפט זאָגען: „גיעלזאַ יאָסקע חאַפּאַט”, וואָלט איך פערשטאַנען און שוין. צו וואָס נאָך דערצו א גאַנצע מגילה?

# אַ דאַנק.

(עפּיזאָד).

---

## I.

איך גיה און שפּאַציר לאַנגזאַם אויף דעם טראָטואַר. עס איז אַ זעלטענער שיינער טאָג, די גרויסע גלאָז־ווענט פון די מאַגאַזינען מיט זייערע אויסשטעלונגען שפּיגלען און גילדען זיך פון דער זון, וועלכע שטעהט איצטער הויך און בענייסט מיט איהרע שטראַהלען די גאַס.

דאָס וועטער איז נישט הייס, נאָר אַנגענעהם וואַרימלעך און עס אָטעמט זיך גרינג.

דאָס אַלעס ברענגט מיך אין אַ גוטער שטימונג. מיינע צוריצטע נערווען פון דעם גרויסשטעדטישען לעבען בערוהיגען זיך און איך שפּאַציר איבער דעם טראָטואַר לאַנגזאַם. איך בין איצטיגס מאָל צופרידען פון דעם שפּאַצירען, איך בין צופרידען מיט אַלע מענשען

און מיט דער גאנצער שענער וועלט און מיר דאכט זיך, אז די אלע מענשען, וואס געהען איצטער אויף דער גאס הין און צוריק זענען אויך צופרידען.

פלוצים דערהער איך א געשריי און דערזעה, ווי מען לויפט. איינער לויפט פריהער און נאך איהם א סטרוזש מיט א בעזים אין האנד, נאכ'ן סטרוזש — עטליכע מענשען און א סך יונגלעך. צווישען זיי לויפט פערסאפעט און פערפלאמט א פרוי — א קרעמערין אין פער־שמאלצעוועטע קליידער און אלע שרייען אויף פערשידענע לשונות:

— לאפאטש!

— לאוויטיע!

— האפט א גנב!

די נאכלויפער שרייען, די יונגלעך לויפען מיט שמחה און פייפען און קוויטשען פונקט ווי אויף א יאגד, ווען די יעגער מיט א האפטע הינט לויפען נאך עפעס א חיה.

איך זעה, אז דער, וועלכען מען לויפט נאך, דערנעהנטערט זיך אלץ אין מיין זייט טראטואר, וואו איך שפאציער; וואס ווייטער זעה איך אלץ דייטליכער זיין פערשוויצט, פערקרימט, פעריסורים'ט געזיכט, וואס ווייטער זעה איך, ווי ער כאפט קוים דעם אטעם, נאר ער לויפט אלץ גיכער מיט זיינע לעצטע קרעפטען און עס קומט מיר אויף די געדאנקען: איך ברויך איהם נאר לויפען אנטקעגען און אויס־שטרעקען די הענד, וועל איך איהם האפען.

און אזוי טראכטענדיג, דערזעה איך אויף איין מאמענט, ווי ער איז נעבען מיר און צוויי גרויסע דערשראקענע, גלאנצענדיגע פון שטעהענדיגע טרערען, אויגען, קוקען אויף מיר מיט אזוי פיעל געבעט און תחנונים, אז מיין הארץ איז פול געווארען מיט רחמנות צו איהם.

איין מאמענט האט אינגאנצען געדויערט דאס געבעט־קוקען מיט זיינע אויגען אויף מיר, דאך איז דאס פאר מיר געווען אנ'אייביגקייט און איך האב געפיהלט, ווי מיין הארץ ווערט דערטרונקען אין זיינע אויגען, ווי אין א ים מיט טרערען.

אזעלכע בעטענדיגע אויגען האב איך נאר געזעהן יום־כפור אין שוהל צו נעילה, ווען א פרומער בלאסער יונגערמאן אין טלית שטעהט מיט פערגלאצטע אויגען ביי דער תפלה צו דעם, וואס לעבט אייביג.

איך בין געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט. מיינע הענד האבען

זיך אראָבגעלאָזט, ער איז פאר מיר פארביי־געלאָפען און נאָך שטאר־קער האָבען זיך געהערט געבען מיינע אויערען: „לאפּאַטוז”! „לאָווּיטיע”! חאַפּט א גנב! און דאָס רילצען און דאָס שרייען און דאָס פייפען פון די לויפענדע שפּרינגענדע יונגלעך, וועלכע זענען ווי יאגד־הינטלעך גע־לאָפען מיט זייערע קליינע פּיסלעך נאָך די גרויסע מיט זייערע לאַנגע פּיס.

ווי א פערטומעלטער בין איך געבליבען שטעהן אויף דעם טראָ־טואר און חאָטש ער איז שוין געווען וויים פון מיר — האָב איך ארום מיר גאָר נישט געזעהן, נאָר זיינע גרויסע, גלאַנצענדיגע, בעטענדיגע אויגען, וועלכע האָבען ארויסגעקוקט פון א געזיכט פול מיט שרעק און יסורים.

און טעג און וואָכען זענען אוועק און זיינע אויגען האָב איך אלץ נישט פערגעסען און זיי האָבען מיך טאָג און נאַכט א לאַנגע צייט פערפאָלגט. עפּעס האָט אין מיר מיין געוויסען גערעדט, אַז איך האָב גאָר נישט געטהון פון זיינעט וועגען. ער האָט זיך מיט זיינע אונשולדיגע אויגען אַזוי געבעטען וועגען רחמנות און איך, איך האָב אויף זיין רחמים בעטען גאָרנישט געענטפערט, און נאָך דעם בין איך ווייטער רוהיג געגאַנגען שפּאַציערען.

וואָס אייגענטליך האָב איך בעדאַרפט טהון פאר דעם אומגליק־ליכען, וואָס האָט אַזוי מיט זיינע אויגען געבעטען — האָב איך אליין נישט געוואוסט, נאָר איך האָב זיך די זאַך נישט געקענט מוחל זיין און עס איז מיר געלעגען א צייט אויף דעם געוויסען; און ווען איך בין דערנאָך געגאַנגען אין גאַס, האָב איך יעדעס מאָל געזוכט מיט די אויגען, אפשר וועל איך זיי בעגעגענען און מיט עפּעס אָברייניגען מיין געוויסען, נאָר איך האָב זיי מעהר נישט בעגעגענט.

נישטאָ אָבער אַזאַ זאַך, אַן וואָס מען פערגעסט נישט.
איך האָב אָן די בעטענדיגע אויגען אויך פערגעסען.

---

## II.

עס איז ווידער געווען א שענער טאָג. די זון האָט ליעבליך גע־

שײַנט, די לופט האָט זיך גרינג געאָטעמט און איך בין ווידער געגאַנגען שפּאַצירען אויף דעם טראָטואַר און ווידער בין איך געווען אין אַ גוטער שטימונג וועגען גאָטס שײנער וועלט און וועגען די מענשען, וואָס זענען געגאַנגען הין און צוריק.

פּלוצים דערזעה איך, ווי אײנער געהט געגען מיר, בויגט זיך אײַן, כאַפּט מײַן האַנד, קושט זי און שעפּטשעט עפּעס מיט די ליפּען ...

דערשראָקען כאַפּ איך אַוועק די הענד און פרעג:

— וואָס איז? ... פאַרוואָס? ...

נאָר ער כאַפּט ווידער מײַן האַנד און דריקט זי שטאַרק צו די ליפּען און איך הער, ווי ער שעפּטשען:

— אַ דאַנק ... אַ גרויסען דאַנק אײַך ...

— פאַרוואָס? פרעג איך מיט נאָך מעהר פערוואונדערונג.

— וואָס איהר האָט מיך געראַטעוועט ... מײַן גאַנץ לעבען האָט איהר געראַטעוועט פון זײַערע הענד ... פון די, וואָס זענען מיר נאָכגעלאָפען — איהר געדענקט נישט? אָ, איך וועל אײַך קײנמאָל נישט פערגעסען ... און איך דאַנק אײַך זעהר ... איך דאַנק אײַך זעהר ...

איך האָב אַ קוק געטהון אין זײַנע אויגען און האָב זיך באַלד דערמאָנט: יאָ, דאָס איז ער, דער זעלבער, וואָס מען איז איהם נאָכגעלאָפען ...

— ווי אַזוי זשע האָט איהר מיך דערקענט?

— אָ, ווי אַזוי איך האָב אײַך דערקענט, פרעגט איהר? איך וועל קײנמאָל נישט פערגעסען אײַערע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט אויף מיר מיט אַזוי פיעל רחמנות, מיט אַזוי פיעל מיטגעפיהל; אין גאַנצען אײן מאָמענט האָט איהר געקוקט אויף מיר, נאָר איך וועל אין מײַן גאַנץ לעבען נישט פערגעסען אײַערע גוטע אויגען, פול מיט רחמנות צו מיר...

— מיט וואָס-זשע האָב איך אײַך געראַטעוועט? מיט וואָס האָב איך פערדיענט בײַ אײַך אַזוי פיעל דאַנקבאַרקײַט? פרעג איך ווידער מיט פערוואונדערונג.

און ער דערצעהלט ווײַטער:

— איהר פרעגט: מיט וואס? ווען נישט איהר, ווען איך שלאָג זיך אָן אויף איין אַנדערען בשעת מיין לויפען, ווער ווייסט, וואס עס וואָלט איצטער געווען מיט מיין ווייב, מיט מיינע קינדער, ווער ווייסט, וואו איך וואָלט איצטער אָנגעשפּארט... איך געדענק, אַז איך בין דאַן געלאָפען ווי אַ משוגע'נער, ווי אַ פער'סמ'טער הונט, ווען מען לויפט נאָך. איך האָב פאר מיר גאר נישט געזעהן, פאר די אויגען האט זיך מיר געדרעהט אַ נעפּיל, די פיס האָבען אונטער מיר זיך געהאַקט, אלע אברים האָבען אין מיר געציטערט און דאָס הארץ האט געפלאַטערט, אַז עס האט זיך מיר געדאַכט, אַז אַט־אַט פליהט עס אַרויס און איך פאַל אויף דעם טראָטואר, ווי אַ סנאָפּ. איך האָב נאָר פערשטאַנען, אַז מיט אלע מיינע לעצטע קרעפטען דארף איך לויפען און לויפען, און פלוצים האָב איך, כ'ווייס נישט ווי אזוי, זיך אַנגעשלאָגען אויף אייך... טויט־שרעק האָב איך אין דעם מאָמענט איבערגעלעבט, עס האט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז אָט שטרעקט איהר אויס אייערע הענד און איהר חאַפּט מיך אָן, און ס'זענען שוין דאָ די נאָכלויפער און מען שלאָגט מיך און מען פיהרט מיך אַ צו בלוטיגנטען... נאָר דאָ האָב איך דערזעהן אויגען פול מיט רחמנות קוקען אויף מיר. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען זעה איך אויגען מיט רחמנות צו מיר... איך האָב זיך דערפיהלט פריי און בין אַנטלאָפען... איין מאָמענט, נאָר איין מאָמענט האט עס געדויערט, און איך האָב אַזוי פיעל איבערגעלעבט...

— איהר האט דאַן ביי עמיצען עפּעס אַוועקגע'גנבעט? האָב איך איהם איבערגעשלאָגען די רייד.

— יאָ, גע'גנב'עט, פרעגט מיך נישט פאַרוואס... נאָר זינט איך האָב אין אייערע אויגען געזעהן צו מיר רחמנות — איז אין מיר אַנ'איבערקעהרעניש געוואָרען; איך האָב אָנגעהויבען גלויבען אין מענשען... פון דעמאָלט־אָן גנב'ע איך נישט מעהר... איהר האט מיך געראַטעוועט... מיין גאַנץ לעבען וועל איך אייך נישט פערגעסען. אַ דאַנק...

און מיט די ווערטער איז דער אונבעקאַנטער מענש מיט גיכע טריט פערשוואונדען געוואָרען פון מיר...

איך בין געבליבען שטעהן אויף דעם טראָטואַר און איהם נאָכ־געקוקט; איין געדאַנק האָט מיך נישט אָבגעלאָזט: וואָס דאַרף אַן אומגליקליכער מענש, עס זאָל זיך איהם לעבען גרינגער אויף דער וועלט? נאָר א ביסעלע רחמנות פון מענשען...

# מײַן ערשטער האָנאָראַר.

דער, וואָס האָט נישט געלעבט אין יענער צײַט, דער האָט נישט געלעבט און איז קײנמאָל יונג נישט געװען.

אַזוי, צום װעניגסטען, װײַזט זיך מיר אויס.

אין יענער צײַט בין איך געװען יונג, יונג. איך האָב געגלויבט אין יענעם, איך האָב געגלויבט אין זיך, — אין מײַן אַרבײַט. איך האָב געגלויבט, אַז איך קען גאַנצע װעלטען איבערמאַכען, אַז איך קען דאָס שװערע לעבען פון אונגליקליכע גרינגער מאַכען און די האַרטע הערצער פון די גליקליכע זאַטע װײכער מאַכען.

איך האָב געגלויבט אין מײַן אַרבײַט — אין מײַן שרײַבען, און האָב געשריבען און געשריבען, און מײַן גאַנץ לעבען, מײַן גאַנץ האַרץ האָב איך אַרײַנגעלעגט אין שרײַבען.

קײן אַנדער גערדאַנק, קײן אַנדער אינהאַלט פון לעבען האָב איך נישט פערשטאַנען און זיך נישט פאָרגעשטעלט, װי שרײַבען. נאָר מיט שרײַבען קען איך נוצען ברענגען „מײַנע אונגליקליכע ברידער", אונזער „אונגליקליך יודיש פאָלק", װי מען פלעגט זיך אין יענער צײַט אויס-דריקען װעגען יודען.

און איך האָב געשריבען און געשריבען, און שרײַבען איז בײַ מיר געװען אַ הײליגע זאַך.

װאָס איז אַזױנס „האָנאָראַם"?—האָב איך נישט געװאוסט, דאָס הײסט, געװאוסט האָב איך יאָ, נאָר איך האָב עס פערשטאַנען, אַז

דאָס איז אַ פּראָסטע זאַך, אַ גוי'עשע זאַך, עפּעס ווי חזיר עסן, און ווי קען אַ יוד, וואָס האָט ליעב „זײַן פאָלק" און וויל ברענגען נוצען „זײַנע אומגליקליכע ברידער", נעהמען האָנאָראַר פאַר אַזאַ הײַליגע זאַך ווי שרײַבען, דאָס הײסט נעהמען געצאָהלט מיט פּראָסטע מטבעות און פערשמאַלצעוועטע פּאַפּיער-געלד, פּונקט ווי מען נעהמט אין די געוועלבער געלד פאַר הערינג מיט נאַפט אָדער אין שענק פאַר בראָנפען.

און דאָס צאָהלען מיט געלד פאַר שרײַבען, אָדער ווי מען האָט עס אײַנגעוויקעלט אין אַ שען מענטעלע מיט דעם נאָמען „האָנאָראַר", האָט מיך געעקעלט, ווי אַ פרומען יודען, ווען ער קוקט אויף אַ שטיק חזיר.

און איך פלעג שרײַבען און שרײַבען, שיקען און שיקען אין דער רעדאַקציע און די רעדאַקציע פלעגט דרוקען און דרוקען אָהן האָנאָראַר און איך בין געווען צופרידען און די רעדאַקציע איז אויך געווען צופרידען.

פּלוצים אין אַ שענעם פריה-מאָרגען האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ געפיהל, וואָס האָט פערלאַנגט בעלוינונג.

איך האָב געטראַכט:

די גרעסטע לײַט, וועלכע אַרבײַטען פאַר זײַער פאָלק, לעבען דען פון לופט? זיי דאַרפען דאָך אויך האָבען מיטעל צום לעבען.

די פראַגען האָבען מיר אָנגעהויבען קריכען אין קאָפּ אַרײַן, און איך האָב זיי נישט געקענט פערענטפערען.

און איך בין געקומען צו אַ בעשלוס, אַז יודישע רעדאַקציעס קענען מיך נישט בעלוינען; זיי זענען נישט אימשטאַנד דאָס צו טהון, ווײַל איך האָב געגלויבט, אַז מיט זײַער דרוקען ברענגען זיי אויך נאָר קרבנות „זײַערע אומגליקליכע ברידער", דעם „אומגליקליכען יודישען פאָלק", און מיט זײַער דרוקען טהוען זיי אויך אַ הײליגע זאַך גלײַך מיט מיר. בײַ די אומות העולם נעהמען געצאָהלט פאַר אַזאַ אַרבײט אַפילו די גרעסטע אידעאַליסטען; יודען קענען זיך אָבער נישט גלײַכען צו זיי. אַ יוד אַ שרײַבער, אַ יוד אַ רעדאַקטאָר, דאַרף זוכען זײַן לעבענס-מיטעל פון זײַטיגע קוועלען און נישט פון אַזעלכע הײליגע זאַכען, ווי שרײַבען.

און איך האָב געפאָדערט פאַר מײַן שרײַבען בעלוינונג, נישט אין דער געשטאַלט פון האָנאָראַר פון רעדאַקציעס פאַר מײַן שרײַבען,

נאָר מײַנע געפֿיהלען האָבען פֿערלאַנגט בעלוינונג פֿון דעם זעלבען פֿאָלק, וועלכען איך בין מקריב מײַנע געדאַנקען...

און איך האָב גע'חלומ'ט וועגען בעלוינונג, נישט פֿון רעדאַקציעס מיט זײער „האָנאָראַר”, נאָר עס וועט קומען אַמאָל אַ צײַט, ווען דאָס פֿאָלק זעלבסט וועט מיך בעלוינען.

עפּעס האָב איך גע'חלומ'ט, אַז עס וועט זײַן אַ צײַט, ווען דאָס פֿאָלק וועט מיך אַרײַנזעצען אין אַ פּאַלאַץ, געבױט אויף אַ שענעם באַרג נעבען אַ ברעג ים; מײַנע פֿענסטער וועלען אַרויסקוקען אויף דעם ווײַטען ים, וואָס דאָס אויג קען נישט דערגרײַכען זײַנע ווײַטע, גאַנץ ווײַטע ברעגעס; אין מײַן פּאַלאַץ און אַרום דעם פּאַלאַץ וועט מיך אַרומרינגלען אַלעס שענעס, וואָס דערפֿרעהט דאָס אויג און וואַרעמט דאָס האַרץ, און איך וועל מײַן האַרץ און מײַנע אַלע געדאַנקען אַוועקגעבען מײַן פֿאָלק און איך וועל זיצען אין פּאַלאַץ און מיט אַ גאָלדענער פֿעדער וועל איך שרײַבען און שרײַבען פֿאַר מײַן פֿאָלק...

אַזאַ בעלוינונג האָבען מײַנע געפֿיהלען פֿערלאַנגט...

דערווײַל אָבער, ביז דער פּאַלאַץ אויף דעם באַרג וועט קומען, בין איך געזעסען אין מײַן קלײַן שטעדטיל אין אַ קלײַן צימער'ל בײַ אַ קלײַן טישעל נעבען אַ קלײַן לעמפּעל מיט אַ טונקעל פֿײַער'ל און האָב געשריבען און געשריבען גאַנצע נעכט און מײַן שרײַבען פֿלעג איך אַוועקשיקען אין דער יודישער רעדאַקציע, און די דאָזיגע רעדאַקציע האָט געדרוקט אָהן שום „האָנאָראַר”...

דאָס קלײַנע צימער'ל האָב איך געדונגען פֿאַר דרײַ רובל אַ חודש בײַ זעליג אײַזענשטײַן, וואָס האָט געהאַט אין שטעדטיל זײַן אײגען הײַזעל פֿון פֿיער צימערן, וועלכעס ער האָט גע'ירש'נט פֿון זײַן טאַטען. אײנס פֿון זײ, דאָס קלענסטע צימער'ל, האָט ער מיר פֿערדונגען.

זעליג אײַזענשטײַן איז אויך געווען אַ שרײַבער און מען פֿלעגט איהם טאַקע רופֿען אין שטאָדט „זעליג דער שרײַבער”, ווײַל ער פֿלעגט שרײַבען אַלערלײ פּראָשעניעס.

געהאַלטען האָט ער זיך פֿאַר אַ שטיקעל אַדוואָקאַט.

אין צימערל, וועלכעס האָט געדיענט אַלס קאַבינעט, האָט זיך געפֿונען אַ שרײַב-טישעל בעדעקט מיט אַ גרינעם געוואַנד, ווי בײַם „מיראָוואָי סודיאַ” אין שטעדטיל. אויף דעם טיש איז געשטאַנען אין דער בעסטער אָרדנונג אַ טינטער, אַ פֿעדער און אַ בלײַשטיפֿט מיט אַ לאַנגען

שפּיץ , װעלכען קײנער האָט נישט געקענט אַזױ שײן פֿערשניצען, װי ער אַלײן ·

אױף צו פֿערשניצען אַ נײַעם שפּיץ פֿלעגט ער לאַנגזאַם שניצען אַ האַלבע שעה און אַמאָל נאָך מעהר , ביז עס איז אַרױסגעקומען, װי עס דאַרף צו זײַן ·

אַ חוץ דעם טינטער , די פֿעדער און אַ בלײַשטיפֿט מיט אַ בעריהמטען פֿערשניצטען שפּיץ , האָט זיך אױך שטענדיג געפֿונען אױף דעם טיש אַ האַלבע ליבּרע גרױסע בױגענס פּאַפּיער פֿאַר פּראָשעניעס שרײַבען, אַ טראַנספּאַראַנט אונטערצולעגען אונטער דעם פּאַפּיער בײַם שרײַבען , און בעזונדער איז געלעגען אױף דעם טיש אַ דיקער נאָר אַ קורצער „סוואָד זאַקאָנאָוו״ ·

אַלײן איז ער געװען שטענדיג אױסגעפּוצט , גלאַט פֿערקעמט און אָבגעבערשטעלט. בײַ קײנעם האָבען אַזױ נישט שוואַרץ געשפּיגעלט די שטיװעל , װי בײַ זעליג דעם שרײַבער , בײַ קײנעם איז נישט אַזױ קונציג געמאַכט געװאָרען דער שלײף פֿון קראַװאַט , װי בײַ איהם ·

אַ געפּוצט מענשעל , אַ בעטראַכטער און אַ שװײַגענדיגער און נישט אָהן שטאָלץ אױף זײַן „אַדװאָקאַטור״ איז געװען זעליג אײַזענשטײַן.

אַ גאַנצע װאָך איז ער אַרומגעגאַנגען לעדיג , װײַל מעהר װי פֿיער-פֿינף פּראָשעניעס האָט ער פֿון שטעדטיל נישט געהאַט צו שרײַבען ·

יעדען פֿריהמאָרגען נאָך דעם טײ טרינקען פֿלעגט ער אַנ׳אױסגעפּוצטער אַרײַנגעהן צו זיך אין קאַבינעטעל , זיך אַנידערזעצען נעבען זײַן טישעל מיט גרין געװאַנד בעדעקט , נעהמען די פֿען , דערנאָך דעם בלײַשטיפֿט און בעטראַכטען , צי זײ זענען אין אָרדנונג . פֿלעגט עמיצער קומען אָנשרײַבען אַ פּראָשעניע , פֿלעגט ער איהם אױסהערען מיט אַ אױער פֿון אַ „מיראָװאָי סודיאַ״ , דערנאָך פֿלעגט ער אױסגלײַכען אַ בױגען פּאַפּיער , פֿערקנײטשען אײן בּרעג, אונטערלעגען דעם טראַנספּאַראַנט, לאַנגזאַם אײַנטונקען די פֿעדער, זי אָבשאָקלען פֿון צופֿיעל טינט, זי זאָל נישט לעגען חס ושלום קײן „בּילקע״ און מיט אַ שײן כּתב׳יל אױסציהען מיט גרױסע בוכשטאַבען „יעװאָ װיסאָקאָבלאַגאָראָדיע גאָספּאָדינו מיראָװאָמו״ א. אַ. װ.

אַז ער האָט געענדיגט די פּראָשעניע און בעקומען זײַן „האָנאָראַר״ פֿון עטליכע צעהנער קאָפּיקעס, פֿלעגט ער מיט אַ בעזונדער צופֿריעדענהײַט זײ אַראָבלאָזען אין קעשענע און צוריק מאַכען אין

אָרדנונג דאָס שרײַבנעצײַג. איז קײנער נישט געקומען, פּלעגט ער אַרײַנקוקען אין זײַן אײנציגען לעזע-בוך — דעם „כוואָר זאַקאָנאָוו".

דערפאַר זונטאָג און אין אַלע חגאות, ווען אין שטעדטיל פּלעגט זיך שטעלען דער יריד, פּלעגט זעליג שרײַבער זײַן פאַרנומען כמעט דעם גאַנצען טאָג. זײַן קאַבינעטעל איז פול געווען מיט פּויערן, יעדער פּלעגט דערצעהלען, וואָס ער וויל, מען זאָל אין זײַן פּראָשעניע שרײַבען, און זעליג פּלעגט זיך אַפילו נישט אומקוקען, מיט אײן אויער האַפּען פון יעדען אַ פּאָר ווערטער און די „יעוואָ וויסאָקאָבלאַגאָראָדיעם" פּלעגט ער באַקען ווי ערב פּסח'דיגע מצות און פון די פּויערשע פּראָסטע לײַווענטענע קעשענעס פּלעגט זיך שיטען צו זעליג'ען צעהנערס ווי באָב.

זעליג אײַזענשטײַן, האָטש פּלעגט ער אַלס שווײַגער מיט מיר זעהר ווענים רעדען, האָט זיך פונדעסטוועגען צוגעקוקט צו מיר, וואָס איך טהו אין מײַן צימערל.

ער פּלעגט וויסען, ווי איך זיץ איבער גאַנצע נעכט בײַ מײַן טישעל און שרײַב.

ער פּלעגט זעהן, ווי איך בין שטענדיג פאַרנומען און האָב אַפילו קײן צײַט נישט זיך אומצוקוקען אויף מיר, מײַנע האָר צושויבערט, דער קראַוואַט אָן אַ זײַט און שטענדיג האָב איך זיך עפּעס געאײַלט און קײן צײַט געהאַט.

ער האָט מיך קײנמאָל נישט אָבגעשטעלט און נישט געפרעגט, וואָס איך טהו, האָטש ווי איך האָב בעמערקט, האָט ער מיך קײנמאָל פון אויג נישט אָבגעלאָזט.

נאָר אײנמאָל זומער פאַרנאַכט, שטעהענדיג פאַר דער טהיר, האָבען מיר זיך פון עפּעס צורעדט און פלוצים האָט ער מיך אַ פרעג געטהון:

— אָן אײַער שרײַבען, ווײַזט אויס, פערדיענט איהר שען געלד. איך זעה, אַז איהר זענט שטענדיג פאַרנומען, איהר אײַלט זיך שטענדיג מיט אײַער אַרבײַט און האָט קײנמאָל קײן צײַט נישט.

איך האָב איהם נישט געענטפערט. איך האָב נאָר אַ קוק געטהון אויף איהם מיט דער גרעסטער פערראַכטונג, ווי אויף אַ קלײן מענשעלע, ווי אויף אַ פּראָסטען אָבגעשטויסענעם נפש, בײַ וועלכען עס איז נישטאָ קײן הײליגע זאַך און אַלץ אין דער וועלט מעסט ער נאָר אויף

דעם גראָשען אָדער אויף דער צאָהל פון די קופּערנע צעהנערס, וועלכע ער נעהמט פאַר די פּראָשעניעס, וואָס ער שרײַבט.

* *

*

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקעל צײַט. ער האָט מיך מעהר וועגען דעם נישט געפרעגט און איך האָב מיט איהם וועגען מײַן שרײַבען נישט גערעדט און איך בין מיר ווײַטער געזעסען אין מײַן צימערל און האָב געשריבען און געשריבען.

איך האָב אָבער אָנגעהויבען צו בעמערקען, ווי ער קוקט אויף מיר מיט קנאה. זײַן פריהערדיגער שטאָלץ פון אַ קלײַנשטעדטילדיגען, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ אינטעליגענט, איז קעגען מיר אַראָב. איך האָב בעמערקט, ווי ער זוכט מײַן בעקאַנטשאַפט, מײַן פרײַנדשאַפט און וואָס מעהר מיט מיר זיך צו בעאָקנען.

איך האָב עס, נאַטירליך, אָנגענומען, אַז ער איז מיך מקנא אויף מײַן שרײַבען, דאָס הײַסט, וואָס מײַן שרײַבען דרוקט זיך אין דער צײַטונג, אַלע לײַענען און מײַן נאָמען ווערט פּאָפּולער.

אײַנמאָל, ווען איך בין אַרײַנגעגאַנגען צו איהם אין קאַבינעטעל בעצאָהלען די דרײַ רובל חודש-געלד פאַר מײַן צימערל און קײַנער איז דאָרט נישט געווען, האָט ער מיך געבעטען זיצען מיט גרויס אָבּ-שײַ, ווי מען בעט זיצען אַ גרויסען גביר, ווען ער קומט צו אַנ׳אָרי-מאַן אין שטוב.

— איך מוז אײַך זאָגען דעם אמת, האָט ער זיך געווענדעט צו מיר, אַז מיך מיט מײַן פרוי וואונדערט זעהר, וואָס מיר וואוינען אונטער אײַן דאַך, אין אײַן שטוב, און איהר דערווײַטערט זיך אַזוי פון אונז. אמת, מיר זענען נישט אַזוי רײַך ווי אַנדערע, נאָר צו לײַטען זענען מיר ב״ה גלײַך, ווי אַזוי קומט מען נישט אַמאָל אַרײַן אויף אַ גלעזעל טיי, צי גלאַט אַזוי פערברענגען די צײַט?

איך האָב געצויגען מיט די פּלײַצעס: צו וואָס רעדט ער דאָ וועגען אָרים און רײַך, מיט לײַטען גלײַך? און האָב זיך פערענטפערט:

— גלויבט מיר, איך וואָלט מיט פערגעניגען אַרײַנגעקומען צו אײַך, נאָר איך, ווי איהר ווײַסט, בין איך שטענדיג זעהר פערנומען.

— אַזוי פיעל ארבייט האָט איהר, אַז איהר קענט זיך נישט אָבריַיסען אַמאָל איין אָוועגד פערברענגען מיט אונז?

— יאָ איך בין פערנומען, וואָס קען מען טהון!

— אָבער אין אָוועגד?

— אין אָוועגד מוז איך שרייבען.

— עס ווייזט אויס, אַז אייער שרייבען בעצאָהלט זיך גוט און איהר פערדיענט אַ סך געלד... האָט ער געזאָגט מיט אַ פערשטיקטען געלעכטערל.

זיין ווייב, וועלכע האָט געהערט אונזער שמועס פון יענער זייט טהיר, איז אַריינגעקומען און זיך אַריינגעמישט אין אונזער געשפּרעך.

— נישקשה, אונזער שטילער שכן געהער צונויפלעגען אַזוי שטילערהייד אַ שענע קאָפּיקע פון זיין שרייבען. נישט היינט — מאָרגען וועט אין אונזער שטעדטיל אַרויסשפּרינגען אַ נייער גביר — אַזוי זענען די שטילינקע!... די גאַנצע שטאָדט רעדט שוין, אַז ער מאַכט אַ שענע קאָפּיקע פון זיין שרייבען, וואָס מען דרוקט אין פּעטערבורג און די גאַנצע וועלט ליי‏ענט.

— שעמט זיך נישט, איהר האָט זיך פאַר אונז נישט, וואָס צו בעהאַלטען — האָט מיין בעל-הבית'טע נישט אויפגעהערט — גלויבט מיר, אַז מיר זענען אייך גוטע פריינד, וואָרום וואָס האָבען מיר צו אייך? אַ יונגערמאַן זיצט און שרייבט און פערדיענט געלד, אונז קאָן נאָר הנאה טהון...

— איך מוז אייך זאָגען דעם אמת — האָט מיין בעל-הבית'טע איבערגעביטען דעם טאָן אויף אַ מעהר ווייכען, און איהר שטוהל צוגערוקט צו מיר נעהנטער — אַז נישט לאַנג איז צו מיר אַריינגעקומען אַ שרכן און געוואָלט זיך דערוויסען, וויפיעל איהר פערדיענט און וויפיעל איהר פערמאָגט, האָב איך נישט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. עס איז מיר געווען פּראָסט אַ בזיון. וואָס איז שייך צו זאָגען, מען וואוינט אין איין שמזוב, און האָב איהם געמוזט ענטפערען, אַז איך וויים נישט, נאָר איך האָב איהם צוגעזאָגט זיך דערוויסען ביי אייך. איך מוז אייך נאָכאַמאָל זאָגען, אַז ער רעדט אייך זעהר אַ געהויבענעם שידוך. דער שרכן זאָגט, אַז איהר האָט זעהר אַ שענעם נאָמען און אַז אייער נאָמען איז בעקאַנט אין דער וועלט, דערצו האָט ער דער-צעהלט, אַז אין שטאָדט רעדט מען שטאַרק, אַז איהר פערדיענט קיין עין הרע, גרויסע געלדער אָן אייער שרייבען און האָט זאָגאַר שוין

אָנגעקליבען אַ שענעם קאַפּיטאַל. און פאַרוואָס נישט ? בײַ אַזאַ קלײנע הוצאה, וואָס איהר האָט . דערצו פיהרט איהר זיך נישט ווי אַלע אַנדערע יונגע לײַט , וואָס האָבען ליעב אויסצוברענגען , קאָן מען טאַקע בײַ אַזעלכע פערדיענסטען אָנקלויבען אַ שענעם קאַפּיטאַל , און דאָס , מוז איך אײַך זאָגען, איז אַ גרויסע מעלה הײַנטיגע צײַטען פאַר אַ שידוך, ווען אַ יונגערמאַן לעבט זיך שפאָרעוודיג . אָנרופען אײַך דעם שידוך, וואָס דער שדכן האָט פאָרגעלעגט, קאָן איך נאָך נישט, שפּעטער וועט איהר אַלץ וויסען , נאָר דאָס פערשטעהט איהר דאָך אַלײן , אַז פריהער פאַר אַלץ דאַרף מען דאָך וויסען, וויפיעל איהר פערדיענט אָן אײַער שרײַבען ?

— איך פערדיען גאָרנישט אָן מײַן שרײַבען , האָב איך מיט אײנמאָל אויסגעשאָסען .

— וואָס הײסט איהר פערדיענט גאָרנישט אָן אײַער שרײַבען ?

עט , איהר מאַכט חוזק פון אונז .

— איך רעכען גאָרנישט חוזק צו מאַכען — פּראָסט, איך שרײַב אומזיסט , איך נעהם נישט קײן האָנאָראַר פאַר מײַן שרײַבען .

— איהר האָט אַ פּנים נישט, פון וועמען צו לאַכען . וואָס הײסט אומזיסט ? וואָס הײסט מען צאָהלט אײַך נישט ? צו וואָס־זשע שרײַבט איהר , אַז איהר האָט גאָרנישט דערפון ? האָט די בעל־הבית׳טע מיך פערשיט מיט פראַגען און דער בעל־הבית נאָך איהר :

—וואו האָט איהר עס, איהר זאָלט מיר מוחל זײַן, הײַנטיגע צײַטען אַזוינע נאַראָנים , וועלכע זאָלען אַרבײַטען פאַר יענעם אומזיסט ? און נאָך אַזוי אַרבײַטען ! גאַנצע נעכט אַרבײַט איהר דאָך ! — לויפט אויף דער פּאָסט , קויפט מאַרקעס און שיקט אַוועק — עט , איהר מאַכט חוזק .

— איהר רופט אָן מײַן שרײַבען „אַרבײַט״ ? — האָב איך זיך שוין נישט געקענט אײַנהאַלטען און זיך אָנגעצונדען, קוקענדיג אויף זײ מיט פעראַכטונג פון אויבען אַראָב, ווי אויף קלײנע פּראָסטע מענשעלעך מיט קלײנע השגות — וואָס הײסט איך אַרבײַט ? עפּעס קומט עס אויס בײַ אײַך, ווי איך אַרבײַט אַ פּאָר שטיוועל און מען דאַרף מיר בעצאָהלען — איך שרײַב , איהר ווײסט וואָס הײסט שרײַבען !? איהר פערשטעהט, וואָס הײסט שרײַבען פאַר „אײגענע ברידער״, פאַר אַן׳אײגען פאָלק, אום זײ „נוצען צו ברענגען״!? אום זײ גליקליך צו זעהן!? איהר רופט עס אָן „אַרבײַט״, נײן , דאָ אַרבײַט מען נישט, נאָר מען

גיסט אויס דאָס האַרץ, ווי אַ גרויסער ים צוגיסט זיך מיט זיינע רוישענדיגע חוואַליעס איבער די ברעגען. מען גיסט מיט בליצען, מיט שטראַהלען פון ליעבע אויף אַלעס שענעס און גוטעס אין גאָטס וועלט, מען גיסט מיט ביטערע גאַל אויף אַלעס שלעכטעס און בעזעס, מען גיסט מיט געדאַנקען און מיט אַלעס, וואָס גאָט האָט דיך בעשאָנקען, אַלץ, אַלץ פאַר „דיין פאָלק", פאַר דיינע „אומגליקליכע ברידער!" פאַר אַזעלכע זאַכען נעהמט מען נישט קיין געצאָהלט, קיין האָנאָראַר, אָן אַזעלכע זאַכען פערדינט מען נישט! אַזעלכע זאַכען גיט מען אַוועק אומזיסט מיט דעם גוטען ווילען, מיט דעם גאַנצען האַרצען.

מיין בעל-הבית'טע האָט פון מיינע ווערטער אָנגעהויבען פינטלען מיט די אויגען און אָבגערוקט איהר שטוהל פון מיר מיט אַזאַ רחמנותדיגע מינע, ווי גלייך זי זאָל זאָגען: „מילא האָב איך נישט געפרעגט, וויפיעל איהר פערדינט פון אייער שרייבען, נאָר דאָס, וואָס איך פערשטעה נישט — פערשטעה איך נישט". און איז זיך אַוועקגעגאַנגען אין קיך אַריין, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט אַ טעפעל לויפען.

זעליג אייזענשטיין, אויסהערענדיג, ווי איך האָב זיך „אָנגעצונדען" וועגען מיין שרייבען, האָט זיך מיט קיין אבר נישט גערירט, זיין געזיכט איז געבליבען קאַלט און גלייכגילטיג ווי שטענדיג, און קאַלטבלוטיג האָט ער זיך אָנגערופען:

— יאָ, עס קען זיין, אַז אַלץ, וואָס איהר דערצעהלט וועגען אייער שרייבען איז ריכטיג, אפשר פאַסט אייך טאַקע נישט צו נעהמען פאַר אייער שרייבען געצאָהלט, אָבער דער, וואָס דרוקט אייער שרייבען אין זיין צייטונג, האָט דאָך געוויס אַ אינטערעס, ווען נישט וואָלט ער אייערע זאַכען אַזוי פינקטליך נישט געדרוקט און וואָלט אייך נישט געשריבען קיין בריעף, איהר זאָלט נאָך וויטער שרייבען.

— נו, איז וואָס? ער האָט דעם זעלבען אינטערעס, וואָס איך.

— עט, איך גלויב נישט, איך מיין, אַז ער האָט דערביי אויך אַ געלד-אינטערעס. אמת, עס קען זיין, אַז אַ יודישער רעדאַקטאָר קאָן נישט רייך ווערען, אָבער אינגאַנצען לשם מצוה טהוט ער עס נישט, און ווי באַלד אַזוי, פאַרוואָס-זשע, פרעג איך אייך, זאָלט איהר אויך עפּעס נישט האָבען פאַר אייער שרייבען?

— וויים איך דאָרטען, וואָס איהר זאָגט! שענע געלד-אינטערעסען קען, אומשטיינס געזאָגט, אַ יודישער רעדאַקטאָר האָבען.

— ווייסט איהר וואָס, פאָלגט מיך און פרובט שרייבט איהם

אַ בריוועל , אַז מען זאָל אײַך צאָהלען , ווערט איהר זעהען , אַז מען וועט אײַך אַרײַנשיקען האָנאָראַר . איך קען אײַך נישט זאָגען וויפיעל , נאָר אַרײַנשיקען וועט מען אײַך געוויס .

— עט , נאַרישקײַטען ! ערשטענס האָט אַ יודישער רעדאַקטאָר נישט, מיט וואָס צו צאָהלען, איהר האָט געלײענט נישט לאַנג עטליכע אַרטיקלען, אין וואָס פאַר אַ טרויעריגע לאַגע די יודישע ליטעראַטור געפינט זיך , און ווי אַ יודישען שרײַבער קומט אוים סוף כל סוף צו שטאַרבען אין פרעמדע תכריכים. אָט האָט איהר אַזאַ גרויסען שרײַבער ווי אברהם בער גאָטלאָבער , וועלכער איז בלינד געוואָרען , קלויבט מען שוין פון זײַנעטוועגען נדבות. און איך האָב אויסגערעכענט אַ גאַנצען צעטעל פון אַנדערע יודישע שרײַבער, וועלכע לעבען אָדער זענען געשטאָרבען אין גרוים אָרימקײַט .

— פונדעסטוועגען פרובט אויף אַ ציקאַוואָשץ שרײַבען , אַז איהר פערלאַנגט, מען זאָל אײַך שיקען האָנאָראַר , אָדער שרײַבט , אַז איהר קענט נישט מעהר אומזיסט אַרבײַטען. נאָר וואָס דאַרף איך אײַך לערנען, ווי אַזוי איהר זאָלט שרײַבען ? — ווי אָנצושרײַבען אַ בריעף וועט איהר שוין בעסער פערשטעהן ווי איך , נישקשה — איהר קענט ב״ה שרײַבען , מען קען זיך פערלאָזען אויף אײַך מיט אַ גוט בריוועל אָנשרײַבען ! . . . האָט מײַן בעל־הבית געענדיגט און זײַנע ליפּען אויף זײַן קאַלט פּנים האָבען אָנגעווענדעט אַלע כחות זיך אויסלעגען אין אַ שמײכעל און מאַכען אַ פרעהליכע פּאָזע .

*　*

*

אַ פּאָר וואָכען איז פון דער צײַט אַוועקגעגאַנגען און יעדעס מאָל, ווען מײַן בעל־הבית האָט מיך בעגעגענט, איז די ערשטע פראַגע געווען :

— נו , איהר האָט שוין געשריבען אין רעדאַקציע אַ בריוועל מכּוח דאָס און מכּוח יענץ ?

איך פלעג איהם מיט אַ בעזונדער פעראַכטונג יעדעס מאָל אָבענטפערען .

— ווײס איך , וואָס איהר דולט מיר אַ קאָפּ .

אָבער ער האָט מיך אויך ווײַטער נישט אָבגעלאָזט מיט זײַנע

פראַגען וועגען אַ בריעף שרײַבען. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איהם אינטערעסירט נישט אַזוי, איך זאָל בעקומען האָנאָראַר, נאָר איהם פערדריסט, פאַרוואָס געפינט זיך ערגעץ אין פּעטערבורג אַ ייד, וואָס מאַכט אַ געשעפט מיט מײַנע אומזיסטיגע אַרבײַט.

אײַנמאָל האָט ער מיר אַזוי דערעסען מיט זײַן פרעגען, צי האָב איך שוין געשריבען „מכות דאָס און יענץ", אַז איך האָב איהם גע-ענטפערט:

— וואָס מײַנט איהר, אַז שרײַבען אין אַ יודישער צײַטונג איז אַלץ איינס, ווי שרײַבען „פּראָשעניעס", פאַר וועלכע מען דאַרף בע-צאָהלען?...

נאָך דעם ענטפער האָט ער אויף אַ קורצער צײַט מיך אויפגע-הערט פרעגען, נאָר אײַנמאָל ווען מיר, דאָס הײסט, מײַן בעל-הבית, די בעל-הבית׳טע און איך, זענען צוזאַמען געזעסען אין זײַן קאַבינעטעל און גערעדט וועגען דעם, אַז בײַם גביר פון שטאָדט האָט אַ „טחאָר" אויסגעדושעט אַלע הינער, וואָס מען האָט געהאָדעוועט אפשר זעקס וואָכען, איז מײַן בעל-הבית׳טע ווידער אַרויף מיט איהר שידוך, וואָס דער שדכן רעדט איהר פאַר מיר, און דאָ האָט זעליג אײַזענשטײַן ווידער אָנגעהויבען מיר אײַנצורעדען.

— וואָס האָט איהר דאָ מורא צו שרײַבען אַ בריוועל? פאַר אָנמוטען קומט גאַרנישט. יאָ — יאָ, נישט — נישט.

— און טאַקע באמת, האָט זיך אַרײַנגעמישט זײַן ווײַב, וואָס הײסט אַ מענש זאָל אַרבײַטען אומזיסט און אַנ׳אַנדערער זאָל מאַכען געשעפטען? און וואָס ווערט איהר דאָ אָן? — מען וועט אײַך אָבזאָ-גען? חאַ, חאַ, סײַ ווי סײַ צאָהלט מען דאָך אײַך נישט, וואָס קענט איהר דאָ אָנווערען? אָט פאָלגט אונז און שרײַבט טאַקע שוין און לײגט עס נישט אָב. אַזאַ פערדראָס, אַזאַ פערדראָס! אַ מענש זאָל אַרבײַטען אומזיסט, און יענער זאָל מאַכען געשעפטען!...

— איהר האָט נאָך, וואָס צו טראַכטען? גלויבט מיר, אַז מײַן ווײַב איז זעהר גערעכט, וואָס זי זאָגט, אַז איהר זאָלט נישט אָבלע-גען און טאַקע באַלד אָנשרײַבען.

— טאַקע באַלד?

— אודאי באַלד.

און אַזוי רעדענדיג האָט מען מיר אונטערגערוקט די טינט און פעדער מיט אַ בויגעלע פאַפּיער און איך האָב אָנגעהויבען שרײַבען מכות

„דאָס און יענץ", דאָס הײַסט, אַז מען זאָל מיר שיקן „האָנאָראַר" .

די הענד האָבן מיר געציטערט שרײַבענדיק, בײַ יעדן וואָרט האָב איך זיך אָבגעשטעלט, געקוקט אויף די אָנגעשריבענע ווערטער, וועלכע זענען מיר געשפּרונגען אין די אויגן און זײַ, מײַן בעל-הבית מיט דער בעל-הבית'טע, האָבן בעת מעשה אַרומגעשפּאַצירט איבער דעם קאַבינעטל, געשמאָטשקעט אַלע מאָל מיט די ליפּן און גערעדט צו זיך:

— אַזאַ מעשה! אַ מענש זאָל אַרבעטן אומזיסט פאַר יענעם, און יענער מאַכט זיך אַ שווײַג און גאָרנישט!

— אַזאַ פערדראָס! צוגעטשעפּעט זיך צו אַ יונגענמאַן, ער זאָל אַרבעטן אומזיסט, און יענער זאָל מאַכן געשעפטן — אַזאַ מעשה האָט זיך נאָך נישט פּערלאָפן אין דער גאַנצער וועלט. אַזאַ כער-דראָס! אַזאַ פערדראָס!

דעם בריוו האָב איך געענדיגט און איבערגעלייענט.

— אַזוי, אַזוי, זעהר גוט, וואָס דען? עפּעס הפקר אַ וועלט? האָבן זײַ בײדע צו מײַן בריוו מסכים געווען.

מיט ציטערדיגע הענד האָב איך איהם אַרײַנגעלעגט אין קאָנווערט און פערקלעבט.

דעם גאַנצן טאָג האָב איך דעם בריוו געטראָגן אין קעשענע און געקווענקלט זיך, צי זאָל איך איהם אַוועקשיקן אָדער נישט, ווײַל עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך טהו אַ גרויס פערברעכן, נאָר ווי די שלאַנג האָט אָנגערעדט חוה'ן צו עסן פון דעם עץ-הדעת, אַזוי זענען געשטאַנען פאַר מײַנע אויגן מײַן בעל-הבית מיט דער בעל-הבית'טע און מיר אַלץ אײַנגערעדט: „שיקט אַוועק דעם בריוו" און ערשט אויף דער נאַכט האָב איך זיך אָנגענומען מיט קוראַזש: איך בין אַוועק אויף דער פּאָסט און אָבגעלאָזט דעם בריוו אין פּאָסט-קעסטעל . . .

דער בריוו האָט געגעבן אַ קלאַפּ אין קעסטעל און מײַן האַרץ האָט זיך אָבגעריסן . . .

— וואָס האָב איך געטהון? וואָס האָב איך געטהון? האָב איך זיך אָנגעהויבן צו עסן און האָב געוואָלט חאַפּן דעם בריוו צוריק, נאָר עס איז שוין אָבער געווען צו שפּעט . . .

די גאַנצע נאַכט האָב איך קײן אויג נישט צוגעמאַכט, פערדראָס מיט כעס אויף זיך אַלײן און שרעקליכע חרטה האָבן מיך נישט

געלאָזט שלאָפען. איך האָב זיך געקאַטשעט אויף דעם געלעגער, איבער־געקעהרט עטליכע מאָל דאָס קישען און אָנשטאָט שלאָפען האָב איך זיך פאָרגעשטעלט אַ שרעקליך בילד: מײַן בריף איז אָנגעקומען צום רעדאַקטאָר, ער האָט איבערגעלייענט און מיט כעס איהם צוריסען אויף שטיקלעך און אַרײַנגעוואָרפען אין קויש.

דערנאָך זעה איך, ווי ער איז אַרײַן אין רעדאַקציע און געזאָגט צו זײַנע מיטאַרבײַטער: ווי געפעלט אײַך אַזאַ עזות? אַ מענש, וואָס שרײַבט נאָר וועגען גליק פון זײַנע „אומגליקליכע ברידער", וועגען „אונזער אומגליקליך פאָלק" הײַסט זיך בעצאָהלען פאַר זײַן שרײַבען! מעהר זאָל מען זײַן שרײַבען נישט דרוקען!...

— נ י ש ט  ד ר ו ק ע ן!... קלאַפּט מיר אין די אויערען, ווי די לאָפּעטע איבער אַ קבר — מײַן שרײַבען מעהר נישט דרוקען! וואָס וועל איך טהון? וואָס איז מײַן לעבען, אַז נישט שרײַבען און דרוקען! וואָס וועל איך אָנהויבען צו טהון שוין מאָרגענדיגען טאָג? צי זאָל איך שרײַבען פאַר דער רעדאַקציע אָדער נישט? ניין, ניין, זיי וועלען שוין מײַנס מעהר נישט דרוקען. אָט דער פּראָשעניע־שרײַבער האָט מיך אומגליקליך געמאַכט אויף מײַן גאַנץ לעבען, פערשאָלטען זאָל ווערען די שעה, וואָס איך האָב געדונגען בײַ איהם דעם צימער!

אַ בלאַסער, אַ צושויבערטער, נישט קיין אויסגעשלאָפענער בין איך אַרײַן צו מײַן בעל־הבית גאַנץ פריה.

— וואָס איז מיט אײַך? — האָט ער מיט זײַן ווײַב מיט שרעק מיך בעגעגענט — וואָס איז אַזוי פריה? און ווי בלאַס איהר זעהט אויס, איהר זענט פּלוצים עפּעס נישט געזונד געוואָרען?

— ניין, איך בין געקומען צו אײַך מיט אַ גרויסער בקשה, אפשר זענט איהר בעקאַנט מיט דעם פּאָסטמײַסטער, וואָלט איך אײַך געבעטען, איהר זאָלט זיך באַלד מטריח זײַן צו איהם און בעטען, מען זאָל מיר אומקעהרען צוריק מײַן בריף, וואָס איך האָב נעכטען אָבענד אַרײַנגעוואָרפען אין קעסטעל.

— וועלכער בריף?

— דעם בריף, וואָס איך האָב געשיקט אין רעדאַקציע.

— נאָט איז מיט אײַך, וואָס רעדט איהר?...

— פרעגט מיך נישט, עס געהט מיר אין לעבען.

— נו, אַז איהר ווילט וועל איך געהן, איך בין מיט דעם פּאָסטמײַסטער זעהר גוט בעקאַנט.

— איך װעל אײַך בעטען טאַקע באַלד געהן.

אין אַ האַלבער שעה איז מײַן בעל־הבית געקומען צוריק און מיר איבערגעגעבען, אַז עס איז שוין פערפאַלען, װײַל די פּאָסט מיט מײַן בריעף איז אַװעק צװעלף בײַנאַכט.

— איהר האָט מיך אומגליקליך געמאַכט, איהר האָט מיך אַװעק־געקײלעט אָהן אַ מעסער! האָב איך אױסגעשריען און אַן'אומגליקליכער אַװעק צו זיך אין צימער...

---

אין צעהן טאָג אַרום, אין אַ זומערדיגען נאָר אַ פערװאָלקענטען פריה־מאָרגען, האָב איך בעקומען אַ געלד־פּאַקעט פון דער רעדאַקציע.

איך האָב פון פּאַקעט אַרױסגענומען די פערשמאָלצעװעטע פּאַפּיער געלד און געקוקט אױף מײַן ערשטען האָנאָראַר און זיך געפיהלט, װי אַ כלה אױף מאָרגען נאָך דער חופּה, װען זי האָט פערלױרען איהר יוגענד...

# אינהאלט:


| | |
|---|---|
| אברהם זילבערצוויַיג . | 1 |
| יודישע עשירות. | 59 |
| אַ חתונה . | 69 |
| פּאַר וועמען (עסקיז). | 83 |
| דאָס שבת'דיגע היטעל. | 91 |
| אַ מופת . | 109 |
| אנ'אָרעם מאָל־צייַט . | 135 |
| יאָסעל ארענדאַר . | 132 |
| אַ דאַנק | 138 |
| מיַין ערשטער האָנאָראַר . | 239 |